STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06617

VARENKE OLYESOVA

Maksim Gorky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאקסים גארקי

וואַרענקע אָליעסאָוואַ

יידיש: ש. זאקס

פארלאג: ש. גאָלדפארב
ווארשע 1929

1929
Printed in Poland

Druk. G. Piment, Sierakowska 4.

מאקסים גארקי

וואָרענקע
אָליעסאָוואַ

I

...עטלעכע טעג נאָך דעם, ווי איפּאָליט סערגעיעוויטש איז נאָמינירט געוואָרן אַלס פּריוואַט-דאָצענט אין איינער פון די פּראָווינציעלע אוניווערזיטעטן, האָט ער באַקומען אַ דעפּעשע פון זיין שוועסטער אויס איר גוט, אין אַ וויטן וואַלדיקן פּאָוויאַט, אויף דער וואָלגאַ.

די דעפּעשע האָט קורץ מיטגעטיילט.

„געשטאָרבן דער מאַן. למען-השם קום תיכף צופאָרן מיר אַרויסצוהעלפן. יעליזאַוועטע".

דער דאָזיקער אומרויִקער רוף האָט נישט אנגענעם אויפגערעגט איפּאָליט סערגעיעוויטש, צעשטערנדיק זיינע כּוחות און זיין שטימונג. ער האָט שוין געהאַט באַשלאָסן אוועקצופאָרן אויף זומער אין דאָרף אַריין צו איינעם פון זיינע חברים און דאָרטן פיל צו אַרבייטן, כּדי מיט כּבוד זיך צוצוגרייטן צו די פּאָרטראַגן, וואָס זענען אים פאָרגעשטאַנען צו האַלטן אין אוניווערזיטעט, און אַט איצט דאַרף ער גאָר אומגעריכט פאָרן אויף מער ווי טויזנט ווי‌אָרסט פון פּעטערבורג און פונעם אָרט, ווו ער איז באַשטימט געוואָרן אויף דער קאַטעדרע, כּדי צו טרייסטן אַ פרוי, וואָס האָט פאַרלוירן דעם מאַן, מיט וועלכן, אורטיילנדיק לויט אירע אייגענע בריוו, איר האָט זיך געלעבט נישט זיס.

דאָס לעצטע מאָל האָט ער געזען זיין שוועסטער מיט אַ יאָר פיר צוריק, ער פלעגט זיך זעלטן מיט איר קאָרעספּאָנדירן

און צווישן דעם האָבן זיך שוין לאַנג איינגעשטעלט יענע ריין פאָרמעלע באַציונגען, וועלכע זענען אַזוי געוויינטלעך צווישן צוויי קרובים, וואָס זענען אָפּגעזונדערט איינער פונם אַנדערן דורכן מרחק און דורך דעם, וואָס זייערע לעבנס-אינטערעסן זענען נישט קיין גלייכע.

די דעפּעשע האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ דערינערונג וועגן זיין שוועסטערס מאַן. דאָס איז געווען אַ גוטמוטיקער און דיק-לעכער מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט צו מאַכן אַ כוסה און גוט אָפּצועסן. אַ פּנים האָט ער געהאַט אַ קיילעכדיקס, באַדעקט מיט אַ נעץ פון רויטע אָדערלעך, און אייגעלעך — פריילעכע און קליינינקע; ער האָט געהאַט אַ טבע כיטרע צוצעשטשורן זיין לינק אויג און, זיס שמייכלענדיק, צו זינגען אויף זייער אַ שלעכטן פראַנצויזיש:

„Regardez par ci, regardez par la"...

און איפּאָליט סערגעיעוויטשן איז געווען עפּעס מאָדנע צו גלייבן, אַז דערדאָזיקער לוסטיקער מענטש איז געשטאָרבן, ווייל באַנאַלע מענטשן לעבן געוויינטלעך לאַנג.

די שוועסטער פלעגט זיך באַציען צו די שוואַכקייטן פונם דאָזיקן מענטשן מיט אַ האַלב-פאַראַכטנדיקער נאַכזיכט: אַלס נישט קיין נאַרישע פרוי, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז שיסן אין אַ שטיין פון אַ פיילנבויגן — הייסט אומזיסט פאַרלירן די פיילן און דאָס איז לגמרי אומניצלעך. און ס'איז אַ סברה, אַז זי האָט זיך שטאַרק נישט גענומען צום האַרצן דעם מאַנס טויט און קיין שטאַרקן עגמת-נפש פון דעם נישט געהאַט.

פונדעסטוועגן וואָלט געווען אומבאַקוועם אָפּצוזאָגן דער שוועסטער אין איר ביטע און נישט קומען צו פאָרן צו איר. אַרבעטן ביי איר קאָן מען נישט ערגער, ווי ערגעץ אַנדערש ווו...

טראַכטנדיק נאָך אַביסל וועגן דעם, האָט איפּאָליט סער-געיעוויטש באַשלאָסן צו פאָרן, און אין אַ וואָך צוויי אַרום, אין אַ וואַרעמען יולי-אָוונט, אויסגעמאַטערט דורך אַ רייזע פער-אַקס אויף אַ מרחק פון פערציק ווי-אָרסט וואָס טיילט אָפּ דעם פריסטאַן פון דער שוועסטערס דאָרף, איז ער שוין געזעסן פאַרן טיש

אַקעגן זיין שוועסטער, אויף דער ווערַאנדע, וואָס איז געשטאַנען אין פּאַרק, און האָט געטרונקן דעם געשמאַקן היימישן טיי.

ביי דעם געלענדער פון דער ווערַאנדע האָבן זיך פּרעכטיק פאַנאַנדערגעוואַקסן קוסטעס פון בעז און אַקאַציעס; די קרומע זון-שטראַלן האָבן, דורכשלאָגנדיק זיך דורך זייערע בלעטער, געציטערט אין דער לופט ווי דינע גאָלדענע שטענגעס. שאָטנס פון שפּיצן זענען געלעגן אויפן טיש, אויף וועלכן ס'זענען געווען אויסגעשטעלט פאַרשידענע דאָרפישע מאכלים; די לופט איז געווען פול מיטן ריח פון ליפּע, בעז און פייכטער, פון דער זון דערוואַרעמטער ערד. אין פּאַרק האָבן רויִשיק געצוויטשערט די פייגעלעך, מאַנכמאָל איז אויף דער ווערַאנדע אַריינגעפלויגן אַ בין אָדער אַ מיק און באַזאָרגט געזשומעט, דרייענדיק זיך איבערן טיש. יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ האָט גענומען די סאַלפעטקע און פאָכנדיק פאַרדראָסיק מיט איר אין דער לופט, האָט זי אַרויסגעיאָגט די בינען און די מיקן אין פּאַרק אַריין.

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט שוין באַוויזן זיך איבערצוצייגן, אַז די שוועסטער זיינע נעמט זיך נישט איבעריק צום האַרצן דעם פאַקט פון איר מאַנס טויט, אַז זי קוקט אויף אים, איר ברודער, פאָרשנדיק און ריידנדיק מיט אים, האָט זי עפּעס פון אים פאַרבאָרגן. ער איז געווען געוווינט צו טראַכטן וועגן איר, ווי וועגן אַ פרוי, וואָס איז אינגאַנצן אַריינגעטון אין דער בעל-הביתקייט און איז געווען דערשלאָגן דורך די צרות פון איר חתונה-האָבן און צוזאַמענלעבן מיט איר מאַן, און ער האָט געמיינט זי צו זען אַ נערוועישע, בלאַסע און מידע. און איצט, קוקנדיק אויף איר אָוואַל געזיכט, וואָס איז געזונט אָפּגעברענט פון דער זון און האָט אויסגעזען רויִק, זיכער און איז געווען זייער באַלעבט דורכן גלאַנץ פון גרויסע ליכטיקע אויגן, — האָט ער געפילט, אַז ער האָט געהאַט אַן אָנגענעמענעם טעות, און צוהערנדיק זיך צו אירע רייד, האָט ער זיך באַמיט אונטערצוהערן און פאַרשטיין אין זיי דאָס, וועגן וואָס זי האָט געשוויגן.

— איך בין געווען צוגעגרייט צו דעם, — האָט זי גע-

זאָגט מיט אַ הייסן און רויקן קאָנטראַלט. און איר שטים האָט אָנגענעם וויברירט אין די הויכע טענער — נאָך דער צווייטער אַטאַקע האָט ער זיך כמעט יעדן טאָג געקלאָגט אויף שטעכענישן אין האַרצן, אַז דאָס האַרץ קלאַפּט אים שטאַרק און אַז ער ליידט פון שלאָפלאָזיקייט... פונדעסטוועגן, ווען מ'האָט אים געבראַכט פון פעלד — בין איך שיער נישט אומגעפאַלן.. מ'זאָגט, אַז ער איז דאָרט געווען שטאַרק אויפגערעגט, אַז ער האָט געשריען... און אַ טאָג פאַר דעם איז ער געפאָרן צו גאַסט צו אליעסאיון — דאָ איז פאַראַן אַ גוטבעזיצער, אַ דעמיסיאָנירטער פּאָלקאָווניק, אַ שיכּור און אַ ציניקער, אַ פּאַראַליזירטער פון רעוומאַטיזם; אגב האָט דערדאָזיקער גוטבאַזיצער אַ טאָכטער — איז דאָס אַן אוצר, וואָס זאָל איך דיר זאָגן!... דו וועסט זיך מיט איר באַקענען.

— אויב מ'קאָן עס נישט אויסמיידן, — האָט איפּאַליט סערגעיעוויטש אַריינגעשטעלט, אַ קוק טוענדיק מיט אַ שמייכל אויף זיין שוועסטער.

— נישט מעגלעך! זי קומט אָפט צו אונדז... און איצט וועט זי געוויס קומען נאָך אָפּטער, — האָט זי אים אָפּגעענטפערט אויך מיט אַ שמייכל.

— זי זוכט אַ חתן? איך טויג נישט פאַר אַזאַ ראָל.

— די שוועסטער האָט אויפמערקזאם אַ קוק געטון אים אין זיין רונד און מאָגער פּנים מיט אַ שאַרף שוואַרץ בערדל און הויכן ווייסן שטערן.

— פאַרוואָס טויגסטו נישט? כ'זאָג עס, נאַטירלעך, בכלל אָן אַ וועלכן ס'איז געדאַנק וועגן דערדאָזיקער אליעסאווע — דו וועסט פאַרשטיין, פאַרוואָס, ווען דו וועסט זי זען... דו טראַכסט דאָך אָבער יאָ וועגן חתונה האָבן?...

— דערוויילן נאָך נישט — האָט קורץ געענטפערט אויפהייבנדיק פונם גלאָז זיינע ליכטיק-גראָע אויגן מיט אַ טרוקענעם גלאַנץ.

— יאָ — האָט יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ זיך אָפּגערופן

פאַרטראַכט — צו דרייסיק יאָר מאַכן אַזאַ טריט איז פאַר אַ מאַנספּערשוין אי צו שפּעט אי צו פרי.

אים איז געפעלן, וואָס זי האָט אויפגעהערט צו ריידן וועגן איר מאַנס טויט. צו וואָס אָבער האָט זי אים אַזוי הויך און שרעקעדיק אַרויסגערופן צו זיך?

— מ׳דאַרף חתונה האָבן אָדער צו צוואַנציק יאָר, אָדער ווען מ׳איז אַלט פערציק יאָר — האָט זי פאַרטראַכט געזאָגט— אַזוי אַרום איז אַ קליינע ריזיקע סײַ זיך אַליין און סײַ אַן אַנדער מענטשן אָפּצונאַרן. און ווען מ׳נאַרט אים יאָ אָפּ, צאָלט מען אים אָפּ, אין ערשטן פאַל פאַר דער עוולה מיט פרישקייט פון דיין געפיל און צווייטן פאַל — צו פערציק יאָר — איז מען דעם אָפּגענאַרטן מפייס, לאָמיר זאָגן, מיט דער אויסערלעכער לאַגע, וועלכע איז בײַ אַ מאַנספּערשוין אין אַזעלכע יאָרן כמעט שטענדיק אַ סאָלידע.

אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי רעדט עס מער פאַר זיך, ווי פאַר אים, און ער האָט איר נישט איבערגעשלאָגן די רייד אויסציענדיק זיך אין דער קושעסלע און טיף אַרײַנאָטעמענדיק אין זיך די דופּטיקע לופט.

— ווי כ׳האָב דיר שוין געזאָגט, איז ער אַ טאָג פאַר דעם געווען בײַ אַליעסאָוון און, נאַטירלעך, דאָרט געטרונקן, און אָט... — יעליזאַוועטע פּיעטראָוונאַ האָט טרויעריק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — איצט בין איך... געבליבן אַליין... כאָטש — —

נאָך פונעם דריטן יאָר צוזאַמענלעבן מיט אים האָב איך זיך אינערלעך דערפילט איינזאַם. איצט אָבער איז די לאַגע אַזאַ אויכטערלישע. איך בין איצט אַכט און צוואַנציק יאָר, כ׳האָב נישט געלעבט, כ׳האָב נאָר ווי באַדינט דעם מאַן און די קינדער... די קינדער זענען געשטאָרבן. און איך... וואָס בין איך איצט? וואָס זאָל איך טון און ווי זאָל איך לעבן? כ׳וואָלט פאַרקויפט דאָס גוט און אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד, נאָר זיין ברודער האָט טענות און פּרעטענזיעס צו באַקומען ירושה, ס׳איז מעגלעך, אַז ס׳וועט פאַרפירט ווערן אַ פּראָצעס. כ׳וועל נישט אָפּגעבן מיינס אָן אַ שום געזעצלעכן גרונט דערצו. ווי מיינסטו וועגן דעם.

— דו ווייסט דאָך. אַז איך בין נישט קיין יוריסט, — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש אַ שמייכל געטון. — נאָר... דערצייל מיר פונדעסטוועגן אַלץ... מיר וועלן זען. דער דאָזיקער ברודער... ער האָט דיר געשריבן?

— יאָ... און גענוג גראָב. ער איז אַ לעב-יונג, איז רויִנירט געוואָרן, האָט זיך שטאַרק אַראָפּגעלאָזן... מיין מאַן האָט אים נישט ליב געהאַט, הגם זיי האָבן ביידע פיל געמיינזאַמס.

— מיר וועלן זען! האָט איפּיאליט סערגעיעוויטש געזאָגט און צופרידן אַ רייב געטון די הענט. אים איז געווען אָנגענעם זיך צו דערוויסן, צוואָס די שוועסטער דאַרף אים, ער האָט נישט ליב געהאַט קיין שום זאַך, וואָס איז געווען נישט קלאָר און נישט באַשטימט. ער האָט זיך געזאָרגט קודם-כל אָפּצוהיטן דאָס אינערלעכע גלייכגעוויכט און ווען עפּעס אומקלאָרס און אומדייטלעכס האָט צעשטערט דאָס דאָזיקע גלייכגעוויכט, האָט זיך אין זיין נשמה אויפגעהויבן אַ נישט קלאָרע אומרויִקייט און צערייצעניש, וועלכע האָבן אים אומרויִק געשטויסן, וואָס גיכער אויפצוקלערן דידאָזיקע אומפאַרשטענדלעכקייט, אַריינצולייגן עס אין די ראַמען פון זיין וועלטאויפפאַסינג און... וועגן דעם פאַרגעסן.

— דעם אמת זאָגן — האָט שטיל און נישט קוקנדיק אויפן ברודער יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ דערקלערט — האָט מיך דידאָזיקע אומגעלומפּערטע פּרעטענזיע דערשראָקן. כ'בין דאָך אַזוי אויסגעמאַטערט, איפּאָליט, ס'ווילט זיך מיר אַזוי אָפּרוען... און דאָ, נאַ דיר — הייבט זיך גאָר אָן עפּעס אַ ניי אָנשיקעניש.

זי האָט שווער אָפּגעזיפצט און, נעמענדיק זיין גלאָז, האָט זי פאָרטגעזעצט מיט אַ אומעטיקער שטים, וואָס האָט נישט אָנגענעם געקיצלט איר ברודערס נערוון:

— אַכט יאָר לעבן מיט אַזאַ מענטשן, ווי מיין פאַרשטאָרבענער מאַן, געבן מיר, דאַכט זיך, רעכט אויף אָפּצורוען זיך. אַן אַנדערע אויף מיין אָרט — אַ פרוי מיט אַ ווייניקער אַנטוויקלטן פליכטס-געפיל און נישט אַזאַ אָנשטענדיקע ווי איך — וואָלט שוין לאַנג צעריסן דידאָזיקע שווערע קייט און איך האָב זי געטראָגן, הגם ס'זענען מיר אויסגעגאַנגען די כוחות אונטער

איר שווערער לאַסט. און דער טויט פון די קינדער... אָך, אי־פּאָליט, ווען דו וואָלסט געוווּסט, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, פאַרלירנדיק זיי!

ער האָט איר געקוקט אין פּנים מיט אַן אויסדרוק פון מיט־געפיל. איר קלאָגן זיך אויף איר גורל האָבן אָבער נישט גע־רירט זיין נשמה. אים איז נישט געפעלן געווען איר שפּראַך, עפּעס אַ בוך־שפּראַך, מיט וועלכער עס רעדט נישט קיין מענטש, וואָס פילט טיף. און אירע ליכטיקע אויגן זענען געלאָפן פון איין זייט אין דער אנדערער, זעלטן זיך אָפּשטעלנדיק אויף עפּעס. זי האָט געהאַט ווייכע, פּאָרויכטיקע זשעסטן און פון איר גאַנצער שלאַנקער פיגור האָט געאָטעמט אַ איבערלעבטע קעלט.

אויף דעם געלעגדער פון דער וועראַנדע האָט זיך אַנידער־געזעצט עפּעס אַ פריילעך פייגעלע. עס איז צווייטשערנדיק איבער זיי געשפּרונגען און מיטאַמאָל זיך אַ הייב אויף געטון און אַוועקגעפלויגן. ברודער און שוועסטער האָבן, באַגלייטנדיק מיט די אויגן דאָס פייגעלע, אַ ווײַלע געשוויגן.

— קומען צו דיר עפּעס געסט? לייענסטו? — האָט דער ברודער געפרעגט, פאַררייכערנדיק אַ פּאַפּיראָס און טראַכטנדיק וועגן דעם, ווי גוט ס׳וואָלט געווען צו שווייגן אין דעמדאָזיקן שיינעם שטילן אָוונט, זיצנדיק אין אַ רויקער קושעטקע דאָ אויף דער וועראַנדע, הערנדיק דאָס שטילע שאָרכן פון די ביימער־בלעטער און וואַרטנדיק אויף די נאַכט, וועלכע וועט אָנקומען, וועט אויסלעשן די קלאַנגען און אָנצינדן די שטערן.

— ס׳קומט דאָ צו מיר וואַרענקע, ווערנאָך קומט אַהער זעלטן צופאָרן באַראַנציעוואַ... געדענקסט זי? ליודמילע וואַסי־ליעוונא... זי לעבט אויך נישט גוט מיט איר מאַן... נאָר זי קאָן זיך נישט לאָזן באַליידיקן און באַוועלן. צו מיין מאַן פלעגן קומען צו גאַסט פיל מאַנספּערשוינען. אָבער קיין איינער פון זיי איז נישט געווען קיין אינטערעסאַנטער! ס׳איז אַבסאָליוט נישט געווען מיט וועמען אַ וואָרט צו ריידן... בעל־הביתישקייט, יאַגד, זעמסקע פּליאָטקעס און נאָך אַ מאָל פּליאָטקעס — דאָס איז געווען אַלץ, וועגן וואָס זיי פלעגן ריידן... איבעריקנס, איינער

איז פֿאַראַן... אַ קאַנדידאַט אויף אַ געריכט־פּאָסטן, בענקאָווסקי הייסט ער... אַ יונגער און זייער אַ געבילדעטער. דו געדענקסט די בענקאָווסקעס? וואַרט. דאַכט זיך, אַז ער פּאָרט.

— ווער פּאָרט... דער־דאָזיקער בענקאָווסקי? — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש געפֿרעגט.

זיין פֿראַגע איז עפּעס דער שוועסטער אויסגעקומען קאָמיש און זי האָט זיך צעלאַכט. לאַכנדיק, איז זי אויפֿגעשטאַנען פֿון שטול און האָט זיך אָפּגערופֿן עפּעס מיט אַ נייער שטים:

— דאָס פּאָרט וואַרענקע!

— אַ!

— מיר וועלן זען, וואָס דו וועסט אויף איר זאָגן... דאָ האָט זי אַלעמען באַזיגט. נאָר דערפֿאַר איז דאָס אַ קריפּל וואָס שייך רוחניות — אַ שרעק ממש! איבעריקנס, — וועסט באַלד אַליין זען!

— כ'וואָלט נישט געוואָלט — האָט ער גלייכגילטיק דערקלערט, אויסציִענדיק זיך אין זיין קרעסלע.

— כ'קום באַלד צוריק — האָט יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ געזאָגט, אַרויסגייענדיק פֿון צימער.

— זי וועט אָן דיר אויך אַריינקומען — איז ער געוואָרן אומרויִק אַביסל — גיי נישט אַוועק, כ'בעט דיך, לאָמיך בעסער אַרויסגיין.

— כ'קום דאָך די רגע צוריק! — האָט די שוועסטער אים אַ געשריי געטאָן פֿון די צימערן.

ער האָט געמאַכט אַ זויערע מינע און איז געבליבן זיצן אין דער קרעסלע, קוקנדיק אויפֿן פּאַרק. פֿון דערווייטן האָט זיך דערטראָגן אַ שנעל טופּען פֿון אַ פֿערד און שאָרכן פֿון רעדער אָן דער ערד. פֿאַר איפּאָליט סערגעיעוויטשעס אויגן זענען געשטאַנען רייען אַלטע קרומע לינדן, דעמבעס און קליאָנעס, אַרומגעוויקלט מיט דער טונקלקייט פֿון אָוונט. זייערע קאַנטנדיקע צווייגן האָבן זיך דורכגעפֿלאָכטן איינע מיט דער אַנדערער, בילדנדיק אין דערהייך אַ געדיכטן דאַך פֿון דופּטיקן גרינס, און זיי אַלע, אַלטע און שוואַכע פֿון דער צייט. וואָס האָט זיך איבער

זיי אריבערטראָגן, מיט אַ קאָרע, וואָס איז געווען צעשפּאָלטן אין דער לענג און דער ברייט, מיט אָפּגעבראָכענע אונטערצווייגן, האָבן אויסגעזען ווי אַ לעבעדיקע און פּריינטשאַפטלעכע משפּחה פון באַשעפענישן, וואָס זענען ענג איינגעפלאָכטן איינס מיטן אַנדערן דורך אַ שטרעבונג צו דער הייך, צום ליכט. נאָר די קאָרע פון זייערע שטאַמען איז געווען אינגאַנצן באַדעקט מיט אַ געלן שימל, ביי די וואָרצלען האָבן זיך געדיכט פאַנאַנ־דערגעוואַקסן יונגע שפּראָצונגען און פון דעם האָט זיך גענומען וואָס אויף אַלטע מעכטיקעביימער איז געווען פיל פאַרטרוקנטע צווייגן, וואָס זענען געהאָנגען אין דער לופט ווי סקעלעטן אָן לעבן.

— איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט אויף זיי געקוקט און געפילט, ווי ס'וואָלט זיך אים איינשלאָפן טאַקע דאָ אויף דער קושעסלע, אונטער דעם אָטעמען פונם סאַרק.

צווישן די שטאַמען און די צווייגן האָבן דורכגעשיינט העל־רויטע פלעקן פונם האָריזאָנט און אויף זיין בולטן אונ־טערגרונט האָבן די ביימער אויסגעזען נאָך כמורנער, נאָך מער אויסגעטאָגערטע. איבער דער אַלייע. וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון דער ווערענדע און איז אַוועק אין דער טונקעלער ווייטקייט. האָבן זיך פאַמעלעך באַוועגט געדיכטע שאָטנס און מיט יעדער מינוט איז געוואַקסן די שטילקייט, אָנווייענדיק עפּעס אומעטיקע פאַנטאַזיעס. איפּאָליט סערגעיעוויטשעס דמיון האָט, אונטערן כישוף פונם אָוונט, געמאָלט פון די שאָטנס אַ סילועט פון זיינער אַ באַקאַנטער פרוי און זיין אייגענער סילועט נעבן דערדאָזיקער פרוי. זיי זענען שווייגנדיק געגאַנגען אין דער לענג פון דער אַלייע, אַהין, ווייט. זי האָט זיך צו אים צוגעטוליעט און ער האָט געפילט די וואַרעמקייט פון איר קערפּער.

— גוט אָוונט! — האָט זיך דערהערט אַ געדיכטע ברוסט־שטים.

ער האָט אַ שפּרונג אויף געטון און זיך אַרומגעקוקט אַביסל אין פאַרלעגנהייט.

פאַר אים איז געשטאַנען אַ מיידל פון מיטלוווּקס

אין אַ גראָ קלייד, אויף איר קאָפּ איז געווען אַרויפגעוואָרפן עפּעס ווייס און לופטיקס, ווי אַ טייל פון אַ כלה — דאָס איז אַלץ, וואָס ער האָט באַמערקט אין דער ערשטע רגע.

זי האָט צו אים אויסגעצויגן די האַנט, פרעגנדיק:

— דאָס זייט איר איפּאָליט סערגעיעוויטש, יאָ? מיין נאָמען איז אַליעסאָווע... כ׳האָב שוין געוווסט, אַז איר וועט היינט קומען צו פאָרן און בין געקומען אַ קוק טון, ווי איר זעט אויס כ׳האָב קיינמאָל נישט געזען קיין געלערנטע און... נישט געוווסט, אַז זיי קאָנען זיין אַזעלכע.

זיין האַנט האָט שטאַרק געדרוקט אַ שטאַרק הייס קליין הענטל. און ער, פאַרלירנדיק זיך אַביסל אונטערן דאָזיקן אומדערוואַרטן אָנדראַנג, האָט שווייגנדיק זי באַגריסט, און איז געווען אויף זיך ברוגז פאַר זיין פאַרלעגנהייט און האָט זיך געטראַכט, אַז ווען ער וועט איר אַ קוק טון אין פּנים אַריין, וועט ער אויף איר דערזען אַ גראָבע און אָפּנהאַרציקע קאָקעטעריע. נאָר אַ קוק טוענדיק, האָט ער דערזען גרויסע טונקעלע אויגן, זיי האָבן תמימותדיק און ליבלעך געשמייכלט, באַלייכטנדיק איר שיין געזיכט.

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט זיך דערמאָנט, אַז פּונקט אַזא פּנים, אַ שטאָלצס מיט אַזאַ געזונטער שיינקייט, האָט ער געזען אויף אַן אַלט איטאַליעניש בילד... אַ קליין מיילעכל, פּונקט ווי ביי איר, מיט פּרעכטיקע ליפּעלעך, פּונקט דער זעלבער שטערן, ווי ביי איר, אַ הויכער און בולטער און גרויסע, גרויסע אויגן אונטער אים.

— ביטע... כ׳וועל זאָגן, מ׳זאָל מאַכן ליכטיק... ביטע, זעצט זיך, — האָט ער זי געבעטן.

— מאַכט זיך נישט קיין אומשטענדן, כ׳בין דאָך דאָ ווי ביי זיך אין דערהיים... — האָט זי געזאָגט, זעצנדיק זיך אין זיין קושעסלע.

ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט ביים טיש אַקעגן איר און געקוקט אויף איר, פילנדיק, אַז דאָס איז אומגעשיקט און אַז ער דאַרף עפּעס ריידן.

אָבער נישט קומענדיק אין די מינדסטע פארלעגנהייט אפילו פון זיינע אויפמערקזאַמע בליקן, האָט זי אַליין גערעדט און אים אויסגעפרעגט וועגן פיל זאַכן. זי האָט אים געפרעגט, ווי אַזוי ער איז בשלום דערפאָרן, צי ס׳געפעלט אים דאָס דאָרף, צי וועט ער דאָ לאַנג פארבלייבן; ער האָט איר אָפגעענטפערט קורץ און אין זיין קאָפּ האָבן זיך אַרומגעטראָגן און געשימערט עפּעס אָפּגעהאַקטע געדאַנקען.

ער איז געווען ווי פארטייבט פון עפּעס אַ קלאַפּ און זיין מוח, שטענדיק אַ קלאָרער, איז איצט מבולבל געוואָרן פאר דער קראַפט פון די פלוצלינג און כאַאָטיש אויפגערעגטע געפילן. די אַנטציקונג, וואָס אַליעסאָווע האָט ביי אים דערוועקט, האָט אין אים געקעמפט מיט אַ פארדרוס אויף זיך אַליין און מיט נייגידיקייט — מיט עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז נאָענט צו מורא. און דאָס דאָזיקע מיידל, וואָס האָט געבליט מיט געזונטקייט, איז געזעסן אַקעגן אים אָנשפּאַרנדיק זיך לייכט אויפן רוקן פון דער קושעסלע. שטייף אַרומגעצויגן דורכן שטאָף פון איר קאָסטיום, וועלכער האָט דערלויבט צו זען די פּרעכטיקע פאָרמען פון אירע אַקסלען, פון איר ברוסט און איר פיגור און מיט אַ קלינגנדיקער שטים, פול מיט מעכטיקע טענער, — האָט זי גערעדט צו אים וועגן אַזעלכע קלייניקייטן, וואָס זענען אָנגענומען אומעטום צו ריידן ביי דער ערשטער באַגעגעניש פון צוויי אומבאַקאַנטע מענטשן. אירע טונקל-קאַשטאַנאָווע האָר האָבן זיך געקרייזלט, די אויגן און די ברעמען אירע זענען געווען טונקעלער פון די האָר. אויף איר שוואַרץ-חנעוודיקן האַלדז, ביים ראָזיקן און דורכזיכטיקן אויער האָט געציטערט די הויט, וועלכע האָט אַרויסגעוויזן אַ שנעלע צירקולאַציע פונם בלוט אין אירע אָדערן, אויף דער גאָמבע פלעגט זיך באַווייזן חן-גריבלעך יעדעס מאָל, ווען אַ שמייכל פלעגט עפענען אירע ווייסע, קליינע ציין און פון יעדן פאַלד פון איר קלייד האָט געאָטעמט מיט אַ אויפרייצנדיקער פארפירונג. אין אויסבייג פון איר נאָז איז געווען עפּעס רויבערישעס און אין די קליינע ציינדלעך, וואָס האָבן געבלישטשעט פון יענער זייט זאַפטיקע ליפּן, און איר פּאָזע, וואָס איז געווען פול

מיט נישט זשעגירטן חן, הָט דערמאָנט וועגן דער גראַציע פון זאַטע און צובאַלעוועטע קעץ.

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז צעטיילט געוואָרן אויף צוויי חלקים: איין העלפט פון זיין וועזן איז איינגעשלונגען געוואָרן דורך דערדאָזיקער חושיותדיקער שיינקייט און באַארבעט זי ווי אַ קנעכט, די אַנדערע העלפט נאָטירט מעכאַניש דעם צושטאַנד פון דער ערשטער העלפט און פילט, אַז זי האָט פאַרלאָרן די מאַכט איבער דער ערשטער העלפט. ער האָט געענטפערט אויף די פראַגן פונם דאָזיקן מיידל און אליין האָט ער אויך זי וועגן עפּעס געפרעגט, נישט זייענדיק אימשטאַנד אָפּצורייסן די אויגן פון איר פאַרפירערישער פיגור. ער האָט שוין איר אָנגערופן פאַר זיך פּרעכטיקע „זי" און אין הארצן האָט ער געלאַכט פון זיך, נאָר דאָס האָט נישט מבטל געמאַכט זיין פונאַנדערטיילן זיך אויף צוויי.

אַזוי האָט געדויערט ביז יענער רגע, ווען אויף דער וועראַנדע האָט זיך באַוויזן זיין שוועסטער מיט אַן אויסגעשריי:

— זעט נאָר, ס'אַרא געשיקט מיידל דאָס איז! איך זוך זי דאָרט, און זי האָט שוין...

— איך בין אַרומגעגאַנגען דורכן פּאַרק...

— זיך באַקענט?

— אָ, יאָ! כ'האָב געמיינט, אַז איפּאָליט סערגעיעוויטש איז ווייניקסטנס מיט אַ פליך!

— אָנגיסן דיר טיי?

— מהיכא תיתא, גיס אָן.

איפּאָליט סערגעיעוויטש איז אַוועקגעגאַנגען אָן אַ זייט פון זיי און געבליבן שטיין ביי די טרעפּ, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין פּאַרק אַריין. ער האָט דורכגעפירט מיט דער האַנט איבערן פּנים און דערנאָך מיט די פינגער איבער די אויגן, פּונקט ווי ער וואָלט אָפּגעריבן דאָס שטויב פון זיי. ער האָט זיך אָנגעהויבן שעמען פאַר זיך אַליין, הלמאי ער האָט זיך אונטערגעגעבן דעם אויפרייס פונם געפיל, און דערדאָזיקער שאַנד האָט אין אַ ווײַלע אַרום אָפּגעטרעטן איר אָרט פאַר אַ מין אויפ-

געבראַכטקייט קעגן דעם מיידל. ער האָט אין זיך אָנגערופן די סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט צווישן איר מיט אים, „די קאָזאַקישע אַטאַקע אויף אַ חתן" און אים האָט זיך פאַרוואָלט זיך אַרויסווייזן פאַר איר ווי אַ מענטש, וואָס איז גלייכגילטיק צו איר אַרויסרופנדיקער שיינקייט.

— איך נעכטיק ביי דיר און מאָרגן וועל איך ביי דיר פאַרברענגען אַ גאַנצן טאָג... — האָט זי געזאָגט צו איפּאָליטס שוועסטער.

— און וואָס וועט זיין מיט וואַסילי סטעפּאַנאָוויטשן? — האָט די שוועסטער פאַרחידושט געפרעגט.

— ביי אונדז איז איצט צוגאַסט די מומע לוטשיטשקאַיאַ, זי וועט אים שוין דאָרט באַזאָרגן... דו ווייסט דאָך, אַז דער פאָטער מיינער האָט זי זייער ליב...

— אַנטשולדיקט מיר, — האָט טרוקן זיך אָפּגערופן איפּאָליט סערגעיעוויטש, — כ'בין זייער מיד און וועל גיין זיך אָפּרוען...

ער האָט זיך אַ נייג געטון און איז אַוועק און ווארענקע האָט לויבנדיק אים דערפאַר, זיך אָפּגערופן:

— איר האָט שוין לאַנג עס געדאַרפט טון.

אינם טאָן פון איר באַמערקונג האָט ער דערהערט נאָר אַ גוטמוטיקייט, ער האָט עס אָבער אויפגענומען און פאַרשטאַנען אַזוי, ווי אירע ווארטער זאָלן געווען זיין פאַלשע און חניפהדיקע.

פאַר אים איז געווען צוגעגרייט אַ צימער, וואָס האָט געדינט אַלס קאַבינעט פאַר זיין שוועסטערס מאַן. אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַ שווערער און פלומפּער שרייבטיש, פאַר אים אַ דעמבענע קושעטקע, ביי איינער פון די ווענט, כמעט אין איר גאַנצער לענג, האָט זיך אויסגעשטרעקט אַ ברייטע און אָפּגעצופּטע אָטאָמאַנע, ביי דער צווייטער וואַנט — אַ פּוסהאַרמאָניע און צוויי שראַנקן מיט ביכער. עטלעכע גרויסע ווייכע שטולן. אַ רייכער-טישל ביי דער אָטאָמאַנע און אַ שאַכמאַט-טישל ביים פענסטער. — האָבן דערגענצט די מעבלירונג פון צימער. דער סופיט פון צימער איז געווען אַ נידעריקער און פאַרקאָפּטשעטער

פון די ווענט האָבן אראָפּגעקוקט טונקעלע פלעקן פון עפּעס ביל דער און גראַוויורעס און דיקע גאָלדענע ראַמען — אַלץ איז געווען שווער, אַלט און האָט פון זיך אַרויסגעגעבן אַ נישט אָנגענעמען ריח. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ גרויסע לאָמפּ אונטער אַ גראָבן קאָלפּאַק און די שיין פון איר איז געפאַלן אויף דער פּאָדלאָגע.

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער גרענעץ פונם דאָזיקן ליכטיקן קרייז און, פילנדיק עפּעס אַ נישט אָנגענעמענע און נישט קלאָרע אומרויקייט, האָט ער געקוקט אויף די פענסטער פון צימער. צוויי פענסטער זענען דאָרט געווען און פון יענער זייט פענסטער, אין דרויסן, האָבן זיך געצייכנט די סילועטן פון די ביימער. ער איז צוגעגאַנגען און געעפנט ביידע פענסטער. דאַן האָט זיך דאָס צימער אָנגעפילט מיט אַ ריח פון אַ בליענדיקער לינד און צוזאַמען מיטן דאָזיקן ריח איז אין צימער אַריינגעפלויגן אַ פריילעכער אויפרייס פון אַ ברוסטיק געלעכטער.

אויף דער אָטאָמאַנע האָט מען אים צוגעגרייט אַ געלעגער, וואָס האָט פאַרנומען אַ ביסל מער ווי אַ העלפט פון דער אָטאָמאַנע. ער האָט אַ קוק געטון אויפן געלעגער און אָנגעהויבן פאַנאַנדערבינדן דעם קראַוואַט, נאָר דערנאָך האָט ער מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג אַ שטופּ אָפּ געטון די שטול צום פענסטער, זיך אָנגעכמורעט און אין איר זיך אַנידערגעזעצט.

דידאָזיקע אומפאַרשטענדלעכע אומרויקייט האָט פאַרנעפּלט זיין מוח און אים גערייצט. דאָס געפיל פון אומצופרידנקייט מיט זיך אַליין פלעגט זעלטן קומען צו אים נאָר, קומענדיק שוין יאָ, פלעגט עס קיינמאָל אים נישט אַרומכאַפּן שטאַרק און אויף לאַנג. ער פלעגט קאָנען גיך אַזאַ געפיל בייקומען. ער איז געווען זיכער, אַז אַ מענטש דאַרף און קאָן פאַרשטיין זיינע עמאָציעס און אַנטוויקלען זיי אָדער פאַרניכטן, און ווען מ'האָט אין זיין געגנאַרט גערעדט וועגן דער סודותפולער קאָמפּליצירטקייט פונם פּסיכישן לעבן פונם מענטשן, פלעגט ער, איראָניש שמייכלענדיק, אַזעלכע חקירות אָנרופן מעטאַפיזיק. אָבער ערגער איז פאַר אים

איצט געווען זיך צו פילן, ווי ער איז אריינגעטראָטן אין קרייז פון עפּעס אויסטערשטענדלעכע אויפרעגונגען.

ער האָט זיך געפרעגט: צי קאָן עס געמאָלט זיין, אַז דאָס באַגעגעניש מיטן דאָזיקן געזונטן און שיינעם מיידל — ווי ס׳ווייזט אויס זייער אַ חשיבותדיקע און נאַרישע — אַז דאָס דאָזיקע באַגעגעניש זאָל האָבן געקאָנט אים אַזוי מאָדנע באַאיינפלוסן? און גענוי איבערקוקנדיק די אָרדנונג פון די איינדרוקן, וועלכע ער האָט דעמדאָזיקן טאָג איבערגעלעבט, האָט ער אויף אָט דער פראַגע זיך געמוזט געבן אַן ענטפער אויף יאָ. יאָ, דאָס איז אַזוי ווייל ער איז געווען שטאַרק אויסגעמאַטערט דורך דער רייזע און האָט זיך געפונען אין אַ שטימונג, צו וועלכער ער איז נישט געווען געוווינט, אין א טרויִמונגס שטימונג — בשעת דאָס מיידל האָט זיך פאַר אים באַוויזן.

דאָס אַריינקלערן אין דאָזיקן ענין האָט אים אַביסל באַרויִקט און אַליעסאָווע האָט זיך באַלד באַוויזן פאַר זיינע אויגן אין איר פּראַקטיקער מיידלישער שיינקייט. ער האָט געקוקט אויף איר, פאַרמאַכנדיק די אויגן. און נערוועיש איינאָטמענדיק אין זיך דעם רויך פון זיין פּאַפּיראָס, נאָר קוקנדיק אויף איר, האָט ער קריטיקירט.

— אין תוך גענומען, — האָט ער זיך געטראַכט — איז זי דאָך אַ וווּלגאַרע: צופיל בלוט און מוסקולן אין איר געזונטן שלאַנגן קערפּער און ווייניק נערוון. איר נאַיוו פּנים איז נישט קיין אינטעליגענטס און די שטאָלצקייט, וואָס בלישטשעט אין אָפענעם בליק פון אירע בלויע טונקעלע אויגן — דאָס איז שטאָלצקייט פון אַ פרוי, וואָס איז איבערצייגט אין איר שיינקייט און איז צעבאַלעוועט דורך דער פאַרערונג פון מאַנספּערשוינען. די שוועסטער האָט געזאָגט, אַז דידאָזיקע ווארענקע באַזיגט אַלעמען... זעלבסטפאַרשטענדלעך וועט זי פּרווון אים אויך באַזיגן. ער איז דאָך אָבער אַהער געקומען כדי דאָ צו אַרבעטן און נישט צו שטיפן. און זי וועט עס גיך פאַרשטיין.

— צי טראַכט איך נישט צו פיל וועגן איר נאָכן ערשטן באַגעגעניש? — איז אים דורכגעלאָפן אין קאָפּ?

די פולע רונדע לבנה, אַ זייער גרויסע און בלוט-רויטע, האָט זיך אויפגעהויבן ערגעץ ווייט פון יענער זייטביימער אין פּאַרק: די לבנה האָט געקוקט פון דער פינטערקייט, ווי אויגן פון אַ אומגעהייער. נישט קיין דייטלעכע קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט, דערפליענדיק אַהער פון דער זייט, וווּ ס'ליגט דאָס דאָרף. אונטערן פענסטער אינם גראָז האָט זיך צייטנ-ווייז געהערט אַ שאָרך: אַ פּנים אַ שילדקרעט אָדער אַ איגל איז אַרויס אויף דער יאַגד. ערגעץ האָט געזונגען אַ נאַכטיגאַל. און די לבנה האָט זיך אויפגעהויבן אַזוי פּאַמעלעך אויפן הימל, פּונקט ווי די פּאַטאָלע נויטווענדיקייט פון איר באַוועגונג איז געווען פאַר איר פאַרשטענדלעך און האָט זי מיד געמאַכט.

אַרויסוואַרפנדיק דורכן פענסטער דעם אויסגעלאָשענעם פּאַפּיראָס, האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש זיך אויפגעהויבן, זיך אויסגעטון און פאַרלאָשן די לאָמפּ. דאַן האָט זיך אין צימער אַריינגעריסן אַ פינסטערקייט, די ביימער האָבן זיך צוגערוקט צו די פענסטער, פּונקט ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַרייַנקוקן און זיי, אויף דער פּאָרלאָגע האָבן זיך געלייגט צוויי פּאַסן לבנה-שיין, אָבער דער שיין איז נאָך געווען אַ שוואַכער און נישט קלאָרער.

די ספּרענזשינעס פון דער אָטאָמאַנע האָבן קוועטשענדיק אַ סקריפּע געטון אונטער איפּאָליט סערגעיעוויטשעס קערפּער, און אַרומגעכאַפּט דורך דער אָנגענעמער פרישקייט פון דער לייוונטענער וועש, האָט ער זיך אויסגעצויגן און פערשטאַרט געוואָרן, ליגנדיק אויפן רוקן. אינגיכן האָט ער שוין געדזשעמעט און געהערט אונטערן פענסטער ביי זיך עמעצנס פּאָרזיכטיקע טריט און אַ געדיכט שעפּטשען:

— מאַ—אַריאַ... ביזט דאָ? אַ?

שמייכלענדיק, איז ער איינגעשלאָפן.

און אינדערפרי, אויפכאַפּנדיק זיך פון שלאָף, ביי אַ העלן זון-שיין, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס צימער, האָט ער אויך אַ שמייכל געטון, דערמאָנענדיק זיך אָנם נעכטיקן אָוונט און אָן דעם מיידל. צום טיי איז ער אַריינגעקומען אַ גוט אָנגעטונער, אַ טרוקענער און ערנסטער, ווי עס פּאַסט פאַר אַ געלערנטן;

נאָר ווען ער האָט דערזען, אַז פאַרן טיש זיצט בלויז די שוועס־
טער, האָט זיך ביי אים נישט ווילנדיק, אַרויסגעריסן:
— ווו איז...
דער כיטרער שמייכל פון דער שוועסטער האָט אים אָפּגע־
שטעלט נאָך איידער ער האָט געענדיקט זיין פראַגע, און ער
האָט, שווייגנדיק זיך געזעצט צום טיש. יעליזאַוועטע סערגעיעוו־
נאַ האָט געגנוי באַקוקט זיין אַנצוג, נישט אויפהערנדיק שמייכלען
און נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף זיינע אומצופרידן צונויפגע־
רוקטע ברעמען. אים האָט דענערווירט דער פיל באַדייטנדיקער
שמייכל פון זיין שוועסטער.
— זי איז שוין לאַנג אויפגעשטאַנען, מיר זענען ביידע
געגאַנגען זיך באָדן און איצט איז זי געוויס אין פאַרק... און
דאַרף באַלד קומען—האָט יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ מיטגעטיילט,
— ווי גענוי דו גיסט עס איבער, — האָט ער אַ שמייכל
געטון, — זיי אַזוי גוט און הייס באַלד נאָכן טיי פאַנאַנדער־
פאַקן מיינע זאַכן.
— און זיי אַרויסנעמען?
— ניין, ניין, דאָס דאַרף מען נישט. כ'וועל אַליין עס טון
ווען נישט, וועלן די מענטשן דאָרט איבערפּלאָנטערן. דאָרט איז
פאַר דיר פאַראַן אַ באָמבאָניערע און ביכער.
— אַ דאַנק! דאָס איז זייער שיין פון דיין זייט... אָט
איז וואַרענקע!
זי האָט זיך באַוויזן אין דער טיר אין אַ לייכט ווייס
קלייד, אין פרעכטיקע פאַלדן. איר קאָסטיום איז געווען ענלעך
צו אַ קינדערשע בלוזע און אליין האָט זי אין אים אויסגעזען ווי
אַ קינד. אָפּשטעלנדיק זיך אויף אַ רגע אין דער טיר, האָט זי
געפרעגט:
— איר האָט דען אויף מיר געוואַרט?
איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט שווייגנדיק זיך פאר איר
פאַרנייגט און דריקנדיק איר די האַנט, וואָס איז געווען אַנט־
בלייזט ביזן עלנבויגן, האָט ער דערשפּירט אַ צאַרטן ריח פון
פיילכן-בלומען, וואָס האָט זיך פון איר געטראָגן.

— אַי, האָט איר זיך אָנפּאַרפומירט! — האָט יעליזאַוועטאַ סערגעיעוונאַ אויסגעשריען.

— אפשר מער, ווי שטענדיק? איר האָט ליב פּאַרפומען, איפּאָליט סערגעיעוויטש? איך — שרעקלעך! ווען ס'זענען פּאַראַן פיילכן-בלומען, רייס איך זיי אָן יעדן טאָג נאָכן באָדן זיך און צעררייב זיי אין די הענט. דאָס האָב איך זיך אויסגעלערנט נאָך בעת איך בין געווען אין פּראָגימנאַזיום... אייך געפעלן פיילכן-בלומען?

ער האָט געטרונקען טיי און געקוקט אויף איר, נאָר געפילט אירע אויגן אויף זיין פּנים.

— דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך קיינמאָל וועגן דעם נישט געטראַכט. צי זיי געפעלן מיר יאָ, אָדער נישט — האָט ער טרוקן זיך אָפּגערופן א קוועטש טוענדיק מיט די אַקסלען, נאָר אַ קוק טוענדיק אויף איר, האָט ער נישט ווילנדיק אַ שמייכל געטון.

באַשאָטנט מיט דעם שניי-ווייסן שטאָף פונם קלייד, האָט איר פּנים געברענט מיט אַ פּרעכטיקע רויטקייט און די בלויע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אַ לויטערער פרייד. ס'האָט פון איר געאָטעמט מיט געזונטקייט, פרישקייט און גליק. זי איז געווען שיין, ווי אַ לויטערער טאָג פון חודש מאַי אין צפון.

— נישט געטראַכט? — האָט זי אויסגעשריען — אָבער ווי אַזוי-זשע, איר זענט דאָך אַ באָטאַניקער.

— אָבער נישט קיין בלומענצוכטער — האָט ער קורץ דער-קלערט און נישט ווילנדיק זיך פאַרטראַכטנדיק, אַז דאָס, קאָן זיין, איז גראָב פון זיין זייט, האָט ער אָפּגעקערט זיינע אויגן פון איר פּנים אָן אַ זייט.

— באָטאַניק און בלומענצוכט איז דען נישט איין און דאָס זעלבע? — האָט זי געפרעגט, נאָך אַ ווײַלע שווייגן.

זיין שוועסטער האָט, נישט זשעגירנדיק זיך, צעלאַכט און ער האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז דאָסדאָזיקע געלעכטער שאָקירט אים עפּעס און מיט באַדויערן האָט ער פאַר זיך געטראַכט:

— אַך, ס'אַראַ נאַר זי איז, דידאָזיקע אַליעסאַוואַ!

דערנאָך אָבער, האָט ער, דערקלערנדיק איר דעם חילוק צווישן באָטאַניק און בלומענצוכט, מילדער געמאַכט זיין פסק, אַז זי איז נאָר אַ אומוויסנדיקע אָבער נישט קיין נאַר.

הערנדיק זיין זאַכלעכע און ערנסטע רעדע, האָט זי אויף אים געקוקט מיט אויגן פון אַ אויפמערקזאַמער שילערן, און דאָס איז אים געפעלן געוואָרן. ריידנדיק, האָט ער אָפט איבערגעפירט זיינע אויגן פון איר פּנים אויפן פּנים פון דער שוועסטער און אין איר בליק, וואָס איז אומבאַוועגלעך געשטאַנען אויף וואָרענ-קעס פּנים, האָט ער געזען אַ גיריקע קנאה. דאָס האָט אים גע-שטערט ריידן, אַרויסרופנדיק ביי אים אַ געפיל, וואָס איז נאָענט צו פאַראַכטונג, צו זיין שוועסטער.

— יאָ־אָ — האָט דאָס מיידל אויסגעשריען — אַזוי גאָר איז עס? זאָגט, כ'בעט אייך, באָטאַניק איז אַ אינטערעסאַנטע וויסנשאַפט?

— הם! אויף וויסנשאַפטן, פאַרשטייט איר מיך, דאַרף מען קוקן פונם שטאַנדפונקט פון דעם נוצן, וועלכע זיי ברענגען פאַר די מענטשן, — האָט ער דערקלערט מיט אַ זיפץ. איר נישט אַנטוויקלקייט ביי איר שיינקייט האָט אַלץ מער פאַרשטאַרקט אין אים דאָס באַדויערן צו איר. און זי, קלאַפּנדיק פאַרטראַכט מיטן לעפעלע איבערן דעק פון איר טעצל, האָט אים געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ נוצן קאָן דען זיין פון דעם, וואָס איר וועט זיך דערוויסן, ווי אַזוי עס וואַקסט אַ שטעכעלקע?

— דאָס זעלבע נוצן, וואָס מיר האָבן, שטודירנדיק די דערשיינונגען פון לעבן פון איין יחיד, פון מענטש.

— אַ מענטש און אַ שטעכעלקע... — האָט זי אַ שמייכל געטון — צי לעבט דען איין מענטש אַזוי ווי אַלע?

אים איז פאַרגעקומען קשה, וואָס דערדאָזיקער נישט אינ-טערעסאַנטער געשפּרעך מאַכט אים נישט מיד.

— צי עס איך און טרינק דען אַזוי ווי די פּויערים? — האָט זי פאָרטגעזעצט, ערנסט צונויפציענדיק די ברעמען. — און צי פיל לעבן דען אַזוי ווי איך?

— ווי אַזוי אייגנטלעך לעבט איר דען? — האָט ער גע-

פרעגט פילנדיק פאָרויס, אַז דידאָזיקע פראַגע וועט ענדערן די טעמע פון געשפרעך. אים האָט זיך עס געוואָלט, מחמת צו דער קנאה, וואָס איז געווען צו באַמערקן אין דער שוועסטערס בליק צו ווארענקען איז איצט צוגעקומען נאָך עפעס שלעכטס און לע־כערלעכס.

— ווי אַזוי איך לעב פרעגט איר? — האָט מיטאַמאָל דאָס מיידל זיך אָנגעצונדן. — גוט! כ'לעב זייער גוט, האָב הנאה פונם לעבן — און זי האָט אפילו פאַרמאַכט די אויגן פון צו־פרידנקייט. — כ'שטיי אויף, פאַרשטייט איר מיך, אינדערפרי און, אויב דער טאָג איז אַ ליטערער, ווערט מיר מיטאַמאָל שרעקלעך פריילעך! פונקט ווי מ'וואָלט מיר געשאָנקען עפעס אַ טייערן און שיינעם חפץ, אַזעלכעס, וואָס איך האָב שוין לאַנג געוואָלט האָבן... דערנאָך לויף איך זיך באָדן — דער טייך אונ־דזערער איז פול מיט קוואַלן און דאָס וואַסער איז דאָרט אַזאַ קאַלטס, אַז עס קנייפּט אַזש דעם גוף! ס'זענען פאַראַן זייער טיפע ערטער און איך וואַרף זיך אַריין אין זיי גלייך פון דעם ברעג מיטן קאָפּ אַראָפּ — בוץ! עס טוט אייך אַ ברי אָפּ... פאַלסט אין וואַסער אַריין ווי אין אַ תהום און אין קאָפּ רוישט אַזוי... טויכסט זיך אַזוי אַרויס פון אונטערן וואַסער, רייסט זיך אַרויס פון אונטער די כוואַליעס און זעסט, ווי די זון קוקט אויף דיר און לאַכט! דערנאָך גיי איך דורכן וואַלד אַהיים, קלייב אָן בלומען, אָטעם זיך אָן מיט דער וואַלד־לופט ביז שיכּרות, כ'קום אַהיים — דער טיי איז פאַרטיק! כ'טרינק טיי און פאַר מיר זענען אויסגעשטעלט בלומען... און די זון קוקט אויף מיר... אַך, ווען איר וואָלט געוווּסט, ווי איך האָב ליב די זון! דערנאָך הייבט זיך אָן דער טאָג און ס'הייבט זיך אָן די דאגות וועגן דערווירטשאַפט... ביי אונדז האָבן מיך אַלע ליב, מ'פאַרשטייט מיך פונם ערשטן וואָרט, מ'הערט און מ'פאָלגט וואָס איך הייס — און אַלץ דרייט זיך ווי אַ ראָד ביזן סאמען אָוונט... דערנאָך פאַרגייט די זון, ס'באַווייזן זיך די לבנה, די שטערן... אַך ווי דאָס אַלץ איז גוט און ווי ניי דאָס איז שטענ־דיק! איר פאַרשטייט! איך קאָן נישט איבערגעבן פאַרשטענדלעך...

פאַרוואָס ס׳איז אַזוי גוט צו לעבן... נאָר ס׳קאָן זיין, אַז איר אַליין פילט אויך דאָס זעלבע. יאָ? איר דאַרפט דאָך פאַרשטיין, פאַרוואָס דאָס לעבן איז אַזוי גוט און אינטערעסאַנט.

— יאָ... געוויס! — האָט ער באַשטעטיקט, גרייט אַראָפּ־צורייבן מיט דער האַנט דעם גיפטיקן שמייכל פון דער שוועס־טערס פּנים.

ער האָט אַ קוק געטון אויף וואַרענקען און זיך נישט גע־שטערט אָנצוקוקן פון איר, וועלכע האָט זיך געצאַפּלט פון באַגער איבערצוגעבן אים די גאַנצע קראַפט פון פרייד און גליק וואָס האָט אָנגעפילט איר גאַנץ וועזן, נאָר איר דאָזיקע אָנטצי־קונג און התפעלות האָט פאַרשטאַרקט זיין רחמנות צו איר ביז צו דער מדרגה פון אַ קרענקלעך־שאַרפער עמפּינדלעכקייט. ער האָט געזען פאַר זיך אַ וועזן, וואָס איז באַרוישט דורך דער שיינקייט און רייץ פון פלאַנצן לעבן, פול מיט גראָבער פּאָעזיע אַ באַטויבנדיק שיינס אָבער נישט קיין אויסגעאיידלטס דורך שכל.

— און דער ווינטער? איר האָט ליב דעם ווינטער? ער איז אינגאַנצן אַ ווייסער, אַ געזונטער, אַ שגצעוואַטער, וואָס וואַרפט אַלעמען אָן אויסרוף צו קעמפן מיט אים...

אַ שאַרפער קלוגג האָט איבערגעשלאָגן איר רעדע. ס׳האָט געקלונגען יעליזאַוועטע סערגעיעווגאַ און ווען אין צימער איז אַריינגעפלויגן אַ הויך מיידל מיט אַ קיילעכדיק גוט פּנים און שעלמישע אויגן, האָט זי צו איר געזאָגט מיט אַ מידער שטים:

— נעמט אַוועק דאָס געשיר, מאשע.

דערנאָך האָט זי זיך אָנגעהויבן אַרומצושפּרייזן איבערן צימער, הויך שאַרגדיק מיט די פיס.

דאָס אַלץ האָט אַביסל אויסגעניכטערט דאָס באַגייסטערטע מיידל; זי האָט אַ הייב געטון מיט די פּלייצעס, ווי זי וואָלט פון זיי עפּעס אַראָפּגעטרייסלט, און אַביסל פאַרשעמט, האָט זי איפּאָליט סערגיעוויטשן געפרעגט:

— כ׳האָב אייך אפשר דערעסן מיט מיינע דערציילונגען?

— נו, וואָס זאָגט איר! — האָט ער פּראָטעסטירט.

— ניין, כ׳מיין עס ערנסט, — כ׳האָב אייך געוויס אויס, געוויזן צו זיין נאַריש? — האָט זי זיך געוואָלט דורכויס פֿו אים רעדן.

— פֿאַרוואָס?! — האָט איפּאָליט סערגיעיעוויטש אויסגע-שריען און זיך געוואונדערט, וואָס דאָס וואָרט איז ביי אים אַרויס-געקומען אַזוי הייס און אויפֿריכטיק.

— כ׳בין א ווילדע... דאָס הייסט נישט קיין געבילדעטע...— האָט זי זיך אַנטשולדיקט, — נאָר ס׳פֿרייט מיך זייער מיט אייך צו ריידן... ווייל איר זייט אַ געלערנטער און אַזאַ... נישט אַזעל-כער, ווי איך האָב אייך זיך מיר פֿאָרגעשטעלט.

— וויאַזוי האָט איר מיך זיך פֿאָרגעשטעלט? — האָט ער זיך דערקונדיקט, שמייכלענדיק.

— כ׳האָב געמיינט, אַז איר וועט רק ריידן פֿאַרשידענע חכמות... צוליב וואָס און וויאַזוי קומט דאָס אין יענק, דאָס איז נישט אַזוי, ווי עס באַדאַרף צו זיין, אַלע זענען נאַראָנים, נאָר איך אַליין בין אַ חכם...ביים פֿאָטער איז געווען צו גאַסט זיי-נער אַ חבר, אויך אַ פּולקאָווניק, ווי דער פֿאָפֿאַ, און אויך אַ געלערנטער, ווי איר. ער איז אַ מיליטערישער געלערנטער... ווי רופֿט מען עס?... פֿון גענעראַל-שטאַב... ער איז געווען אַ שרעק-לעך אָנגעבלאָזענער... לויט ווי איך מיין, האָט ער אַפֿילו גאָר-נישט געקאָנט, נאָר זיך פּשוט באַרימט, אַז ער קאָן...

— איר האָט מיך זיך אויך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר אַזעלכן? — האָט איפּאָליט סערגיעיוויטש געפֿרעגט.

— אָך, וואָס איז מיט אייך... נו, צי וואָלט איך געקאָנט...

— אָט וואָס מיינע ליבע קינדער... — האָט קוקנדיק אויף זיי ביידע מיט צוגעשטשורעטע אויגן, יעליזאַוועטע סערגיעווגאַ זיך אָנגערופֿן, — איך וועל גיין זיך פֿאַרנעמען אַביסל מיט דערווירטשאַפֿט און אייך... וועל איך איבערלאָזן אויף גאָטס באַראָט!

און, צעלאַכנדיק זיך, איז זי פֿאַרשוונדן געוואָרן, רוישנ-דיק מיט די קליידער. איפּאָליט סערגעיוויטש האָט איר נאָכ-געקוקט מיט פֿאָרוואורף-בליקן און אַ טראַכט געטון, אַז ער וועט

מוזן מיט איר ריידן מכוח איר אַרט האַלטן זיך בנוגע דעמדאָזיקן, אין תּוך גענומען, זייער ליבלעך, הגם נישט קיין אַנטוויקלט מיידל.

— ווייסט איר וואָס, איר ווילט אפשר מאַכן אַ שפּאַציר אויף אַ שיפל? מיר וועלן צופאָרן צום וואַלד, דאָרט וועלן מיר אַוועקגיין שפּאַצירן און צו מיטאָק וועלן מיר זיך צוריקקערן. גוט? ס'טוט מיר שטאַרק הנאה, וואָס היינט איז אַ לויטערער טאָג און, וואָס איך בין נישט אין דערהיים... ביים פאָטער האָט זיך איצט מסתמא ווידער זיך פאַנאַנדערגעשפּילט דער רעוומאַטיזם און מיר וואָלט אויסגעקומען זיך מתעסק צו זיין מיט אים. דער פּאַפּאַ איז אַ קאַפּריזנער, בעת ער איז קראַנק...

פאַרווונדערט פון איר אָפענעם עגאָיזם, האָט ער איר נישט באַלד געענטפערט מיט אַ הסכם, און ווען ער האָט אין אַ ווײַלע אַרום שוין יאָ געענטפערט, האָט ער זיך דערמאָנט, אין דער כוונה, וועלכע איז ביי אים נעכטן אַנטשטאַנען און מיט וועלכער ער איז היינט אינדערפרי אַרייַנגעגאַנגען פון זיין צימער. נאָר דערווייל גיט זי נישט קיין גרונט, איר חושד צו זיין, אַז זי וויל באַזיגן זיין האַרץ. אין אירע רעדעס קאָן מען זען אַלץ, אַ חוץ קאָקעטעריע. און, שליסלעך, פאַרוואָס טאַקע נישט פאַרברענגען איין טאָג מיט אַזאַ... קיין ספק נישט, אַן אָריגינעל מיידל?

— איר קאָנט רודערן?

— שלעכט...

— דאָס מאַכט נישט אויס, כ'וועל אַליין רודערן, כ'בין אַ קרעפּטיקע, דאָס שפל איז אַזאַ לייכטס. קומט!

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אויף דער וועראַנדע און זיך אַראָפּגעלאָזט אין פּאַרק. אין דער ריי מיט זיין לאַנגער און דאַרער פיגור האָט זי אויסגעזען נידעריקער און דיקער, ווי זי איז. ער האָט געהאַט איר פאָרגעלייגט זי פירן געאָרעמט, נאָר זי האָט זיך פון דעם אָפּגעזאָגט.

— צוואָס? דאָס איז גוט, ווען מ'וועט מיד, אַזוי גלאַט אָבער — שטערט עס צו גיין...

ער האָט געשמייכלט, קוקנדיק אויף איר דורך ווײַנע ברילן. און איז געגאַנגען צונויפּמעסטנדיק זײַנע טריט מיט אירע. דאָס איז אים זייער נעפעלן געוואָרן. דער גאַנג אירער איז געווען אַ לײַכטער און אַ שיינער, — איר ווייס קלייד האָט געשווומען אַרום איר פיגור, נישט שאָקלענדיק זיך מיט איין פאַלד אַפילו. אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ שערעמל, מיט דער צווייטער האָט זי פרײַ און שיין זשעסטיקולירט, דערציילנדיק אים וועגן דער שיינקייט פון דער סביבה פון דאָרף. דידאָזיקע האַנט, אַנטבלויזט ביזן עלנבויגן, אַ קרעפּטיקע און אַ שוואַרצהנעוודיקע, באַדעט מיט אַ גאָלדיקן פוך, האָט, באַוועגנדיק זיך אין דער לופט, געצוווּנגען איפּאָליט סערגעיעוויטשן, ער זאָל זי אויפמערקזאַם באַאָבאַכטן... און ווידער האָט בײַ אים אין דער טיפעניש פון דער נשמה זיך געצאַפּלט אַן אומפאַרשטענדלעכער, נישט קלאָרער פחד פאַר עפּעס.

ער האָט זיך באַמיט צו פאַרניכטן דעמדאָזיקן פחד. ער האָט זיך געפרעגט: וואָס באַוועגט אים צו גיין נאָכן דאָזיקן מיידל? און ער האָט זיך געענטפערט: — נײַגעריקייט, אַ רויִקער און ריינער פאַרלאַנג צו באַאָבאַכטן איר שיינקייט.

— אָט איז דער טײַך! גייט און זעצט זיך אַרײַן אין שיפל. און איך וועל באַלד קריגן רודערס...

און זי איז פאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די בוימער, נאָך איידער ער האָט באַוויזן זי צו בעטן, זי זאָל אים ווײַזן, ווו ער קאָן קריגן די רודערס און זיי ברענגען פון דאָרט.

אינם אומבאַוועגלעכן קאַלטן וואַסער פונם טײַך האָבן די ביימער זיך אָפּגעשפּיגלט מיט די שפּיצן אַראָפּ; ער האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין שיפל און געקוקט אויף זיי. דידאָזיקע געשפּענסטער זענען געווען פּרעכטיקע און שענער פון די לעבעדיקע ביימער גופא, וואָס זענען געשטאַנען בײַם ברעג, באַשאָטנדיק דאָס וואַסער מיט זייערע דורכגעבויגענע און סענקעוואַטע צווײַגן. די אָפּשפּיגלונג האָט זיי געמאַכט איידל, פאַרטוישנדיק אַלץ, וואָס איז בײַ זיי געווען פאַרקריפּלטס און באַשאַפנדיק אין וואַסער אַ בולטע און האַרמאָנישע פאַנטאַזיע אויף די מאָ-

יתן פון דער אָרעמער ווירקלעכקייט, וועלכע די צייט האָט פאַרקריפּלט. נישט קאָנענדיק זיך זאַט אָנקוקן אויף דעם פאַנטאַסטישן בילד, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט דער שטילקייט און מיטן גלאַנץ פון דער נאָך נישט הייסער זון, איינאָטעמענדיק אין זיך צוזאַמען מיט דער לופט די לידער פון די לערכן, וואָס זענען פיל מיט לעבנס־גליק, — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש געשפּירט אין זיך דאָס אויפקומען פון אַ נייעם און אנגענעמען געפיל פון רו, וואָס האָט געלאַשטשעט דעם מוח און איינגעשלעפערט זיין שטענדיקע און אומרויִקע שטרעבונג צו באַגרייפן און דערקלערן.

אַ שטילע רו האָט געהערשט אַרום און אַרום; דאָס בלאַט אויפן בוים האָט נישט געציטערט און אין דערדאָזיקער רו און שטילקייט איז פאָרגעקומען די שטילע שאַפונג פון דער נאַטור; אין דער שטיל איז באַשאַפן געוואָרן דאָס לעבן, וועלכעס ווערט שטענדיק אַוועקגעלייגט דורכן טויט, דאָס לעבן, וואָס ווערט אָבער נישט באַזיגט. און שטיל האָט געאַרבעט דער טויט, אַלץ דערהרגנענדיק און נישט אָפּהאַלטנדיק אגב קיין נצחון איבערן לעבן.

און דער בלויער הימל האָט געשיינט מיט אַ פייערלעכער שיינקייט.

אויפן אונטערגרונט פון אָט דעם בילד האָט זיך אויפן וואַסער פונם טייך באַוויזן די ווייסע בילד־שיינע פרוי מיט אַ ליבלעכן שמייכל אויפן פנים.

זי איז דאָרט געשטאַנען מיט רודערס אין די הענט, פונקט ווי זי וואָלט איינגעלאַדן איר נאָכצוגיין, זי איז געשטאַנען אַ שווייגנדיקע, אַ שיינע און האָט אויסגעוויזן ווי אַן אָפּשיין פון הימל.

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט געוווסט, אַז דאָס איז וואַרענקע אַרויסגעגאַנגען פון פאַרק, און אַז זי קוקט אויף אים, נאָר אים האָט זיך נישט געוואָלט צעשטערן זיין באַצויבערונג, נישט מיט קיין וואָרט און נישט מיט קיין באַוועגונג.

— זעט נאָר, וואָס פאַר אַ טרוימער ער איז! — האָט זיך אין דער לופט דערהערט אַן אויסגעשריי פון באַוואונדערונג.

דאַן האָט ער, אָפּהענגנדיק מיט באַדויערונג זיין בליק פונם וואַסער, אַ קוק געטון אויפן מיידל, וואָס האָט זיך אַ לוסטיקע, אַ לעבעדיקע ווי שווימענדיק אַראָפּגעלאָזט צום ברעג איבער דער שלענגלדיקער סטעזשקעלע פון פּאַרק.

און זיין באַדויערונג איז פאַרשוווּנדן געוואָרן באַלד, ווי ער האָט נאָר אויף איר אַ קוק געטון, מחמת דאָס דאָזיקע מיידל איז באמת געווען באַצויבערנדיק־שיין.

— ווען מען וואָלט עס געקאָנט איינפּאַלן, אַז איר האָט ליב צו טרוימען! אייער פּנים איז דאָך אַזוי שטרענגס און ערנסטס... איר ווערט אָנפירן מיטן שיפל, יאָ? מיר וועלן פאָרן אַרויף קעגן שטראָם... דאָרט איז שענער... און בכלל איז קעגן שטראָם אינטערעסאַנטער צו פאָרן, ווייל מען רודערט, מען באַוועגט זיך און מען שפּירט זיך גופא...

אָפּגעשטופּט פון ברעג, האָט זיך דאָס שיפל פויל געשאָקלט אויפן שלאָפעדיקן וואַסער, נאָר אַ שטאַרקער קלאַפּ מיט די רודערס האָט עס מיטאַמאָל אַוועקגעשטעלט אין דער לענג פונם ברעג און אַ שאָקל טוענדיק זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער, האָט עס לייכט זיך אַ גליטש געטון פאַר אים.

— מיר וועלן פאָרן אין דער לענג פונם בערגיקן ברעג, ווייל דאָרטן איז פאַראַן שאָטן... — האָט דאָס מיידל געזאָגט, צעשלאָגנדיק דאָס וואַסער מיט געשיקטע קלעפּ פון די רודערס. נאָר דאָ איז דער שטראָם אַ שוואַכער... אָבער אויפן דניעפּר — די מומע לוטשיצקאַ האָט דאָרט אַ גוט, — דאָרט, וואָס זאָל איך אייך זאָגן? דאָרט איז ממש אַ שרעק! דער שטאַרקער שטראָם רייסט דאָרט ממש די רודערס פון די הענט... איר האָט נישט געזען די „שוועלן" אויפן דניעפּר?

— בלויז שוועלן פון טירן... — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש געוואָלט זיך וויצלען.

— איך בין געפאָרן איבער זיי — האָט זי לאַכנדיק, דערציילט. — אַך, ווי שיין דאָרט איז! אַמאָל האָב איך שיער נישט צעקלאַפּט דאָס שיפל, כ'וואָלט געוויס דעמאָלט דערטרונקען געוואָרן...

— דאָס וואָלט שוין נישט געווען גוט, — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש ערנסט געזאָגט.

— וואָס איז דען? כ'האָב לחלוטין נישט קיין מורא פאַרן טויט... הגם איך האָב ליב דאָס לעבן. ס'קאָן זיין, אַז דאָרט איז אויך אינטערעסאַנט, ווי אויף אונדזער וועלט...

— ס'קאָן דאָך אָבער זיין, אַז דאָרט איז גאָר נישטאָ... — האָט ער זיך אָפּגערופן, אַ קוק טוענדיק אויף איר מיט נייגעריקייט.

— ווי קאָן עס דען געמאָלט זיין, אַז נישט! — האָט זי איבערצייגנדיק אויסגעשריען — ס'איז געוויס יאָ דאָ.

ער האָט באַשלאָסן איר נישט צו שטערן — זאָל זי זיך פילאָזאָפירן, אין אַ באַקוועמער רגע וועט ער זי אָפּשטעלן און זי צווינגען פאַנאַנדערצוויקלען פאַר אים דאָס גאַנצע אָרעמע וועלטל פון אירע פאַרשטעלונגען און אָנשויאונגען.

זי איז געזעסן אַקעגן אים, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די קליינע פיסלעך אָנם בענקל, וואָס איז געווען צוגעשלאָגן צום דנאָ פונם שיפל — און מיט יעדן קלאַפּ פון די רודערס האָט זי אַ בייג אָפּ געטון צוריק איר קערפּער.

דאַן האָט זיך אונטערן לייכטן שטאָף פון איר קלייד בולט אויסגעצייכנט איר מיידלשע ברוסט, אַ הויכע, אַן עלאַסטישע, וואָס האָט געציטערט פון די באַוועגונגען.

— זי טראָגט נישט קיין גאָרסעט, — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש זיך געטראַכט, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן צום דנאָ פונם שיפל, נאָר דאָרט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף אירע פיסלעך.

אָנשפּאַרנדיק זיך אָנם דנאָ פונם שיפל, האָבן זיך אירע פיסלעך אָנגעשטרענגט און דאַן איז געווען צו זען ווייערע קאָנטורן ביז די קני.

— טשיקאווע, צו זי האָט בכיון אָנגעטון דאָס דאָזיקע נאַרישע קלייד? — האָט ער מיט פאַדרוס אַ טראַכט געטון און זיך אָפּגעקערט, באַקוקנדיק דעם הויכן ברעג.

זיי זענען פאַרבייגעפאָרן דעם פאַרק און איצט געשוווּמען אונטער

אַ גרויסן שלוכט; פון אים זענען אַראָפּגעהאָנגען געקרייזלטע שטענגלעך פון אַרבעס, ריטער פון אַרבוזן מיט זייערע סאַמעטענע בלעטער; גרויסע געלע קרייזן פון אייערבלומען האָבן, שטייענדיק אויפן עק פון שלוכט, געקוקט אויפן וואַסער.

דער אַנדער ברעג, אַ נידעריקער און גלייכער, האָט זיך געצויגן ערגעץ אין דער ווייט צו די גרינע ווענט פון וואַלד און איז געווען געדיכט באַדעקט מיט זאַפטיקן בולט גרינעם גראָז; פונם גראָז האָבן ליבלעך געקוקט אויפן שיפל, ווי קינדערשע אייגעלעך, בלויע בלומען. און ווייטער איז געשטאַנען אַ טונקל־גרינער וואַלד — און דער טייך האָט זיך און אים אַריינגעשטאָכן, ווי א שטיק קאַלט שטאָל.

— אייך איז נישט הייס? — האָט וואַרענקע געפרעגט.

ער האָט אויף איר אַ קוק געטון און זיך דערשפּירט פאַרשעמט: — אויפן שטערן האָבן ביי איר אונטער אַ קרוין פון געקרייזלטע האָר, געבלאַנקט טראָפּנס שווייס און די ברוסט האָט זיך געהויבן אָפט און הויך.

— אַנטשולדיקט, כ'בעט אייך! האָט ער געזאָגט מיט חרטה אין שטים — כ'האָב זיך פאַרקוקט... איר זענט מיד געוואָרן?... גיט־זשע מיר די רודערס.

— ניין, כ'וועל זיי אייך נישט געבן! איר מיינט, אַז איך בין מיד? דאָס איז אַפילו אַ באַליידיקונג פאַר מיר, אַזוי צו מיינען! מיר זענען דאָך נאָך אַפילו קיין צוויי וויאָרסט נישט אָפּגעשווומען... ניין, איר זיצט זיך אייך... באַלד וועלן מיר צושווימען צום ברעג און וועלן גיין שפּאַצירן.

לויט איר פּנים, איז געווען צו זען, אַז אמפּערן זיך מיט איר מכּוח דעם איז געווען צוועקלאָז און ער איז מיט פּאַדרויס אַ צוק טוענדיק מיט די פּלייצעס, פאַרשוויגן געוואָרן, טראַכטנדיק זיך אומצופרידן:

זעט אויס, אַז זי האַלט מיך פאַר אַ שוואַכן.

— איר זעט, — אָט דער וועג פירט צו אונדז — האָט זי אים אָנגעוויזן אַ דריי טוענדיק מיטן קאָפּ. אויפן ברעג־דאָ קאָן מען אַריבערגיין איבערן טייך, דאָס וואַסער איז דאָ נישט

קיין טיפּס און ביז אונדזער גוט איז פון דאנען פּערצן וויאָרסט ביי אונדז איז אייך גוט און שיין, שענער, ווי אין אייער פאָלקאנאווקע.

— ווּנטער ווינט איר אויך אין דאָרף? — האָט ער גע־פרעגט.

— ווי דען זשע? איך פיר דאָך די גאַנצע ווירטשאַפט, דער פאָטער שטייט נישט אויף פון פאָטעל... מ׳פירט אים אַרום איבער די צימערן.

— נאָר אייך איז דאָך מסתמא לאַנגווייליק אַזוי צו לעבן?

— פאַרוואָס עפּעס לאַנגווייליק? כ׳בין שרעקלעך פאַרנומען...
און אַ געהילף האָב איך נאָר איינעם — ניקאָנען דעם פאָטערס דענשטשיק.*) ער איז שוין אַ זקן און האָט אויך ליב דעם ביטערן טראָפּן, ער איז אָבער אַ שרעקלעכער גבור און קאָן זיין מלאכה. די פּויערים האָבן פאַר אים מורא... ער שלאָגט זיי און זיי האָבן אויך אַמאָל אים שטאַרק אויסגעבראָכן די ביינער... זייער שטאַרק! ניקאָן איז אַ זעלטן ערלעכער און איז שטאַרק איבערגעגעבן מיר און דעם פאָטער... האָט אונדז ליב, ווי אַ הונט! כ׳האָב אים אויך ליב. איר האָט אפשר געלייענט אַ ראָמאַן, ווו ס׳איז פאַראַן אַ העלד, אַן אַראַבישער אָפיצער, גראַף לוי גראַמאָן און ער האָט אויך אַ דענשטשיק סאַדי־קאָקאָ?

— כ׳האָב אים נישט געלייענט, — האָט זיך באַשיידן מודה געווען דער יונגער געלערנטער.

— לייענט עס אומבאַדינגט איבער — דאָס איז אַ גוטער ראָמאַן — האָט זי אים מיט אַ זיכערקייט געגעבן אַן עצה — איך רוף ניקאָנען, ווען ער גיט מיר נאָך, סאַדי־קאָקאָ. תּחילת פלעגט ער אויף מיר זיין ברוגז פאַר אַזאַ נאָמען, נאָר כ׳האָב אים אַמאָל פאָרגעלייענט דעמדאָזיקן ראָמאַן, און איצט ווייסט ער שוין, אַז פאַר אים איז אַ כבוד צו זיין ענלעך צו סאַדי־קאָקאָ.

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט אויף איר געקוקט אַזוי, ווי אַן

---

*) אָרדינאַנס.

אייראָפּייִער קוקט אויף אַ גוט געמאַכטע, נאָר פאַנטאַסטיש־פאַרקרי־פּלטע סטאַטועטקע פון אַ כינעזער — מיט אַ געמיש פון באַוווּנדע־רונג, באַדויערונג און נייגעריקייט.

און זי האָט מיט היץ אים דערציילט וועגן דיהעלדישע־טאַטן פון סאַדי־קאַקאַ, פול מיט אַן אומבאַגרענעצטער איבערגעבנ־קייט צום גראַף לוי גראַמאַן.

— אַנטשולדיקט, וואַרוואַרע וואַסיליעוונאַ — האָט ער איר איבערגעשלאָגן די רייד, — ראָמאַנען פון רוסישע מחברים האָט איר געלייענט?

— אָ, יאָ! נאָר כ׳האָב זיי נישט ליב — זיי זענען לאַנג־ווייליקע, זייער לאַנגווייליקע! און שרייבן שרייבן זיי אַלץ אַזעל־כעס, וואָס איך אַליין ווייס נישט ערגער פון זיי. זיי קאָנען נישט אויסטראַכטן קיין שום אינטערעסאַנטס און כמעט אַלץ קומט ביי־יי אויס אמת.

— צי האָט איר דען נישט ליב דעם אמת? — האָט ליב־לעך איפּאָליט סערגעיעוויטש אַ פרעג געטון.

— אַך. איך האָב ליב דעם אמת. כ׳זאָג דעם אמת אַלעמען אין די אויגן און...

זי איז פאַרשוויגן געוואָרן, האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע, און אַ פרעג געטון:

— וואָס אייגנטלעך איז דאָ פאַראַן, וואָס ליב צו האָבן? דאָס איז שוין מיין רגילות, ליב צו האָבן דעם אמת.

ער האָט גאָרנישט באַוויזן איר אויף דעם עפּעס צו זאָגן, ווייל זי האָט שנעל און הויך אַ קאָמאַנדע געטון:

— לענקט אויף לינקס... גיכער! אַהין, צו יענעם דעמב... אַך, וואָס פאַר אַ נישט געשיקטער איר זענט!

דאָס שיפל האָט נישט געפאָלגט זיין האַנט און איז געגאַנ־גען צום ברעג איינגעבויגן אויף אַ זייט, הגם ער האָט מיט אָנ־שטרענגונג געדרייט דאָס וואַסער מיט זיין רודער.

— ס׳מאַכט נישט אויס, ס׳מאַכט נישט — האָט זי געזאָגט און מיטאַמאָל, אויפהייבנדיק זיך אויף די פיס, איז זי אַריבערגע־שפּרונגען איבערן באָרט.

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט טויב אַ געשריי געטון, אוועק־וואָרפנדיק דעם רודער און אויסשטרעקנדיק צו איר די הענט. נאָר זי איז שוין אומגעשעדיקט געשטאַנען אויפן ברעג, האַלטנדיק די קייט פונם שיפל אין די הענט און פאַרשולדיקט אים פרעגנדיק:

— כ׳האָב אייך איבערגעשראָקן?

— כ׳האָב געמיינט, אַז איר וועט אַריינפאַלן אין וואַסער אַריין — האָט ער שטיל געזאָגט.

— צי קאָן מען דאָ דען פאַלן? חוצדעם איז דאָ נישט טיף, — האָט זי זיך פאַרטיידיקט, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן און צופירנדיק דאָס שיפל צום ברעג.

און זיצנדיק אויפן פאָדערשטן טייל שיפל, האָט ער גע־טראַכט, אַז צופירן דאָס שיפל צום ברעג וואָלט ער געדאַרפט.

— איר זעט, וואָס פאַר אַ וואַלד? — האָט זי געזאָגט, ווען ער איז אַרויס פונם שיפל אויפן ברעג און זיך אַנידערגעשטעלט נעבן איר, — וואָס זאָגט איר אויף דעמדאָזיקן וואַלד? דאָרט, נעבן פּעטערבורג, זענען נישט פאַראַן אַזעלכע שיינע וועלדער, נישט וואָר?

פאַר אים איז געלעגן אַ שמאָלער וועג, וואָס איז געווען פאַר־צוימט פון ביידע זייטן מיט שטאַמען פון פאַרשידנאַרטיקעביימער. אונטער זייערע פיס האָבן זיך געצויגן קניפּלדיקע וואָרצלען וואָס זענען געווען צעקלאַפּט דורך רעדער פון פורן, און איבער זיי — אַ געדיכטער דאַך פון צווייגן און אויבן, ערגעץ אין דער הויך, — בלויע שטיקער הימל.

די זון־שטראַלן, דינע ווי סטרונעס, האָבן אין דער לופט געציטערט, איבערשניידנדיק דורך און דורך דעמדאָזיקן שמאָלן גרינעם קאָרידאָר.

אַ ריח פון איבערגעפוילטע בלעטער, שוואָמען און בזשאָזע האָט זיך געטראָגן פון אַלע זייטן. ס׳האָבן געשימערט פייגל, שטערנדיק די ערנסטע שטילקייט פונם וואַלד מיט זייערע לעבעדיקע לידער און טשיוויטשערייען. ווייט ערגעץ האָט מיט זיין שנאָבל געקלאַפּט אַ פּיקהאָלץ, ס׳האָט געזשומעט אַ בין און פונקט ווי ווייזנדיק זיי דעם וועג, האָבן פאַר זיי זיך געטראָגן אין דער לופט

און געפלאָנטערט, פאַרפּאָלגנדיק איינע די אַנדערע צוויי שמע־טערלינגען.

ווארענקע און איפּאָליט סערגעיעוויטש זענען געגאַנגען פּאַ־מעלעך. איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט געשוויגן, נישט שטערנדיק ווארענקען אָפּצוזוכן ווערטער אויף אויסצודרוקן אירע געדאַנקען, און זי האָט מיט היץ אים געזאָגט:

— כ'האָב נישט ליב צו לייענען וועגן פּויערים; וואָס, מ'שטייגס־געזאָגט, פאַר אַ אינטערעסאַנטס קאָן זיין אין זייער לעבן? איך קען זיי, לעב צוזאַמען מיט זיי און זע, אַז וועגן זיי שרייבט מען נישט ריכטיק, נישט דעם אמת. מען באַשרייבט זיי אַלס אַזעלכע עלנטע און אינדעראמתן זענען זיי אַזעלכע געמיינע און ס'איז לחלוטין נישטאָ פּאַרוואָס זיי צו באַדויערן און האָבן אויף זיי רחמנות. זיי האָבן נאָר איין באַגער, איין זאַך ווילט זיך נאָר זיי — אייך אָפּצונאַרן און אָנצופּייפן. ביי אייך עפּעס אָוועקצוגנבע־נען. זיי בעטן שטענדיק נדבות, זינגען, עקלהאַפטע, שמ:ציקע... און ביי דעם אַלעם זענען זיי דאָך קלוגע, אָ! זיי זענען אפילו זייער כיטרע, זיי מאַטערן מיך צייטנווייז אַזוי, אַז ס'איז ממש שווער זיך פאָרצושטעלן!

איצט האָט זי זיך געקאָכט און אויף איר פּנים איז געווען אַן אויסדרוק פון צאָרן און לאַנגווייליקייט.

הפּנים, אַז די פּויערים האָבן אין איר לעבן פאַרנומען פיל אָרט; זי איז דערגאַנגען צו שנאה, ווען זי האָט זיי געשילדערט.

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט זיך שטאַרק געוווּנדערט, זע־ענדיק די קראַפט פון איר אויפרעגונג, נאָר, נישט ווילנדיק ווײַ־טער הערן דידאָזיקע פּריצישע אָרויסטרעטונגען קעגן די פּויערים, האָט ער דעם מיידל איבערגעשלאָגן די רייד.

— איר האָט גערעדט וועגן די פּראָבינציזישע שרייבער...

— אָך, יאָ! ס'הייסט, וועגן די רוסישע — האָט זי אים פאַרריכט, זיך באַרויקנדיק — איר פרעגט, פּאַרוואָס די רוסישע שרייבן ערגער — דאָס איז קלאָר! דערפאַר, וואָס זיי טראַכטן נישט אויס קיין שום אינטערעסאַנטע זאַכן. ביי די פּראַנצויזישע שרייבער זענען די העלדן אמתע, זיי ריידן נישט אַזוי, ווי אַלע־

געוויינטלעכע מענטשן, ווי „מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר”, און פירן
זיך אויף אַנדערש, נישט ווי געוויינטלעכע מענטשן, נאָר טאַקע
ווי העלדן. זיי זענען שטענדיק מוטיקע, פאַרליבטע, לוסטיקע.
און ביי אונדז זענען די העלדן פשוטע מענטשעלעך, אָן דרייסט־
קייט, אָן קאָכעדיקע געפילן, עפּעס אַזעלכע נישט שיינע, קלאָ־
געדיקע — גאַנץ פשוטע מענטשן אין מער גאָרנישט! וואָס זע־
נען דאָס, כ׳בעט אייך, פאַר אַ העלדן? קיינמאָל וועט איר עס
אין אַ רוסישן ביכל נישט פאַרשטיין, מיט וואס אַזעלכע פשוטע
מענטשן זענען העלדן, דער רוסישער העלד איז שטענדיק עפּעס
אַ נאַרישער, אַ שמענדריק און אַן אומגעלומפּערטער, שטענדיק
טראַכט ער וועגן עפּעס אומפאַרשטענדלעכע ענינים, אַלעמען באַ־
דויערט ער און אַליין איז ער אַזאַ עלנטער, אַזאַ יאָמערדיקער,
אַז ס׳איז ממש אויף אים אַ רחמנות! ער טראַכט אַלץ, רעדט,
גייט און דערקלערט זיך אין ליבע, דערנאָך טראַכט ער ווײַ־
טער, ביז ער האָט סוף־כּל־סוף, חתונה... חתונה געהאַט — רעדט
ער אָן פאַר זיין ווייב זייערע נאַרישקייטן און פאַרלאָזט זי,
וואַרפט זי אַוועק... וואָס איז אין דעם אַלעם פאַראַן אינטע־
רעסאַנטס? מיך פאַרדריסט אפילו אַזאַ אַרט שרייבן, ווייל דאָס
שמעקט מיט שווינדל, — אָנשטאָט אַ העלד, באַמאָלט זיך אין
ראָמאַן עפּעס א גולם! און לייענענדיק אַ רוסיש ביכל, וועסטו
קיינמאָל נישט פאַרגעסן וועגן דעםווירקלעכן לעבן, — צי איז
דאָס גוט, זאָגט אַליין? און ווען מען לייענט אָבער אַ פראַנצוי־
זיש ווערק – ציטערט מען פאַר די העלדן, מען באַדויערט זיי,
מ׳האָט פיינט זייערע קעגנער, ס׳ווילט זיך שלאָגן פאַר זיי, ווען
זיי שלאָגן זיך, אָדער גיין אויף אַ דועל פאַר זיי, מען וויינט,
ווען זיי קומען אום... מען וואַרט ליידנשאַפטלעך און מיט דער
גרעסטער שפּאַנונג, ווען דער ראָמאַן וועט זיך ענדיקן, און ווען
מ׳פאַרענדיקט לייענען דעם ראָמאַן — וויינט מען שיער נישט
פון פאַרדרוס, אַז ס׳איז שוין אַלץ, אַז דער ראָמאַן האָט זיך
שוין געענדיקט. דאָ — לעבסטו און אין די רוסישע ביכלעך
איז גאָרנישט פאַרשטענדלעך — צוואָס לעבן די מענטשן? צו־

וואָס, בכלל, שרייבן ביכער, ווען דו קאָנסט נישט זאָגן עפּעס אויסערגעוויינטלעכעס? אַ חידוש כ'לעבן!

— אויף דעם קאָן מען אייך פיל זאָגן, וואַרוואַרע וואַסיל־יעווגאַ, — האָט ער אָפּגעשטעלט דעם שטורמישן שטראָם פון אירע רייד.

— אַדרבא, זאָגט! — האָט זי דערלויבט מיט אַ שמייכל, איר וועט געוויס מיך שאַרף קריטיקירן, מאַכן פון מיר אַ תל.

— כ'וועל זען מיט אייך צו ריידן צו דער זאַך. קודם־כל זאָגט מיר, וועלכע רוסישע שרייבערס איר האָט געלייענט.

— פאַרשידענע... איבעריקנס, אַלע זענען זיי איינע און דיזעלבע. אָט לאָמיר נעמען, למשל, סאַליאַסן.. ער מאַכט נאָך די פּראָנצויזן, אָבער זייער נישט גוט. ער האָט אויך, איבע־ריקנס, רוסישע העלדן, צי קאָן מען דען אָבער וועגן זיי שרייבן אינטערעסאַנטס? כ'האָב נאָך געלייענט פיל אַנדערע שרייבער: מאָרדאָווציעוו, מאָרגעוויטש, פּאַזוכין, דאַכט זיך, — איר זעט, בלויז לויט זיין פאַמיליע איז שוין קלאָר. אַז ער קאָן נישט גוט שרייבן! איר האָט אים נישט געלייענט? צי האָט איר אָבער געלייענט פּאָרטיונע־דע־בואַגאָביי? פּאָנסאָן־דע־טעראָיל? אַרסען גו־סע? פּיער זאַקאָנע? דיומאַ, גאַבאָריאָ, בעַרן? אָך, גאָט מיינער, ווי גוט זיי שרייבן! וואַרט... איר ווייסט וואָס? מיר געפעלן אין די ראָמאַנען מער פון אַלץ די פאַרברעכער, יענע וואָס פלעכטן אַזוי געשיקט פאַרשידענע כיטרע נעצן... באַגייען רציחות, סמען... קלוגע מענטשן זענען עס, שטאַרקע, און ווען מ'כאַפּט זיי, סוף־כל־סוף, — פאַרדריסט עס מיך אַזוי שטאַרק, אַז כ'הייב אָן צו וויינען. אַלע האָבן פ[illegible] דעם פאַרברעכער, אַלע גייען קעגן אים, אַלע האָבן געמאַכט יד־אחת אים צו כאַפּן און אומ־צוברענגען פון דער וועלט, מיט איין וואָרט, ער איז אַליין קעגן אַלע! אָט, דאָס איז אַ העלד! און יענע, די אַנדערע, מיט די כלומרשטע גוטע מידות. ווערן ממש אומדערטרעגלעך און העסלעך, ווען זיי האַלטן אָפּ איבער אים אַ נצחון... און, בכלל, פאַרשטייט איר מיך, געפעלן מיר. מענטשן נאָר כל־זמן זיי ווילן עפּעס שטאַרק, האָבן צו עפּעס אַ שטאַרקן באַגער, גייען מיט

פעסטע טריט צו עפעס, זוכן עפעס, קוועלן זיך... נאָר אויב זיי זענען דערגאַנגען ביז זייער ציל און זיך אָפּגעשטעלט, דאַן זענען זיי שוין נישט אינטערעסאַנט... און אַפילו — באַנאַל!

אַן אויפגערעגטע און, אַ פּנים, שטאָלץ דערמיט, וואָס זי האָט אים געזאָגט, איז זי פּאַמעלעך געגאַנגען נעבן אים, אויפהייבנדיק שיין דעם קאָפּ און בלישטשענדיק מיט די אויגן.

ער האָט איר געקוקט אין פּנים אַריין און דרייענדיק נערוועז זיין בערדל, האָט ער געזוכט אַזעלכע אויסדרוקן, וועלכע וואָלטן מיטאַמאָל אַראָפּגעריסן פון איר מוח דעמדאָזיקן דיקן שיכט פון שטויב, וואָס האָט אים פאַרדעקט.

פילנדיק אָבער, אַז ער איז מחויב איר אָפּצוענטפערן און אָפּאָנירן, האָט ער געוואָלט נאָך הערן איר נאַיווע און אייגנאַרטיקע פלוידעריי, זי נאָך צו זען אַ באַגייסטערטע מיט אירע חקירות און ווי זי אַנטפּלעקט אויפריכטיק פאַר זיך איר נשמה.

ער האָט קיינמאָל נישט געהערט אַזעלכע רייד; זיי זענען אין זיינע אויגן געווען מיאוסע און אַזעלכע, וואָס איז אוממעגלעך זיי צו הערן, נאָר גלייכצייטיק האָט דאָך אַלץ, וואָס זי האָט גערעדט, האַרמאָנירט, ווי סיקאָן גאָר נישט זיין בעסער, מיט איר עטוואָס רויבערישער שיינקייט.

ער האָט דאָ געהאַט צו טון מיט נישט קיין געשליפענעם מוח, וועלכער האָט אים באַליידיקט מיט זיין גראָבקייט, און מיט אַ פאַרפירעריש שיינער פרוי, וועלכע האָט געריצט זיין זינלעכקייט.

דידאָזיקע צוויי כוחות האָבן אויף אים געווירקט און אים געדריקט מיט דער גאַנצער ענערגיע פון זייער אוממיטלבאַרקייט און מ'האָט געדאַרפט עפעס זיי קעגנשטעלן, ווען נישט, — האָט ער געפילט — קאָנען זיי אים אַרויסשטויסן פון דער ריי, צו וועלכער ער איז געוווינט, צו דער ריי פון יענע אָנשויונגען און געוווינהייטן, אין וועלכע ער האָט זיך אַזוי רויק איינגעלעבט — ביז ער האָט זיך מיט איר באַגעגנט.

ער האָט געהאַט אַ קלאָרע לאָגיק און ער פלעגט גוט פירן וכוחים און פאָלעמיזירן מיט מענטשן פון זיין קרייז, נאָר

וויאַזוי רעדט מען מיט איר און וואָס דאַרף מען ר זאָגן, כּדי
אַרויסצורופן איר מוח אויף אַ ריכטיקן וועג און כּדי איידל צו
מאַכן איר נשמה. וועלכע איז פאַרקריפּלט געוואָרן דורך די נאַ-
רישע ראָמאַנען און דורך דער געזעלשאַפט פון פּויערים, פונם
דאָזיקן זעלבער און פון איר פאָטער, דעם שיכּור?
— אַך, ווי איך האָב זי פאַררעדט! אויסגעפּלוידערט גאַנ
צע ניין מאָס רייד! — האָט זי אויסגעשריען, זיפּצנדיק, — שוין
נמאס געוואָרן אייך צו הערן, ס'וואָר?
— ניין, נאָר...
— אין אייער געזעלשאַפט, פאַרשטייט איר מיך, איז מיר
אָנגענעם. איידער כ'האָב זיך מיט אייך באַקענט, האָב איך נישט
געהאַט מיט וועמען צו פירן אַ געשפּרעך. אייער שוועסטער, —
כ'ווייס עס, — האָט מיך נישט ליב און איז אַלץ אויף מיר
ברוגז... הפּנים, דערפֿאַר, וואָס איך גיב מיין פאָטער בראָנפן
און דערפאַר, וואָס איך האָב געשלאָגן ניקאָנען...
— איר?! געשלאָגן! ע... ווי האָט איר עס געקאָנט אָפּטון
אַזעלכעס? — האָט זיך איפּאָליט סערגעיעוויטש געחידושט.
— גאַנץ פּשוט, כ'האָב אים אויסגעקלאַפּט די ביינער מיטן
טאַטנס נאַגייקע און מער גאָרנישט! ס'איז דאָן, פאַרשטייט איר
מיך, געווען די צייט פון דרעשן די תּבֿואות, אַ שרעקלעכע
גראַטשקע, און ער, דער פּרא־אָדם, נעמט און שיכּורט זיך אָן!
האָט איר געזען אַזעלכעס? בין איך שטאַרק אין כּעס געוואָרן!
צי האָט ער ס'רעכט זיך אָנצושיכּורן, ווען די אַרבעט קאָכט און
אומעטום איז נייטיק זיין אויג? ער איז דאָך אונדזער געשוווי-
רענער משגיח. דידאָזיקע פּויערים, זיי...
— הערט מיך אויס, וואַרוואַרע וואַסיליעוונאַ, — האָט ער
איבערצייגנדיק און, ווי ווייט מעגלעך, ווייך אָנגעהויבן: —
צי איז דאָס גוט צו שלאָגן אַ דינער? צי איז דאָס איידל? באַ-
טראַכט זיך! צי יענע העלדן, פון וועלכע איר האַלט אַזוי, שלאָגן
די סאַדי־קאַקאָס, וועלכע זענען זיי אַזוי איבערגעגעבן?
— אָ, נאָך וויאַזוי! גראַף לוי האָט אַמאָל קאָקאָן דער-
לאַנגט אַזאַ פּראַסק, אַז איך האָב אַזש רחמנות געקריגן אויפן

אָרעמען זעלנערל. וואָס־זשע קאָן איך מיט אים טון, ווען נישט שלאָגן? אויך גוט, וואָס איך קאָן... איך בין דאָך אַ קרעפּטיקע! גוט אַ טאַפּ, וואָסערע מוסקולן איך האָב!

פאַרבייגנדיק איר האַנט און עלנבויגן, האָט וואַרענקע זי שטאָלץ אויסגעשטרעקט צו אים. ער האָט אַרויפגעלייגט די דלאָ־ניע אויף איר אָרעם און שטייף צוגעקוועטשט די פינגער, נאָר ער האָט זיך באַלד באַטראַכט און, אַ פאַרשעמטער, מיט אַ פאַרב אויפן פּנים, האָט ער זיך אומגעקוקט אַרום זיך.

אומעטום זענען שטיל געשטאַנען דיביימער און מער גאָרנישט...

ער איז בכלל נישט געווען באַשיידן מיט פרויען, נאָר דאָסדאָזיקע מיידל האָט מיט איר פּשטות און צוטרוילעכקייט, אים געבראַכט דערצו, ער זאָל נישט זיין באַשיידן, זי, וואָס האָט אין אים אָנגעצונדן און פאַנאַנדערגעבערענט אַ געפיל, וואָס איז פאַר אים געווען געפערלעך.

— איר באַזיצט, קיין עין־הרע, אַ געזונט, וואָס איז מקנא צו זיין, — האָט ער געזאָגט, שטאַרק אין פאַרטראַכט באַקוקנדיק איר קליינע אָפּגעבערענטע האַנט, וועלכע האָט בשעת־מעשה זיך געפּאָרעט מיט די פאַלדן פון דעם קלייד אויף דער ברוסט — און איך מיין, אַז איר האָט זייער אַ גוט האַרץ — האָט זיך אומגעריכט פאַר אים אַליין, אַרויסגעריסן פון זיין מויל.

— כ׳וויים נישט! — האָט זי זיך אָפּגערופן, אַ שאָקל טו־ענדיק מיטן קאָפּ — כ׳צווייפל — כ׳האָב נישט קיין כאַראַקטער: צייטנווייז באַדויער איך מענטשן, אפילו די, וועלכע איך האָב נישט ליב.

— נאָר צייטנווייז? — האָט ער אַ שמייכל געטון — זיי זענען דאָך אָבער שטענדיק ווערט, מ׳זאָל זיי באַדויערן און האָבן מיט זיי מיטלייד.

— פאַרוואָס? — האָט זי געפרעגט, אויך טוענדיק אַ שמייכל.

— צי זעט איר זען נישט, ווי אומגליקלעך זיי זענען? לאָמיר נעמען אפילו אייערע פּויערים, ווי שווער און ביטער זיי

לעבן און וויפיל אומגערעכטקייטן צרות, און מאטערנישן האבן זיי אויסצושטיין אין זייער לעבן?

דאס האט זיך ביי אים ארויסגעריסן הייס, און זי האט אויפמערקזאם אים א קוק געטון אין פנים אריין, זאגנדיק:

— איר זענט הפנים זייער א גוטער, ווען איר רעדט אזוי איר קענט דאך אבער נישט די פויערים, איר האט דאך נישט געוווינט אין דארף. זיי זענען אומגליקלעך — דאס איז ריכטיק, נאר ווער איז אין דעם שולדיק? זיי זענען דאך כיטרע מענטשן און קיינער שטערט זיי נישט צו זיין גליקלעך.

— זיי האבן דאך אבער נישט אפילו גענוג ברויט, צו זיין זאט!

— יא, ס'איז דאך פאראן אזוי פיל פויערים, אזוי פיל...

— יא, טאקע פיל! אבער ערד איז דאך אויך פאראן זייער פיל, ווייל ס'זענען פאראן מענטשן, וואס האבן צענדליקער טויזנט דעסיאטין ערד, איר, למשל, — וויפיל האט איר ערד אין אייער באזיץ?

— פינפהונדערט דרייאונזיבעציק דעסיאטין... נו, וואס-זשע איז? וואס איז דערפון געדרונגען? אפשר... אפשר זיי אוועקגעבן די ערד.

זי האט אויף אים געקוקט מיט א בליק פון א דערוואקסענער, וואס קוקט אויף א קינד, און האט שטיל געלאכט.

אים האט אויפגעבראכט און גלייכצייטיק זשעני‎רט דאס-דאזיקע געלעכטער. אין אים האט זיך פאנאנדערגעפלאקערט דער באגער זי איבערצוצייגן אין די פארבלענדענישן פון איר מוח.

אין ארויסריידנדיק די ווערטער שארף און יעדעס באזונדער, האט ער אנגעהויבן צו איר צו ריידן, וועגן דעם, ווי די רייכטימער זענען נישט יושרדיק פאנאנדערגעטיילט, ער האט גערעדט וועגן דער רעכטלאזיקייט פון דער מערהייט מענטשן וועגן דעם פאטאלן קאמף פאר א שטיקל ארט אין לעבן און פאר א שטיקל ברויט, וועגן דער מאכט פון די רייכע אין די מאכטלאזיקייט פון די ארעמע און וועגן שכל — דעם אנפירער פון לעבן, וועלכער ווערט אונטערדריקט דורך דער אייביקער אומגע-

רעכטיקייט און דורך דער פינסטערקייט פון פּאַראַנטיילן, וואָס זענען באַקוועם און נייטיק פאַר דער שטאַרקער מינדערהייט פון די רייכע מענטשן.

גייענדיק אין ריי מיט אים, האָט זי געשוויגן, און גע־קוקט אויף אים מיט נייגעריקייט און באַוואונדערונג.

אַרום זיי האָט געהערשט די טונקעלע שטילקייט פונם וואַלד, יענע שטילקייט, איבער וועלכער עס דאַכט זיך, אַז די קלאַנגען גליטשן זיך, נישט צעשטערנדיק איר מעלאַנכאָלישע האַרמאָניע.

די בלעטער פון די אָסינעס (עספּעס) האָבן נערוועיש גע־ציטערט, פּונקט ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף עפּעס, נאָך וואָס זיי לעכצן שטאַרק.

— דער חוב פון יעדן ערלעכן מענטשן איז — האָט אי־בערצייגנדיק איפּאָליט סערגעיעוויטש אין איר אַריינגערעדט — אַריינצוטראָגן אינם קאַמף פאַר די אונטערדריקטע און פאַר־שקלאַפטע, פאַר זייער רעכט צו לעבן — זיין גאַנצן גייסט און דאָס גאַנצע האַרץ, באַמיענדיק זיך, אָדער צו פאַרקירצן די מאַ־טערנישן פון קאַמף, אָדער צו פאַרשנעלערן דעם גאַנג. אָט אויף וואָס ס׳איז נייטיק אַן אמתע העלדישקייט און טאַקע אינם דאָ־זיקן קאַמף דאַרפט איר די העלדישקייט זוכן. דאָרט איז איר ריכטיק אָרט. אַ חוץ דעמדאָזיקן קאַמף איז אין ערגעץ נישט פאַראַן קיין העלדישקייט. בלויז די העלדן פון אָט דעם קאַמף זענען ווערט מ׳זאָל זיי באַוואונדערן און גאַכטון... און איר, וואַר־וואַרע וואַסיליעוונאַ, דאַרפט נעמלעך אַהער ווענדן אייער אויפ־מערקזאַמקייט. דאָ זוכן העלדן, דאָ אַוועקגעבן אייערע כּוחות... פון אייך, דאַכט זיך מיר, וואָלט אַרויסגעקומען אַ זעלטן־שטאַנד־האַפטע פאַרטיידיקערין פון אמת און אַ זעלטענע קעמפערין פאַר אים! נאָר קודם־כּל דאַרפט איר פיל לייענען, זיך לערנען צו פאַרשטיין דאָס לעבן און זיין אמתן אויסזען, נישט באַפאַרבט דורך דער פאַנטאַזיע... מ׳דאַרף אַריינוואַרפן דידאָזיקע נאַרישע ראָמאַנען אין אויוון אַריין...

ער איז פאַרשוויגן געוואָרן און אָפּווישנדיק דעם שווייס

פון שטערן, מיד פון זיין לאַנגער לעקציע, — האָט ער געוואַרט וואָס זי וועט זאָגן.

זי האָט געקוקט אין דער ווייטקייט פאַר זיך, פאַרשמע־לערנדיק אירע אויגן, און אויף איר פּנים האָבן עפּעס געצי־טערט שאַטנס.

נאָך אַ פינף מינוט שוויגן האָט זי אויסגעשריען:

— ווי שיין איר רעדט!... צי קאָנען דען אין אוניווער־זיטעט אַלע אַזוי ריידן?

דער יונגער געלערנטער האָט האָפנונגסלאָז אַ זיפץ געטון אין די דערוואַרטונג פון איר ענטפער האָט זיך אין אים גע־וועקסלט מיט אַ טויבן פאַרדרוס קעגן איר און מיט אַ מין רחמנות אויף זיך אַליין.

אים האָט שטאַרק פאַרדראָסן. פאַרוואָס זי איז נישט אים־שטאַנד צו פאַרשטיין, תּופס צו זיין און איבערנעמען דאָס. וואָס איז אַזוי לאָגיש קלאָר פאַר יעדן, אפילו קנאַפּוואָס דענקנדיקן באַ־שעפעניש. וואָס נעמלעך פעלט אין זיינע ווערטער, וואָס זיי האָבן נישט די געהעריקע ווירקונג אויף איר? — פאַרוואָס באַ־רירן זיי נישט איר געפיל און קאָנען בכלל זי נישט משפּיע זיין?

— איר רעדט זייער גוט! — האָט זי אַ זיפץ געטון, נישט וואַרטנדיק אויף זיין ענטפער, אין אירע אויגן האָט ער געלייענט אַן אמתע צופרידנקייט.

— אָבער צי בין איך גערעכט? צי רעד איך ריכטיק? — האָט ער געפרעגט.

— ניין! — האָט דאָס מיידל נישט פאַרטראַכטנדיק זיך געענטפערט — הגם איר זענט אַ געלערנטער, נאָר כ׳האָב אויך נאָך אויף אייערע רייד צו ענטפערן און מיט אייך פאָלעמעזירן. כ׳פאַרשטיי דאָך אויך עפּעס — אמת, נישט פיל!... לויט אייע־רע רייד קומט אויס... ווען, למשל, מענטשן בויען אַ הויז זענען זיי אַלע אין דערדאָזיקער אַרבעט גלייך. און נישט נאָר זיי, נאָר אפילו אַלץ: — די ציגל, און די מולאַזשעס. און וואָס גע־הילץ, און דער בעל־הבית — דאָס אַלץ איז ביי אייך גלייך איינער צום אנדערן, נאָר צי איז דאָס מעגלעך? אַ פויער —

ער מוז אַרבעטן, איר דאַרפט לערנען, און דער גובערנאַטאָר דאַרף קוקן, — צי אַלע טוען, וואָס מ׳דאַרף. דערנאָך האָט איר געזאָגט, אַז דאָס לעבן איז אַ קאַמף... נו, ווו איז דאָס? פאַרקערט, מענטשן לעבן זייער פרידלעך. און אויב שוין יאָ אַ קאַמף הייסט עס, אַז עס זענען נייטיק באַזיגטע. און די אַלגעמיינע נוצן? די טובֿות-הכּלל? — דאָס הייב איך שוין נישט אָן צו פאַרשטיין. איר זאָגט, אַז די אַלגעמיינע נוצן באַשטייען אין דעם וואָס אַלע מענטשן זאָלן זיין גלייך. דאָס איז דאָך אָבער נישט ריכטיק! מיין פאָטער איז אַ פּאָלקאָווניק — ווי אַזוי זשע איז ער גלייך מיט גיקאָנען אָדער מיט אַ פּויער? און איר, איר זענט אַ געלערנטער, צי קאָן מען אייך פאַרגלייכן מיט אונדזער לערער פון דער רוסישער שפּראַך, וועלכער איז געווען אַ שיכּור... אַ רויטער, אַ נאַרישער, און פלעגט זיך אויסשנייצן די נאָז אַזוי הויך, ווי אַ מעשענע טראָמבע? אהא!

האַלטנדיק אירע אַרגומענטן פאַר איבערצייגנדיקע, איז זי געווען מלא-שׂמחה און האָט טריומפירט, און ער האָט מיט פאַרגעניגן געקוקט אויף איר אויפרעגונג פון פרייד און איז געווען מיט זיך צופרידן, וואָס ער האָט איר פאַרשאַפט דידאַזיקע פרייד.

זיין מוח האָט אָבער זיך באַמיט צו דערגיין און צו אַנטשיידן, — פאַרוואָס איר געדאַנק, וועלכער איז נאָך נישט באַרירט געוואָרן דורך אַן אַנאַליז און וועלכן ער האָט אויפגעוועקט, האָט געאַרבעט אין אַ ריכטונג, וואָס איז פּונקט דער היפּוך פון דעם, אויף וועלכן ער האָט זי געשטופּט?

— איר געפעלט מיר און אַן אַנדערער געפעלט מיר נישט... ווו זשע איז דאָ די גלייכקייט?

— איך געפעל אייך? — האָט עפּעס פּלוצלינג איפּאָליט סערגעיעוויטש אַ פרעג געטון.

— יאָ... זייער! — האָט זי אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ און באַלד טאַקע געפרעגט:

— וואָס איז דען?

ער האָט זיך דערשראָקן פאַרן תּהום פון תּמימות. וואָס האָט אויף אים געקוקט מיט אַ לויטערן בליק.

— צי דאָס איז איר אופן פון קאָקעטירן? — האָט ער אַ טראַכט געטון — זי האָט זיך, דאַכט זיך, גענוג אָנגעלעזן ראָמאַנען, כדי צו פאַרשטיין זיך אַלס פרוי...

— צוואָס פרעגט איר דאָס? — האָט זי זיך ביי אים געוואָלט דערוויסן, קוקנדיק אויף אים מיט בייגעריקע אויגן.

ער איז געוואָרן פאַרשעמט פון איר בליק.

— צוואָס? — האָט ער אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס — דאָס, מיין מיך, איז גאַנץ נאַטירלעך. איר זענט אַ פרוי... איך בין אַ מאַנספּאַרשוין, — האָט ער אויף וויפיל ער האָט געקאָנט, דערקלערט.

— נו, טאָ וואָס־זשע איז? פונדעסטוועגן, איז נישט נייטיק איר זאָלט עס וויסן, איר קלייבט זיך דאָך נישט מיט מיר חתונה צו האָבן!

זי האָט עס געזאָגט מיט אַזאַ פשטות, אַז ער האָט זיך אפילו נישט פאַרשעמט. אים האָט זיך נאָר אויסגעדאַכט, אַז עפּעס אַ קראַפט, מיט וועלכע עס איז נוצלאָז צו קעמפן צוליב איר בלינדע סטיכישקייט, טראָגט איבער די ארבעט פון זיין מאָרך פון איין ריכטונג אויף דער אַנדערער, און ער האָט מיט אַ ניואַנס פון לצנות איר געזאָגט:

— ווער ווייסט?... חוצדעם, איז דאָס וועלן געפעלן עמעצן און דאָס וועלן חתונה האָבן — נישט איינס און דאָסזעלבע... ווי איר ווייסט עס געוויס.

זי האָט פּלוצלינג זיך הויך צעלאַכט, און ער איז מיטאַמאָל אָפּגעקילט געוואָרן אונטער איר געלעכטער און האָט אַן ווערטער פאַרשאָלטן אי זיך אי איר.

איר ברוסט האָט געציטערט פון איר זאַפטיקן אויפריכטיקן געלעכטער, וואָס האָט פריילעך אויפגעטרייסלט די לופט, און ער האָט געשוויגן, פאַרשולדיקט וואַרטנדיק, וואָס זי וועט אים אָפּענטפערן אויף זיין לצנות.

— אָך, נו, זאָגט אַליין, וואָס פאַר אַ ווייב וואָלט איך געווען פאַר אייך? ס'איז כ'לעבן, לעכערלעך... איר און איך אַלס

מאַן און ווייב, וואָלטן אויסגעזעצן, ווי אַ שטראַוס און אַ ביך־באַ־באַ!

און ער האָט זיך אויך צעלאַכט — נישט פון איר קורצזיכטיקער פאַרגלייך, נאָר צוליב דעם, וואָס ער פאַרשטייט נישט יענע ספּרענזשינעס, וועלכע האָבן געבראַכט אין באַוועגונג איר נשמה.

— איר זענט אַ ליב מיידל! — האָט זיך ביי אים אויפריכטיק אַרויסגעריסן פון מויל.

— גיט מיר נאָר די האַנט... איר גייט זייער פּאַמעלעך און איר וועט שוין גיין געכער! שוין צייט צו גיין צוריק, שוין לאַנג צייט! מיר שפּאַצירן שוין אַ שעה פיר... און יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ וועט מיט אונדז נישט זיין צופרידן, ווייל צו מיטאָג האָבן מיר זיך שוין פאַרשפּעטיקט.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין צוריק.

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט זיך געהאַלטן, אַז ער איז מחויב זיך צו נעמען ווידער אויפקלערן איר פאַרבלענדעניש, וועלכע האָבן זי אין זיינע אויגן געמאַכט פאַר אַ מענטש נישט פון זיין גלייכן און אים נישט דערלויבט זיך צו פילן נעבן איר אַזוי פריי, ווי אים האָט זיך געוואָלט.

נאָר פריער פאַר דעם איז נייטיק געווען צו דערשטיקן אין זיך יענע נישט קלאָרע אומרויִקייט, וועלכע האָט אין אים טויב געבלאָנדזשעט, זשענירנדיק זיין כוונה רויִק צו הערן און אַנטשיידן אָפּצוואַרפן אירע אַרגומענטן.

אים וואָלט געווען אַזוי לייכט אָפּצושניידן דאָס מאוס שטיק ווילדפלייש פון איר מוח דורך דער קאַלטער לאָגיק פון זיין שכל, ווען עס וואָלט דערצו נישט געשטערט דאָסדאָזיקע מאָדנע געפיל, וואָס האָט אים געמאַכט מאַכטלאָז.

וואָס איז דאָס אַזעלכס? דאָסדאָזיקע געפיל איז ענלעך צו אַ נישט וועלן אַריינברענגען אין דער אינערלעכער וועלט פון דעם דאָזיקן מיידל, קיין באַגריפן, וואָס זענען עד־היום פרעמד... נאָר אַזאַ אויסמיידן, אַזאַ אָפּווייכן פון זיין פליכט וואָלט געווען אַ חרפה פאַר אַ מענטש, וואָס איז קאָנסעקווענט אין זיינע פּרינציפּן. און ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַזעלכן און איז געווען

שטאַרק זיכער אין דער קראַפט פון זיין שכל און אין זיין איבעו־מאַכט איבערן געפיל.

— היינט איז דינסטיק? — האָט זי געזאָגט — יאָ, נו געוויס. הייסט עס, אַז אין דריי טעג אַרום וועט קומען צופאָרן דער שוואַרצינקער האַרל...

ווער און וווהין דאַרף קומען צו פאָרן? — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש מיט דער העכסטער, הגם גוט פאַרבאָרגענער ניי־געריקייט געפרעגט.

— אַ שוואַרצינקער האַרל, ביענקאָווסקי הייסט ער, וועט צו אונדז שבת קומען צו פאָרן.

— צו וואָס?

זי האָט זיך צעלאַכט און פאָרשנדיק אויף אים געקוקט.

— צי ווייסט איר דען נישט? ער איז אַ רעגירונגס־באַ־אַמטער...

— אַ! יאָ, מיין שוועסטער האָט מיר דערציילט...

— דערציילט? — האָט זיך וואַרענקע שטאַרק פאַראינטע־רעסירט — נו, איז וואָס... זאָגט כ׳בעט אייך, זיי וועלן איני־גיכן חתונה האָבן?

— ס׳הייסט, פאַרוואָס עפּעס מוזן זיי חתונה האָבן? — האָט זיך פאַרלירנדיק, איפּאָליט סערגעיעוויטש געפרעגט.

— פאַרוואָס? — האָט זיך וואַרינקע געחידושט, זיך שטאַרק רייטלענדיק. — כ׳ווייס נישט, אזוי איז שוין אָנגענומען! אָבער, גאָט מיינער! צי האָט איר דען וועגן דעם נישט געוווסט?

— כ׳ווייס גאָר נישט! — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש אַנטשידן געענטפערט.

— און איך, גיי נאָך און דערציי׳ל אים! — האָט זי מיט אַן אַנטוישונג אויסגעשריען. — כ׳בעט אייך זייער, טייערער אי־פּאָליט סערגעיעוויטש, לאָז זיין, אַז איר ווייסט נאָך איצט אויך נישט וועגן דעם... אַזוי, אַז ווי כ׳וואָלט אייך גאָרנישט דער־ציילט וועגן דעם!

— גאַנץ גוט! נאָר דערלויבט; כ׳ווייס דאָך באמת טאַקע

נישט וועגן דעם. כ'האָב פון אייערע רייד פאַרשטאַנען נאָר איין זאַך: אַז מיין שוועסטער האָט חתונה פאַר ביענקאָווסקין, יאָ?

— נו, יאָ! ס'הייסט אויב זי אַליין האָט אייך וועגן דעם נישט דערציילט... טאָ קאָן זיין, אַז דאָס וועט נישט געשען. איר וועט איר וועגן דעם נישט דערציילן?

— כ'וועל איר, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט דערציילן! — האָט ער צוגעגעבן. — כ'בין געפאָרן אַהער צו דעם שוואָגערס לוויה און בין, דאַכט זיך, אָנגעקומען צו אַ חתונה? דאָס איז אָנגענעם:

— כ'בעט אייך זייער, איר זאָלט קיין פיפּס נישט טון וועגן דער חתונה! — האָט זי אים שטאַרק געבעטן — מאַכט זיך, אַז איר ווייסט גאָרנישט, און גענוג.

— גאַנץ גוט. נאָר ווער איז דערדאָזיקער ביענקאָווסקי? קאָן מען פרעגן?

— וועגן אים קאָן מען! ער איז אַ שוואַרצינקער, אַ זיסנ־קער און אַ שטילנקער. ער האָט אייגעלעך, וואָנסעלעך, ליפּעלעך, הענטלעך און אַ פידעלע. ער האָט ליב צערטלעכע לידלעך און פון איינגעמאַכטס. מיר ווילט זיך שטענדיק אים אַ צופּ טון אין גאָמבעלע.

— כ'זע, אַז איר האָט אים נישט ליב! — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש זיך אָפּגערופן, פילנדיק אַ מין רחמנות צו ביענ־קאָווסקין ביי אַזאַ דערנידערנדיקער כאַראַקטעריסטיק פון זיין אויסערלעכקייט.

— און ער, שטעלט אייך פאָר, האָט מיך ליב! איך... איך קאָן נישט פאַרטראָגן און ליידן קיין מאַנספאַרשוינען, וואָס זע־נען קליין, זיס און באַשיידן. אַ מאַנספאַרשוין דאַרף זיין אַ הויכער, אַ שטאַרקער; אַזאַ מאַנספאַרשוין, אין מיין גוסט, רעדט הויך, האָט גרויסע פייערדיקע אויגן, און געפילן דרייסטע, וועל־בע ווייסן נישט פון קיין שום מניעה, פאַרווילט זיך אים עפּעס, דערגרייכט ער עס, טוט ער עס אָפּ — אָט דאָס פאַרשטיי איך, איז אַ מאַנספאַרשוין.

— מיר דאַכט זיך, אַז אַזעלכע מאַנספאַרשוינען זענען

שוין איצט נישט בנמצא, — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש, טרוקן לאַכנדיק געזאָגט, פּילנדיק, אַז איר אידעאַל פון אַ מאַנספּאַר־שוין איז אים דערווידער און רייצט אים.

— זיי מוזן זיין! — האָט זי אויסגעשריגן — ס'הייסט נישט פאַראַן?...

— איר האָט דאָך, וואַרוואַרע וואַסיליעוונאַ, געשילדערט עפּעס אַ חיה, און נישט קיין מענטשן. וואָס פאַר אַן אָנציעג־דיקס איז פאַראַן אין אַזאַ אומגעהייער?

— ס'הייבט זיך נישט אָן. נישט קיין חיה האָב איך גע־שילדערט, נאָר אַ שטאַרקן מאַנסביל! כּוח — אָט דאָס איז דאָס אָנציענדיקע אין אַזעלכע מאַנספּאַרשוינען. איצטיקע מאַנספּאַר־שוינען ווערן געבוירן מיט אַ רעוומאַטיזם, מיט אַ הוסט, מיט פאַרשידענע קראַנקייטן — איז דאָס גוט?! צי איז, למשל, אינ־טערעסאַנט פאַר מיר צו האָבן פאַר אַ מאַן עפּעס אַ האַר מיט פרישטשעס אויפן פּנים. ווי דער זעמסקי נאַטשאַלניק, קאַקאָוויטש? אָדער אַ שיין האַרעלע, ווי ביענקאָווסקי? אָדער גאָר אַזאַ טרוקן און איינגעהויקערט באַשעפעניש, ווי קאָמאַרניק מוכין? אָדער גאָר גרישע טשאָרנאָביעבאָוו, אַ סוחרס אַ זונדל. אַ גרויסער איז ער, אַ דיקער, מיט אַ קורצן אָטעם, מיט אַ פּליך און אַ רויטער נאָז? וואָס פאַר אַ קינדער קאָנען אַרויסקומען פון אַזעלכע קלאָ־געדיקע מענער? וואָס פאַר אַ דור קאָנען זיי ברענגען אויף דער וועלט? מ'דאַרף דאָך וועגן דעם טראַכטן און דאָס האָבן אין זין... ווי זשע קאָן עס זיין אַנדערש? קינדער — דאָס איז דאָך זייער אַן איידעלער און וויכטיקער ענין! און זיי — זיי הייבן פון דעם גאָרנישט אָן צו טראַכטן... זיי האָבן גאָרנישט ליב. זיי טויגן נישט צו גאָרנישט און איך... איך וואָלט גע־שלאָגן דעם מאַן, ווען כ'וואָלט חתונה געהאַט פאַר איינעם פון אַזעלכע!

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט זי אָפּגעשטעלט, דערוויזנ־דיק איר, אַז אירע חקירות און אורטיילן וועגן מאַנספּאַרשוינען זענען בכלל נישט קיין ריכטיקע, ווייל זי האָט נאָך געזען זייער ווייניק מענטשן. און די מענטשן, וועלכע זי האָט אָנגערופן

דאַרפן נישט באַטראַכט און געאורטיילט ווערן בלויז לויט זייער אויסערלעכקייט — דאָס איז נישט ריכטיק און פאַלש. א מענטש קאָן האָבן אַ מאוסע נאָז און אַ גוטע נשמה, אויפן פנים פּריש־טשעס אָבער אַ ליבטיקן מוח.

אים איז געווען לאַנגווייליק און שווער אַרויסצוריידן די־דאָזיקע אַלפאַבעטישע אמתן; ביזן באַגעגעניש מיט וואַרענקען פלעגט ער אַזוי זעלטן זיך דערמאַנען אָן דידאָזיקע אמתן, וואָס קינדער אפילו פאַרשטייען זיי און לאַנג זיי שוין אָנגענומען, אַלס אַזעלכע, ווען וועלכע עס קאָן גאָר קיין צוויי מיינונגען נישט זיין. און איצט האָבן דידאָזיקע אמתן אים זיך אויסגע־וויזן אַזוי פאַרשימלט און אָפּגעטראָגן. ער האָט געפילט, אַז דאָס אַלץ פּאַסט פאַר אים נישט, אַז זי וועט זיי נישט תופס זיין און זיי נישט אויפנעמען...

— אָט איז דער טייך! — האָט זי אַ געשריי געטון מיט שמחה, איבערשלאָגנדיק אים די רייד.

און איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט אַ טראַכט געטון:

— איר טוט הנאה, וואָס איך האָב אויפגעהערט ריידן.

זיי זענען ווידער געשווומען איבערן טייך, זיצנדיק איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן.

וואַרענקע האָט באַהערשט די רודערס און האָסטיק גע־רודערט; דאָס וואַסער אונטערן שיפל האָט, נישט צופרידן, גע־מורמלט, די קלײנע כוואַליעס זענען געלאָפן צו די ברעגעס.

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט געקוקט, ווי אַנטקעגן דעם שיפל באַוועגן זיך די ברעגעס, און האָט זיך געפילט אויסגע־מאַטערט פון אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט און געהערט בעתן דאָזיקן שפּאַציר מיט וואַרענקען.

— זעט, ווי שנעל דאָס שיפל טראָגט זיך! — האָט צו אים וואַרענקע געזאָגט.

— יאָ, — האָט ער קורץ געענטפערט, נישט ווענדנדיק אויף איר די אויגן.

— לצאיינס. אפילו זי נישט זעענדיק, האָט ער זיך גוט

פאַרגעשטעלט, ווי פאַרפירעריש עס בייגט זיך איר קערפּער און ווי איר ברוסט הייבט זיך.

ס'האָט זיך באַוויזן דער פּאַרק... אין צוויי מינוט אַרום זענען זיי שוין געגאַנגען איבער זיינע אַלייען און אַנטקעגן זיי האָט זיך, פילבאַדייטנדיק שמייכלענדיק, באַוועגט די שטאַרקע פיגור פון יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ. זי האָט געהאַלטן אין די הענט עפּעס פּאַפּירן און צו זיי געזאָגט:

— אַ לאַנגן שפּאַציר האָט איר געמאַכט!

— לאַנג? דערפאַר האָב איך ערשט אַזאַ אַפּעטיט, אַז איך בין גרייט — היט זיך — אייך איינצושלינגען.

און וואַרענקע האָט, לייכט אַרומנעמענדיק יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַן פאַר דער טאַליע, זי אָנגעהויבן צו דרייען אַרום זיך, לאַכנדיק פון אירע געשרייען, וואָס זי האָט דערביי געמאַכט.

דאָס מיטאָג איז געווען נישט קיין געשמאַקס און איז אַריבער לאַנגווייליק, מחמת וואַרענקע איז אינגאַנצן געווען פאַר-נומען מיטן פּראָצעס — וואָס מער זיך אָנצוזעטיקן און האַלטנ-דיק אין איין קייען, האָט זי געשוויגן, און יעליזאַוועטע סער-געיעוונאַ האָט אויפגעבראַכט און דענערווירט איר ברודער, וועל-כער האָט יעדער רגע געכאַפּט אויף זיין פּנים אירע פאָרשנדיקע בליקן. קלאָר, אַז זי האָט געוואָלט דערגיין, וואָס פאַר אַן איינ-דרוק וואַרענקע האָט געמאַכט אויף איר ברודער און צי איז ער שוין אין איר אפשר פאַרליבט.

קורץ נאָך מיטאָג איז וואַרענקע אַוועקגעפאָרן אַהיים און איפּאָליט סערגעיעוויטש איז אַוועק צו זיך אין צימער, האָט זיך דאָרט אַוועקגעלייגט אויף דער אָטאָמאַנע און זיך פאַרטיפט אין מחשבות, מאַכנדיק אַ סך-הכל פון די איינדרוקן פאַר אַ גאַנצן טאָג.

ער האָט זיך דערמאָנט אין די קלענסטע איינצלהייטן פונם שפּאַציר און געפילט, ווי פון זיי בילדעט זיך אַ טריבער באָדנ-זאַץ, אַן אָפּשטייעכץ, וועלכער האָט צעפרעסן דאָס געוויינטלעכע גלייכגעוויכט פון זיינע געפילן אין מוח. ער האָט אפילו פיזיש געשפּירט די גייהייט פון זיין שטימונג אין דער פאָרם פון אַ

משונהדיקער שווערקייט, וואָס האָט אים געדריקט דאָס האַרץ — פּונקט ווי זיין בלוט וואָלט פאַר דערדאָזיקער צייט געדיכט געוואָרן און צירקולירט אין אים לאַנגזאַמער ווי שטענדיק. דאָס איז געווען ענלעך אויף אַ צושטאַנד פון אויסגעמאַטערטקייט וואָס האָט אַרויסגערופן ביי אים אַ נייגונג צו טרוימעריי און איז געווען עפּעס ווי אַן הקדמה צו עפּעס אַ באַגער, וואָס האָט זיך נאָך נישט געבילדעט און נישט פאָרמירט.

און דאָס איז געווען נישט אָנגענעם נאָר צוליב דעם, וואָס עס איז אין אים געבליבן אַ עמפּינדונג, וואָס האָט נישט קיין נאָמען, טראָץ די באַמיונגען פון איפּאָליט סערגעיעוויטשן עס צו געבן אַ נאָמען.

— מ'דאַרף צוואַרטן מיטן אַנאַליז ביז די גערונג וועט זיך איינשטילן — האָט ער באַשלאָסן.

ס'איז אָבער געבוירן געוואָרן אַ געפיל פון אַ שאַרפער אומצופרידנקייט מיט זיך, און ער האָט זיך גלייכצייטיק פאַרגעוואָרפן אין דעם, וואָס ער האָט אָנגעוווירן די פעיקייט אָנצופירן מיט זיינע אייגענע עמאָציעס און זיי צו נעמען אין דער האַנט אַריין, און אויך אין דעם, וואָס ער האָט זיך היינט אויפגעפירט אויף אַן אופן וואָס פּאַסט נישט פאַר אַן ערנסטן מענטשן און איז פאַר אים נישט ווירדיק.

פנים-לפנים, מיט זיך אַליין, איז ער שטענדיק געווען קאָנסעקווענט און אויסגעהאַלטן, צו זיך אַליין נאָך שטרענגער, ווי צו אַנדערע מענטשן.

און אָט האָט ער קאָנצענטרירט אָנגעהויבן זיך צו באַטראַכטן און אַנאַליזירן.

קלאָר ווי דער טאָג, אַז דאָסדאָזיקע מיידל איז בלענדנדיק שיין. נאָר דערזען זי און מיטאַמאָל אַריינפאַלן אין אַ טונקעלן קרייז פון עפּעס אומקלאָרע עמפּינדונגען — דאָס איז שוין צופיל פאַר אים, ווייל דאָס איז אויסגעלאַסנקייט, דאָס זאָגט עדות וועגן אַ מאַנגל פון אויסגעהאַלטנקייט.

זי רעגט שטאַרק אויף די זינלעכקייט, — יאָ, נאָר קעגן דעם דאַרף מען קעמפן.

— צי דאַרף מען טאַקע קעמפן? אַ שיינע שאלה! — האָט פלוצלינג אויפגעבליצט אין זיין קאָפּ אַ קורצער ענטפער, וואָס האָט אים שטאַרק אַ שטאָך געטון.

ער האָט געמאַכט אַ זויערע גרימאַסע, זיך באַציענדיק צו דער דראָזיקער פראַגע, אַזוי, ווי זי וואָלט אַוועקגעשטעלט געוואָרן דורך אַן אַנדערן מחוץ, און נישט דורך אים גופא.

דאָס, וואָס קומט מיט אים איצט פאָר, איז יעדנפאַלס נישט קיין אָנפאַנג פון אַ שטאַרקער נייגונג און ליבע צו אַ פרוי, גיכער איז דאָס אַ פּראָטעסט פון שׂכל, פון פאַרשטאַנד, וועלכער איז באַליידיקט דורכן קאָנפליקט, פון וועלכן ער איז נישט ארויס אַלס זיגער, טראָצדעם וואָס זיין קעגנער איז געווען שוואַך ווי אַ קינד.

מ'האָט געדאַרפט ריידן מיטן דאָזיקן מיידל דורך בילדער און נישט אַבסטראַקט, ווייל זי פאַרשטייט נישט קיין לאָגישן אויספיר. זיין חוב איז — צו פאַרניכטן אירע ווילדע באַגריפן, חרוב צו מאַכן די אַלע גראָבע און נאַרישע פאַנטאַזיעס וואָס איר מוח האָט אַריינגעזויגן און איינגעזאַפּט אין זיך. מ'דאַרף אַנטבלויזן איר מוח און אים באַפרייען פון דידאָזיקע אַלע טעותים, ריין מאַכן איר נשמה, און דאַן וועט זי זיין מסוגל משיג צו זיין און אַריינצונעמען צו זיך דעם אמת.

— צי בין איך אימשטאַנד דאָס צו טון? — האָט זיך אין אים ווידער אָנגעכאַפּט אַ זייטיקע פראַגע.

און ווידער האָט ער דידאָזיקע פראַגע געלאָזט אָן אַן ענטפער, זי אויסגעמיטן...

וואָס וועט מיט איר ווערן, ווען זי וועט תּופס זיין און אָננעמען עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז פאַר איר ניי און איז דער היפוך צו דעם, וואָס אין איר איז פאַראַן?

און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ווען איר נשמה, באַפרייט ווערנדיק פון דער געפאַנגנשאַפט פון די טעותים און פאַראורטיילן, וועט ווערן דורכגעדרונגען דורך אַ שיינע לערע, וואָס איז פרעמד צו אַלץ, וואָס איז נישט קלאָר און פאַרנעפּלט, — וועט דאָסדאָזיקע מיידל זיין טאָפּלט שיין און פיין.

ווען מ׳האָט אים גערופן טרינקן טיי, האָט ער שוין גע־האַט פעסט באַשלאָסן איבערצובויען איר אינערלעכע וועלט, האַלטנדיק, אַז ער איז דורכויס מחויב אַזאַ באַשלוס אָנצונעמען און דאָס דורכצופירן.

איצט וועט ער זי באַגעגענען קאַלט און רויק און וועט צוגעבן זיין באַציונג צו איר אַ כאַראַקטער פון אַ שטרענגער קריטיק פון אַלץ, וואָס זי וועט זאָגן און טון.

— נו, וואָס, ווי געפעלט דיר ווארענקע? — האָט איב געפרעגט די שוועסטער, ווען ער איז אַרויס אויף דער וועראַנדע.

— זייער אַ סימפּאַטיש מיידל — האָט ער געענטפערט, אויפהייבנדיק די ברעמען.

— יאָ? אַזוי... כ׳האָב געמיינט, אַז דיך וועט איבערראַשן, וואָס זי איז אַזוי שוואַך אַנטוויקלט.

— אמת טאַקע, אַז עס וווּנדערט מיך אַביסל אויף איר בנוגע דער זייט, — האָט ער מסכים געווען מיט זיין שוועסטער — נאָר, דעם אמת זאָגן, איז זי אין פיל הינזיכטן בעסער פאַר די אַנטוויקלטע מיידלעך, וואָס נעמען זיך אַזוי איבער מיט דעם.

— יאָ, זי איז אַ שיינע... און אַ כּלה מיט אַ גוטן נדן... פינפהונדערט דעסיאַטין גוטע ערד, לערך אַ הונדערט דעסיאַטין בוי־וואַלד, חוצדעם דאַרף זי נאָך באַקומען פון איר מומע אַ סאָלידע ירושה — אַ גוט. ביידע גוטער, סײַ איר פאָטערס און סײַ דער מומעס, זענען פריי פון יעדן חוב, און ערגעץ נישט פארזעצט...

ער האָט געזען, אַז זיין שוועסטער האָט בכיוון אים נישט פאַרשטאַנען, אַז זי האָט דערביי געהאַט אַ געוויסן צוועק, נאָר ער האָט נישט געוואָלט זיך אויפקלערן און דערגיין, צו וואָס זי דאַרף זיך מאַכן נישט פאַרשטיין.

— פון דערדאָזיקער זייט, פון נדן־שטאַנדפּונקט, באַטראַכט איך זי נישט, דאָס הייבט כיך נישט אָן צו אינטערעסירן — האָט ער געפונען פאַר נייטיק צו באַמערקן.

— טאָ באַטראַכט־זשע זי טאַקע פון דער זייט אויך... איך האָב דיך ערנסט.

— כ'דאַנק דיר.
— דו ביסט, דאַכט זיך, אַביסל נישט אויפגעלייגט.
— אדרבא. וואָס איז דען?
— גאָרנישט. כ'וויל עס וויסן, ווי אַ געטרייע שוועסטער.
זי האָט ליבלעך און אַביסל כיטרע אַ שמייכל געטון.
דאָסדאָזיקע שמייכעלע האָט אים דערמאָנט אינם הער ביעג־קאָווסקי, און ער האָט אויך צו איר אַ שמייכל געטון.
— וואָס לאַכסטו? — האָט זי געפרעגט.
— און דו — וואָס לאַכסט?
— מיר איז פריילעך.
— מיר איז אויך פריילעך, הגם איך בין נישט געוואָרן קיין אלמן און נישט באַגראָבן קיין ווייב מיט צוויי וואָכן צו־ריק — האָט ער לאַכנדיק, געמאַכט אַ קאָמפּולער אָנצוהערעניש.
זי האָט געמאַכט אַן ערנסט פּנים און, אַ זיפץ טוענדיק, האָט זי אָנגעהויבן צו ריידן:
— מעגלעך, אַז דו פאַראורטיילסט מיך דערפאַר, וואָס איך האָב זיך נישט מיט אַ געהעריקן געפיל באַצויגן צו מיין פאַר־שטאָרבענעם מאַן און האָלסט, אַז איך בין אַ עגאָיסטקע? אָבער דו ווייסט דאָך, איפּאָליט, וואָס פאַר אַ מענטש מיין פאַרשטאָר־בענער מאַן איז געווען, כ'האָב דיר דאָך געשריבן, ווי שווער און ביטער מיר האָט זיך געלעבט מיט אים. און איך פלעג אָפט טראַכטן: — גאָט אין הימל, צי בין איך דען באַשאַפן געוואָרן בלויז צוליב דעם, כדי צו פאַרשאַפן גראָבע הנאות מיין מאַן ניקאָלאַי סטעפּאַנאָוויטש וואַריפּאַיעווין און די באַדערפעניש אין דידאָזיקע גראָבע הנאות צופרידנשטעלן, ווען ער טרינקט זיך אָן אויף אַזוי פיל, אַז ער קאָן שוין נישט מאַכן קיין אונטערשייד צווישן זיין ווייב און אַ פּראָסטער דאָרפישער פרוי, אָדער אַ גאַסן־פרוי?
— צי זשע דען אויף אַזוי ווייט?... — האָט נישט געלייבנ־ריק איפּאָלים סערגעיעוויטש אויסגעשריען, דערמאָנענדיק זיך אָן דער שוועסטערס בריוו, אין וועלכע זי פלעגט אַזוי פיל ריידן וועגן דער כאַראַקטערלאָזיקייט פון איר מאַן, וועגן זיין שיכּרות

פוילקייט, וועגן פאַרשידענע זינד, אָבער נישט וועגן זיין אויסגעלאַסנקייט און זיין האָבן צו טון מיט פרעמדע פרויען.

— דיר גלייבט זיך נישט? — האָט זי מיט אַ פאָרוואורף געפרעגט און אַ זיפץ געטון — נאָר ליידער איז דאָס אַ פאַקט; ער פלעגט אָפט זיך געפונען אין אַזאַ צושטאַנד... איך זאָג נישט מיט אַ פולער זיכערקייט, אַז ער פלעגט מיך פאַרראַטן, נאָר איך בין זיך משער, אַז ער פלעגט עס טון, צי האָט ער דען געקאָנט וויסן, אַז ער האָט צו טון מיט מיר, אָדער אַן אַנדער פרוי, אַז דאָס בין איך, אָדער גאָר אַ ווילד-פרעמדע פרוי, — ווען ער פלעגט שטענדיק זיין אַזוי שיכּור, אַז ער פלעגט די פענסטער אָננעמען פאַר טירן? יאָ... און מיט אַזאַ מאַן האָב איך, אַ קלאָג צו מיינע יאָרן, אָפּגעלעבט אַזוי פיל צייט...

זי האָט לאַנג און לאַנגווייליק אים דערציילט וועגן איר טרויעריק לעבן, און ער האָט זי אויסגעהערט און געוואַרט, — ווען וועט זי אים שוין דערציילן דאָס, וואָס זי האָט און וויל אים דערציילן.

אין נישט ווילנדיק איז אים איינגעפאַלן, אַז וואָרענקע וועט אפשר קיינמאָל זיך נישט קלאָגן אויף איר לעבן, וויאַזוי דאָס לעבן אירס זאָל נישט אַוועקגיין.

— מיר דאַכט זיך, אַז דער גורל דאַרף מיך באַלוינען פאַר די לאַנגע יאָרן פון צרות און מאַטערנישן... מעגלעך, אַז זי, — די באַלוינונג איז שוין נאָענט.

יעליזאַוועטע סערגעיעווגאַ איז פאַרשוויגן געוואָרן און פרעגנריק אַ קוק געטון אויפן ברודער, אַביסל רויט ווערנדיק דערביי.

— וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן? — האָט ער ליבלעך געפרעגט, איינבייגנדיק זיך צו איר.

— איך וועל, פאַרשטייסטו מיך, אפשר ווידער... חתונה האָבן!

— גאַנץ גוט וועסטו טון! כ׳גראַטולירן דיך... נאָר פאַרוואָס שעמסטו זיך אַזוי? וואָס איז דאָ פאַראַן זיך צו שעמען?

— כ׳ווייס, כ׳לעבן, אַליין נישט!

— ווער-זשע איז ער?

— כיהאָב דיר שוין, דאַכט זיך, דערציילט וועגן אים...
פּיענקאָווסקי הייסט ער... אַ קונפּטיקער פּראָקוראָר... און דערווייל
אַ דיכטער און טרוימער... דו באַגעגנסט נישט זיינע לידער? —
ער דרוקט זיך...

— קיין לידער לייען איך נישט. איז ער אַ גוטער מענטש?
איבריקנס, מסתמא אַ גוטער.

— כ׳בין אַזוי קלוג, אַז כ׳וועל נישט זאָגן, אַז יאָ; נאָר,
דאַכט זיך, אַז איך קאָן, אַליין זיך נישט געגאַרנדיק, זאָגן, אַז
ער וועט זיין פעיק מיך צו באַלוינען פאַר דער פאַרגאַנגענהייט...
ער האָט מיך ליב... ביי מיר האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ קליינינ-
קע פילאָזאָפיע... מעגלעך. אַז זי וועט זיך דיר אויסווייזן פאַר
אַביסל אַ גרויזאַמע.

— פילאָזאָפיר זיך דרייסט און האָב נישט קיין מורא, אויף
דעם איז איצט אַ מאָדע... — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש
געמאַכט אַ שפּאַס.

— מאַנספאַרשוינען און פרויען — זענען צוויי שבטים,
וואָס זענען תמיד אין פיינטלעכע באַציונגען... — האָט זי
ווייך געזאָגט. — צוטרוי, פריינטשאַפט און די איבעריקע ענלעכע
געפילן זענען קוים מעגלעך צווישן מיר און אַ מאַנספאַרשוין.
נאָר ליבע איז דווקא יאָ מעגלעך... און ליבע, דאָס איז אַ נצחון
פון דעם, ווער עס ליבט ווייניקער, איבער דעם, ווער עס ליבט
מער... איך בין אַמאָל געווען באַזיגט און האָב דערפאַר טייער
באַצאָלט... איצט האָב איך געזיגט און וועל אויסנוצן די פירות
פון מיין נצחון...

— יאָ, דאָס איז אַ גענוג גרויזאַמע פילאָזאָפיע... — האָט
איר איבערגעריסן דער ברודער. פילנדיק מיט פאַרגעניגן, אַז וואַ-
רענקע קאָן נישט אַזוי פילאָזאָפירן.

— דאָס לעבן אַליין האָט מיר אונטערגעזאָגט אַזאַ פילאָ-
זאָפיע... ער איז, פאַרשטייסטו מיך, אויף פיר יאָר יונגער פאַר
מיר... האָט דאָ נישט לאַנג ערשט געענדיקט די אוניווערזיטעט.
כ׳ווייס אַז דאָס איז פאַר מיר געפערלעך... און, ווי אַזוי זאָגט
מען עס?... כ׳וואָלט געוואָלט מיט אים מאַכן דעם עסק אַזוי, אַז

מיינע מאַיאָנטעק־רעכט זאָלן גישט זיין אונטערגעוואָרפן קיין שום ריזיקע.

— יאָ... איז וואָס זשע? — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש געפרעגט, ווערנדיק אויפמערקזאַם.

— ווייל איך טאַקע, אַז דו זאָלסט מיר געבן אַן עצה, ווי אַזוי מ׳קאָן דאָס אַלץ מאַכן. כ׳וויל אים נישט געבן קיין שום יורידישע רעכט אויף מיין מאַיאָנטעק... און וואָלט נישט געגעבן קיין רעכט אויף מיין פּערזענלעכקייט, ווען דאָס וואָלט געווען מעגלעך.

— דאָס דאַכט זיך, קאָן מען דערגרייכן דורך אַ ציווילער חתונה. איבעריקנס...

— ניין. פון קיין ציווילער חתונה האַלט איך נישט.

ער האָט אויף איר אַ קוק געטון און געטראַכט מיט אַ געפיל פון עקל:

— אָבער ווי קלוג זי איז! ווען דער אייבערשטער האָט באַשאַפן די מענטשן, האָט אָבער דאָס לעבן זיי אַזוי לייכט „איבערגעאַרבעט", אַז זיי זענען געוויס אים שוין לאַנג געוואָרן דערווידער.

און די שוועסטער האָט ווייטער איבערצייגנדיק אויפגעקלערט און דערוויזן איר שטאַנד־פונקט אויף די פראַגע פון התונה האָבן.

— דאָס חתונה האָבן מיט וועמען עס איז דאַרף זיין אַ קלוגע טראַנזאַקציע, וואָס שליסט אוס יעדע ריזיקע. אַזוי, נעמלעך, ווייל איך אַוועקשטעלן דעם ענין מיט ביענקאָווסקין. נאָר איידער כ׳וועל מאַכן דעמדאָזיקן שריט, וואָלט איך געוואָלט אויפקלערן און וויסן, ווי הייט עס זענען געזעצלעך די פּרעטענזיעס פון דעמדאָזיקן פּאַרדריסלעכן ברודער, מיין שלימזלדיקן געוועזענעם שוואָגער. זיי אַזוי גוט און קוק איבער אַלע פּאַפּירן.

— דו הערסט מיר דערלויבן זיך צו פאַרנעמען מיטן דאָזיקן ענין מאָרגן? — האָט ער געפרעגט.

— געוויס, ווען דו ווילסט.

זי האָט נאָך לאַנג אַנטוויקלט פאַר אים אירע געדאַנקען

דערנאָך האָט זי אים פיל דערציילט וועגן ביענקאָווסקין. זי האָט וועגן אים גערעדט נאָכזיכטיק, מיט אַ שמייכל, וואָס האָט גע־בלאָנדזשעט אויף אירע ליפּן, און האָט געשטשורעט עפּעס בשעת דעם די אויגן.

איפּאָליט האט זי אויסגעהערט און האָט זיך אַליין געוווּנ־דערט, פאַרוואָס איר גורל אינטערעסירט אים נישט און אירע רייד — נאָך וויניקער.

די זון איז שוין געהאַט אונטערגעגאַנגען, ווען זיי זענען זיך ביידע פאַנאַנדערגעגאַנגען: ער, אַ מידער פון איר, אין זיין צימער; זי, אַ באַגייסטערטע פון געשפּרעך, וואָס זי האָט געהאַט מיטן ברודער, מיט אַ זיכערן גלאַנץ אין די אויגן, — כּדי צו גיין בעל־הבתּיוועןָ.

געקומען צו זיך אין צימער אַריין, האָט איפּאָליט אָנגע־צונדן די לאָמפּ, גענומען אַ בוך און געוואָלט לייענען; נאָר נאָך פון דער ערשטער זייט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אים וועט זיין נישט וויניקער אָנגענעם, ווען ער וועט דאָס בוך פאַרמאַכן.

אויסציענדיק זיך זיס, האָט ער דאָס בוך טאַקע פאַרמאַכט און זיך אַ ווײַלע געדרייט אין פאָטעל אַהין און אַהער, זוכנדיק אַ באַקוועמע פּאָזע; דער פאָטעל איז אָבער געווען אַ האַרטער; דאַן האָט ער זיך אַריבערגעקליבן אויף דער אָטאָמאַנע און זיך אויף איר אָנידערגעלייגט. תּחילת האָט ער פון גאָרנישט גע־טראַכט; דערנאָך האָט ער מיט פאַרדרוס זיך דערמאָנט, אַז אינ־גיכן וועט אים אויסקומען זיך צו באַקענען מיט ביענקאָווסקין, און האָט ביי דעמדאָזיקן געדאַנק אַ שמייכל געטון, דערמאָנענ־דיק זיך די כאַראַקטעריסטיק, וואָס וואַרענקע האָט געמאַכט פונם דאָזיקן הער.

און באַלד האָט וואַרענקע אַליין פאַרנומען זיין געדאַנק און פאַנטאַזיע. צווישן אַנדערע, איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק:

— אפשר גאָר חתונה האָבן מיט אַזאַ סימפּאַטישן אומגע־טייער? מעגלעך, אַז זי וואָלט געווען זייער אַן אינטערעסאַנט ווייב... אפשר צוליב דעם אַליין נאָר, וואָס פון אירע לעפּצן

װעט מיר נישט אויסקומען צו הערן גראָשענע חכמות פון פּאָ-פּולערע ביכלעך...

באַטראַכטנדיק אָבער אַלזייטיק זיין לאַגע אין דער ראָל פון װאַרענקעס מאַן, האָט ער זיך צעלאַכט און קאַטעגאָריש זיך אָליין געענטפערט:

— קיינמאָל נישט! בשום-אופן נישט!

און באַלד נאָכדעם איז אים געװאָרן אומעטיק.

II

דער פרימאָרגן פון שבת האָט זיך פאַר איפּאָליט סערגעיעוויטשן אָנגעהויבן מיט אַ קליינער אומאָנגענעמלעכקייט.

אָנטועענדיק זיך האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון טישל אויף דער פּאָדלאָגע די לאָמפּ. זי איז צעבראָכן געוואָרן אויף שטיקלעך און עטלעכע טראָפּן נאַפט זענען אַריינגעפאַלן אין אַ קאַמאַש, וואָס ער האָט נאָך נישט געהאַט אָנגעטון אויף דעם פוס. דעם קאַמאַש האָט מען, נאַטורלעך, אויסגערייניקט נאָר איפּאָליט סערגעיעוויטשן האָט זיך אָנגעהויבן דאַכטן, אַז פונם ברויט, טיי, פוטער און אפילו פון דער שוועסטערס שיין פאַרקעמטע האָר שטראָמט אין דער לופט דער נישט אָנגענעמער ריח פון נאַפט.

דאָס האָט אים קאַליע געמאַכט די שטימונג.

— טו אויס דעם קאַמאַש און שטעל אים אַוועק אויף דער זון, דאַן וועט דער נאַפט זיך אויסדאַמפן — האָט אים געעצהט די שוועסטער — און דערווייל טו אָן מיין מאַנס פאַנטאָפל. עס שטייט דאָרט אַ פולשטענדיק פרישע פאַר פאַנטאָפל.

— מאַך זיך נישט, כ׳בעט דיך, קיין אומשטענדן. זאָרג זיך נישט. דער ריח וועט באַלד פאַרשווונדן ווערן.

— צו וואָס האַרטן ביז ער וועט פאַרשווונדן ווערן. טאַקע באמת, כ׳וועל זאַגן, מ׳זאָל דיר געבן די פאַנטאָפל.

— ניין, מ׳דאַרף נישט. לאָז זיי צו רו, דידאָזיקע פאַנטאָפל.

— פאַרוואָס? די פאַנטאָפל זענען גוטע, סאַמעטענע... מ׳קאָן זיי דרייסט טראָגן.

אים האָט זיך פאַרוואָלט קריגן. דער נאָפּט האָט אים גע־רייצט.

– צו וואָס קאָנען זיי טויגן? דו וועסט זיי דאָך נישט טראָגן.

— איך וועל זיי געוויס נישט טראָגן, אָבער אלעקסאַנ־דער — יאָ.

— ווער איז דער אלעקסאַנדער?

— ביענקאָווסקי.

— אַהאַ! – האָט ער טרוקן אַ לאַך געטון. — דאָס איז פון דיין זייט זייער אַ רירעוודיקע טרייקייט בנוגע די פאַנטאָפל פונם פאַרשטאָרבענעם מאַן. און פראַקטיש.

— דו ביסט היינט בייז. וואָס איז מיט דיר?

זי האָט אויף אים געקוקט אַביסל באַליידיקט, נאָר זייער פאָרשנדיק, און ער, אויפכאַפּנדיק אין אירע אויגן דעמדאָזיקן אויסדרוק, האָט כּמעט פיינטלעך זיך געטראַכט:

זי האָט אַ טעות, ווען זי מיינט, אַז איך בין בייז, וואָס ווארענקע איז דאָ נישטאָ.

— צו מיטאָג וועט, ווארשיינלעך, קומען ביענקאָווסקי, — האָט זי מיטגעטיילט, אָפּשווייגנדיק אַביסל.

— ס׳פרייט מיך זייער.—האָט ער זיך אָפּגערופן, טראַכטנ־דיק דערביי:

זי וויל און גיט מיר אָנצוגעהערן, אַז איך זאָל זיין העפלעך און ליבלעך צום קינפטיקן שוואָגער.

זיין צערייצטקייט האָט זיך פאַרשטאַרקט דורך אַ געפיל פון אַ שווערער לאַנגווייליקייט.

און יעלי־זאַוועטע סערגעיעוונאַ האָט בשעת־מעשה גערעדט אָנשמירנדיק אַ דינעם שיכט פוטער אויפן ברויט:

— פראַקטישקייט איז, לויט מיין מיינונג, אַ מעלה, וואָס איז ווערט מ׳זאָל זייער לויבן. באַזונדערס אין אונדזערע איצטי־קע צייטן, ווען די לאַסט פון דער ירידה דריקט אַזוי שטאַרק אונדזער קלאַס, וואָס לעבט פון די פּירות פון דער ערד. פאַר־וואָס־זשע זאָל ביענקאָווסקי נישט קאָנען טראָגן די פאַנטאָפל פון

מיין פארשטאָרבענעם מאַן ?... ווו שטייט עס געשריבן, אַז ער מוז אויסגעבן געלט אויף נייע פּאַנטאָפל, בעת צו זיין רשות זענען פאַראַן אין שטוב נאָך נישט קיין געניצטע פאַנטאָפל, וועלכע מיין פאַרשטאָרבענער מאַן האָט נאָך כמעט נישט אָנגעטון ?

...ווי באַלד אַזוי, קומט אויס, אַז אפילו דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן די תכריכים פון דיין פאַרשטאָרבענעם מאַן, ווען דו וואָלסט די תכריכים פון אים אָראָפּגעצויגן און באַהאַלטן — האָט איפּאָליט גיפּטיק פאַר זיך געטראַכט, קאָנצענטרירט פאַרנעמענדיק זיך מיטן איבערטראָגן די שמאַנט-שיכטן פון קריגל אין זיין גלאָז אריין.

— בכלל איז נאָך מיין מאַן איבערגעבליבן זייער אַ גרויסע גאַרדעראָב. און ביענקאָווסקי איז נישט קיין מפונק. ער וועט נישט האַלטן פאַר קיין פחיתת-הכבוד פאַר זיך צו טראָגן די מלבושים פון מיין פאַרשטאָרבענעם מאַן, בפרט נאָך, אַז זיי זענען גאַנץ אָנשטענדיקע, ריינע און טייערע. דו ווייסט דאָך, אַז די ביענקאָווסקיס זענען אַ גרויסע משפּחה: חוץ אַלעקסאַנדערן, זענען פאַראַן דריי זון, יונגעלייט נאָך, און פינף מיידלעך. און דאָס גוט זייערס איז פאַרזעצט. זיי זענען גרויסע בעליחובות. דו ווייסט, כ'האָב ביי זיי גאַנץ ביליק אָפּגעקויפט די ביבליאָטעק; — פאַראַן דאָרט זייער קאָסטבאַרע זאַכן. מעגסט אַ קוק טון, אפשר זענען דאָרט צווישן די ביכער פאַראַן אַזעלכע, וואָס דו דאַרפסט האָבן. אַלעקסאַנדער לעבט פון דער זייער קליינער פּענסיע, וואָס ער באַקומט.

— דו קענסט אים שוין לאַנג ? — האָט ער זי געפרעגט — ריידן פון ביענקאָווסקין האָט ער איצט נעמוזט, הגם אים האָט זיך בכלל נישט געוואָלט ריידן.

— בכלל קען איך אים שוין פיר יאָר, און אַזוי... — שוין אַ חדשים זיבן-אַכט. דו ווערסט זען, וואָס פאַר אַ ווילער יונג ער איז. אַזאַ איידעלער, רעגט זיך לייכט אויף, אַן אידעאַליסט און אַביסל, דאַכט זיך, אַ דעקאַדענט. איבעריקנס, איז איצט די גאַנצע יוגנט נוטה צו דעקאַדאַנס... אייניקע פאַלן אין דער זייט פון

אידעאַליזם, אַנדערע ווידער, — צו מאַטעריאַליזם... — נישט די און נישט יענע ווייזן מיר נישט אויס צו זיין קלוג.

— ס'זענען נאָך פאַראַן מענטשן, וואָס האַלטן פונם „סקעפּטיציזם פון הונדערט פערד־קראַפט״, ווי איינער פון מיינע חברים האָט אָנגערופן אַזאַ שטימונג – האָט איפּאָליט דערקלערט, איינבייגנדיק דעם פּנים איבערן טיש.

זי האָט זיך צעלאַכט, האַלטנדיק, אַז דאָס איז שאַרפזיניק כאָטש גראָבלעך,

— איך – האָט זי געזאָגט – בין אפשר אויך נאָענט צו סקעפּטיציזם, אָבער, ווייסטו, צו אַ געזונטן סקעפּטיציזם, וועלכער פּענטעט די פליגל פון פאַרשידענע גלוסטן און פאַנטאַסטישע שטרעבונגען. אַזאַ סקעפּטיציזם ווייזט מיר אויס צו זיין בייטיק אויף איינצופירן ריכטיקע אָנשויאונגען אויפן לעבן פון די מענטשן.

ער האָט זיך צוגעאיילט אויסצעטרינקן זיין טיי און איז אַוועקגעגאַנגען, דערקלערנדיק, אַז ער דאַרף פאַנאַנדערנעמען די ביכער, וואָס ער האָט מיט זיך געבראַכט. נאָר אין צימער ביי אים איז, טראָצדעם, וואָס די טירן זענען געווען אָפן, געשטאַנען אַ גערוך פון נאַפט. ער האָט זיך אַ מאָרשטשע געטון און מיטנעמענדיק מיט זיך אַ בוך, איז ער אַוועק אין פאַרק אַריין. דאָרט, צווישן אַ געדיכטע קופּעביימער, אויסגעמאַטערטע פון שטורעמס און געוויטערן, האָט געהערשט אַ מעלאַנכאָלישע שטילקייט, וואָס האָט שוואַך געמאַכט דעם מוח, און ער איז געגאַנגען, נישט עפנענדיק דאָס בוך, אין דער לענג פון דער הויפּטאַלייע, וועגן גאָרנישט טראַכטנדיק און נישט ווילנדיק גאָרנישט.

אָט איז דער טייך און דאָס שיפל. דאָ האָט ער געזען וואַרענקען, אָפּגעשפּיגלט אין וואַסער און שיין, ווי אַ מלאך אונם דאַזיקן אָפּשיין.

...אָבער, וואָס איז מיט מיר? כ'בין דאָך ווי אַן אמתער גימנאַזיסט! — האָט ער אין זיך אויסגעשריען פילנדיק, אַז דאָס דערמאָנען זיך אַן וואַרענקען איז אים אָנגענעם.

אָפּשטייענדיק אַ מינוט צייט ביים טייך, איז ער אַריין אין שיפל, האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן פאָדערשטן טייל דערפון און

אָנגעהויבן קוקן אויף יענעם בילד אין וואַסער, וואָס איז מיט דריי טעג צוריק געווען אַזוי שיין. דאָס בילד איז היינט אויך געווען אַזוי שיין, נאָר היינט האָט זיך אויפן דורכזיכטיקן אונ־טערגרונט פון בילד נישט באַוויזן די ווייסע פיגור פונם וואונדערלעכן מיידל.

איפּאָליט האָט פאַררייכערט אַ פּאַפּיראָס און אים באַלד אַריינגעוואָרפן אין וואַסער אַריין, ער האָט געטראַכט, אַז אפשר איז דאָס געווען אַ נאַרישקייט פון זיין זייט, וואָס ער איז אַהער געקומען צופאָרן.

צוליב וואָס, אייגנטלעך, געפינט ער זיך איצט דאָ און ווער באַדאַרף אים דאָ?

ער געפינט זיך דאָ, דאַכט זיך, נאָר צוליב דעם, כדי אָפּצוהיטן דעם גוטן נאָמען פון זיין שוועסטער, מיט אַנדערע ווערטער, כדי צו געבן דער שוועסטער די מעגלעכקייט, נישט זשענירנדיק זיך מיט אָנשטענדיקייט, אויפצונעמען ביי זיך דעם הער ביענקאָווסקי.

גאָרנישט קיין וויכטיקע און נישט קיין ערנסטע ראָל איז דאָס...

און דער דאָזיקער ביענקאָווסקי, איז, הפנים נישט איבע־ריק קליג, אויב ער האָט באמת ליב מיין שוועסטער, וועלכע איז אפשר שוין צו קלוג.

אָפּזיצנדיק אַ שעה דריי אין אַ צושטאַנד פון אַ האַלבער באַאָבאַכטונג, און עפּעס אַ אָפּשוואַכונג פון געדאַנק, וועלכער האָט זיך געגליטשט איבער פאַרשידענע זאַכן, נישט באַהאַנדלענ־דיק זיי, איז איפּאָליט אויפגעשטאַנען און פּאַמעלעך אַוועקגע־גאַנגען אַ היים, שטאַרק ברוגז אויף זיך פאַר די דאָזיקע אומ־זיסט פאַרלאָרענע צייט און פּעסט באַשליסנדיק, באַלד זיך נעמען צו דער אַרבעט.

צוגייענדיק צו דער וועראַנדע, האָט ער דערזען אַ שלאַנקן יונגנמאַן אין אַ ווייסער בלוזע אַרומגעגאַרטלט מיט אַ רימען. דער יונגערמאַן איז געשטאַנען מיטן רוקן צו דער וועראַנדע און אויף עפּעס געקוקט אייגבייגנדיק זיך איבערן טיש.

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט אָנגעהויבן צו זיין פּאַמעלעך-
טראַכטנדיק — צי איז דאָס אפשר ביענקאָווסקי?

אָט האָט זיך דער יונגערמאַן אויסגעגליכן, מיט אַ שיי-
נעם זשעסט האָט ער אַ וואָרף אָפּ געטון פון שטערן די לאַנגע
לאָקן, געקרייזלטע שוואַרצע האָר און זיך אומגעקערט מיטן פּנים
צו דער אַלייע.

...אָבער, ווי געפעלט עס אייך, דאָס איז דאָך אַן אמתער
פּאַזש פון מיטלאַלטער! — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש אין
דער שטיל אויסגעשריען.

אַ פּנים האָט ביענקאָווסקי געהאַט אַן אָוואַלס, אַ מאַט-
בלאַס און ער האָט אויסגעזען אויסגעמאַטערט פון דעם אָנגע-
שטרענקטן גלאַנץ פון זיינע גרויסע, מאַנדלפאָרמיקע און שוואַר-
צע אויגן וואָס זענען געווען טיף איינגעפאַלן אין די אויגנלע-
כער. זיין שיין מויל איז געווען באַשאָטנט דורך קליינינקע
שוואַרצע וואָנסן און דער רונדער שטערן — דורך לאָקנס
געקרייזלטע, נאַכלעסיק צוזאַמענגעפּלאָנטערטע האָר.

ער איז געווען אַ קליינער, נידעריקער פון מיטלוווקס,
נאָר זיין בייגזאַמע פיגור, וועלכע איז געווען געבויט שיין און
פּראָפּאָרציאָנעל, האָט פאַרטושט דעם דאָזיקן חסרון.

ער האָט געקוקט אויף איפּאָליט סערגעיעוויטשן אַזוי, ווי
עס קוקן קורצזיכטיקע, און אין זיין בלאַס פּנים איז געווען
עפּעס זייער סימפּאַטיש, נאָר קרענקלעכס. אין זיינע סאַמע-
טענע קליידער האָט ער באמת אויסגעזען ווי אַ פּאַזש, וועלכער
איז אַנטלאָפן פון אַ בילד, וואָס האָט געשילדערט אַ קעניגלעכן
הויף פון מיטלאַלטער.

— ביענקאָווסקי! — האָט ער טויב אַ זאָג געטון אויס-
שטרעקנדיק איפּאָליט סערגעיעוויטשן, וועלכער איז אַרויפגעגאַנ-
גען אויף די טרעפּ פון דער וועראַנדע, זיין ווייסע האַנט מיט
דינע לאַנגע פינגער פון אַ מוזיקער.

דער יונגער געלערנטער האָט אים פעסט אַ דריק געטון
די האַנט.

לערך אַ מינוט צייט האָבן זיי ביידע אומבאַקוועם גע-

שוויגן, דערנאָך האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש אָנגעהויבן ריידן וועגן דער שיינקייט פונם פּאַרק.

דער יונגערמאַן האָט אים געענטפערט קורץ, זאָרגנדיק זיך הפּנים, נאָר צו זיין העפלעך און נישט אַרויסווייזנדיק קיין אינטערעס צום מיטריידער.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך באַוויזן יעליזאַוועטע סערגייעוונאַ אין אַ ווייס קלייד, מיט שוואַרצע שפּיצן אויפן קראַגן און אונטערגעגאַרטלט מיט אַ לאַנגע שוואַרצע שנור מיט פרענדזלען אויף די עקן.

דער דאָזיקער קאָסטיום האָט גוט האַרמאָנירט מיט איר רויטיק פּנים, צוגעבנדיק אַ מאַיעסטעטישן אויסדרוק זיינע קליינע, נאָר ריכטיקע שטריכן. אויף אירע באַקן האָט געשפּילט אַ רויטע פאַרב פון צופרידנקייט און אירע קאַלטע אויגן האָבן געקוקט באַלעבאַטיש.

— באַלד וועלן מיר עסן מיטאָג, — האָט זי מיטגעטיילט — כ'וועל אייך מכבד זיין מיט ליאָדעס. און איר אַלעקסאַנדער פּיעטראָוויטש, פאַרוואָס זענט איר אַזוי אומעטיק? יאָ! איר האָט נישט פאַרגעסן שובערטן?

— געבראַכט שובערטן און ביכער — האָט ער געענט־פערט, אָפן און טרוימעריש קוקנדיק אויף איר מיט פאַרגעניגן.

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט געזען דעם אויסדרוק פון זיין פּנים און האָט זיך געפילט אומבאַקוועם, פאַרשטייענדיק, אַז דער דאָזיקער סימפּאַטישער יונגערמאַן האָט זיך, ווייזט אויס, גע־געבן אַ נדר נישט צו אָנערקענען זיין, איפּאָליטס, עקזיסטענץ.

— אויסגעצייכנט! — האָט יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ אויס־געשריען, אַ שמייכל טוענדיק ביענקאָווסקין — נאָך מיטאָג וועלן מיר שפּילן?

— אויב אייך וועט זיין ניחא! — און ער האָט פּאַר איר אַ נייג געטון דעם קאָפּ.

דאָס איז ביי אים אַרויסגעקומען זייער גראַציעז, נאָר פונ־דעסטוועגן האָט דאָס געצוווּנגען איפּאָליטן אינערלעך אַ לאַך צו טון פון דעם, ווייל דאָס איז פאָרגעקומען לעכערלעך.

— מיר איז דאָס זייער ניחא — האָט קאָקעטיש דער־קלערט זיין שוועסטער.

— איר האָט ליב שובערטן? — האָט איפּאָליט סערגעיע־וויטש געפרעגט.

— קודם־כל האָב איך ליב מער פון אַלע בעטהאָווענען, דעם שעקספּיר פון מוזיק, — האָט ביענקאָווסקי געענטפערט, אַ קער טוענדיק צו אים זיין פּנים אין פּראָפיל.

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט נאָך פאַר דעם געהערט, אַז בעטהאָווען גילט אַלס שעקספּיר פון מוזיק און דער חילוק צווישן בעטהאָווענען און שובערטן איז פאַר אים געווען איינע פון יענע סודות, וועלכע האָבן אים לגמרי נישט אינטערעסירט. נאָר אים האָט אינטערעסירט דערדאָזיקער, בחורעץ און ער האָט אים ערנסט געפרעגט:

— פאַרוואָס עפּעס האַלט איר בעטהאָווענען העכער פון אַלע.

— ווייל ער איז אַ אידעאַליסט מער פון אַלע שפּעטער פון מוזיק, נעמענדיק אַלע צוזאַמען.

— אַזוי? איר נעמט אויך אָן פאַר אַן אמת דידאָזיקע וועלטאנשויאונג, איר זענט אויך ביי דערדאָזיקער כמעט אַלגע־מיינער מיינונג?

— געוויס. און איך וויס, אַז איר זענט אַן עקסטרעמער מאַטעריאַליסט. כ'האָב געלייענט אייערע אַרטיקלען — האָט ביענ־קאָווסקי דערקלערט, און זיינע אויגן האָבן משונהדיק אַ בליץ געטון.

— ער וויל פירן אַ וכוח! — האָט איפּאָליט סערגעיע־וויטש אַ טראַכט געטון. — ער איז אַ ווילער יונג, אַ גראָדליני־קער און, ווי עס זעט אויס, אַ הייליק־ערלעכער.

און זיין סימפּאַטיע צו דעמדאָזיקן אידעאַליסט, וועמען ס'איז באַשערט צו טראָגן די פאַנטאָפל פון איפּאָליטס פאַרשטאָר־בענעם שוואָגער, איז גרעסער געוואָרן.

— הייסט עס, אַז מיר זענען איינער דעם אַנדערנס שונאים? — האָט איפּאָליט געפרעגט.

— ווי אזוי קאָנען מיר זיין גוטע־פריינט? — האָט ביענ־קאָווסקי מיט היץ אויסגעשריען.

— מיינע הערן! — האָט צו זיי יעליזאַוועטע סערגעיעווי־נאַ אַ געשריי געטון פון צימער — פאַרגעסט נישט, אַז איר האָט זיך נאָר וואָס באַקענט...

דאָס דינסטמיידל מאַשע האָט, לאַרעמדיק מיטן געשיר, גע־דעקט דעם טיש און פון אונטערן שטערן געקוקט אויף ביענ־קאָווסקין מיט אויגן, אין וועלכע ס׳האָט געפינקלט אַ תמימות־דיקע אַנטציקונג.

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט אויך אויף אים געקוקט און זיך דאַן געטראַכט, אַז צום דאָזיקן יונגנמאַן דאַרף מען זיך באַציען מיט דער גרעסטער דעליקאַטקייט, און אַז ס׳וואָלט גע־ווען גוט אויסצומיידן יעדן אידעישן געשפּרעך מיט אים, ווייל בעת וכוחים ווערט ער מסתמא אויפגערעגט ביז משוגעת. נאָר ביענקאָווסקי האָט אויף אים געקוקט מיט אַ הייסן גלאַנץ אין די אויגן און אַ נערוועישן ציטער אויפן פּנים.

הפּנים, אַז אים האָט זיך שרעקלעך געוואָלט ריידן און ער האָט מיט גרוים מי קוים איינגעהאַלטן דעמדאָזיקן באַגער.

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט באַשלאָסן זיך צו באַגרענעצן אין די ראַמען פון עכט־אַפּיציעלער העפלעכקייט.

זיין שוועסטער, זיצנדיק שויןביים טיש, האָט שיין און פיין געוואָרפן דאָ אים, און דאָ ביענקאָווסקין נישט קיין ערנ־סטע פּראַזן אין אַ לצנותדיקן טאָן; זייביידע האָבן קורץ אויף דעם אָפּגעענטפערט. — איינער מיט אַ פאַמיליערער נאַכלעסיקייט דער אַנדערער — מיט אַכטונג פון אַ פאַרליבטן. און אַלע דריי זענען געווען באַהערשט דורך אַ געפיל פון עפּעס אַן אומבאַק־וועמלעכקייט און זשעניר‌ונג, וועלכע האָט זיי געצוווּנגען נאָכצו־קוקן איינער דעם אַנדערן און זען אַז דער נאָכקוקער אַליין זאָל זיין אין אָרדענונג.

מאַשע האָט געבראַכט אויף דעם וועראַנדע דאָס ערשטע יעריכט.

— ביטע מיינע הערן, — האָט יעליזאַוועטע סערגעיעווּנאַ

איינגעלאַדן, זיך באַוואָפנענדיק מיטן שעפ-לעפל. — איר וועט מאַכן אַ שנעפּסל פאַרן עסן?

— איך יאָ! — האָט איפּאָליט זיך אָפּגערופן.

— איך וועל נישט טרינקען, אויב איר וועט דערלויבן, — האָט ביענקאָווסקי דערקלערט.

— כ'דערלויב און גערן. איר טרינקט דאָך אָבער בכלל יאָ?

— פ'וויל נישט...

— ס'ווילט זיך אים נישט טרינקען לחיים מיטן מאַטער-יאַליסט — האָט זיך איפּאָליט סערגעיעוויטש אָגגעשטויסן, וואָס פאַר אַ כוונה ביענקאָווסקי האָט.

די געשמאַקע זופּ מיט פּיראָזשקעס אָדער דאָס קאָרעק-טע אויפפירן זיך פון איפּאָליט סערגעיעוויטשן האָט אַביסל ווייך געמאַכט דעם שטרענגן גלאַנץ פון ביענקאָווסקיס אויגן, און ווען מ'האָט דערלאַנגט דאָס צווייטע געריכט, האָט ער באַקומען לשון און אָנגעהויבן צו ריידן:

— אפשר האָט זיך אייך אויסגעוויזן פאַר אַרויסרופנדיק מיין אויסגעשריי, אַלס ענטפער אויף אייער פראַגע, — צי מיר זענען שונאים? ס'קאָן זיין, אַז דאָס איז נישט העפלעך, נאָר איך האַלט, אַז די באַציונגען בין אדם לחברו, דאַרפן זיין פריי פון זייער אָפיציעל ליגן, וואָס אַלע האָבן אָנגענומען פאַר אַ כלל.

— כ'בין מיט אייך פולשטענדיק מסכים, — האָט צו אים איפּאָליט סערגעיעוויטש אַ שמייכל געטון, — וואָס פשוטער אַלץ בעסער. און אייער אויפריכטיקע דערקלערונג איז מיר נאָר געפעלן, אויב איר וועט דערלויבן אזוי זיך אויסצודרוקן.

ביענקאָווסקי האָט מעלאַנכאָליש אַ לאַך געטון און גע-ענטפערט:

— מיר זענען באמת שונאים אינם קרייז פון אידייען, און דאָס ווערט באַשטימט באַלד, פון זיך אַליין. אָט זאָגט איר: וואָס פשוטער, אַלץ בעסער. איך בין אויך ביי דער זעלבער מיינונג נאָר איך לייג אַריין אין דידאָזיקע ווערטער בלויז אינהאַלט, איר אָבער—גאָר עפּעס אַנדערש.

— גאָר אַזוי? — האָט זיך איפּאָליט סערגעיעוויטש גע־
וווּנדערט.

— קיין שום ספק נישט, אויב איר וועט אָוועקגיין מיטן גלייכן וועג פון לאָגיק בנוגע די אַנשויאונגען, וואָס איר האָט אַרויסגעזאָגט אין אייער אַרטיקל.

— כ׳וועל עס נאַטירלעך טון...

— אָט, זעט איר, אויב פון מיין שטאַנדפּונקט וועט אייער באַגריף וועגן פשטות זיין אַ גראָבער. נאָר לאָמיר וועגן דעם נישט ריידן... זאָגט, כ׳בעט אייך, פאָרשטעלנדיק זיך דאָס לעבן בלויז אַלס מעכאַניזם, וואָס אַרבעט אויס אַלץ, צווישן זיי, אויך אידייען, — צי פילט איר נישט קיין אינערלעכע קעלט און צי איז אין אייער נשמה נישט פאַראַן קיין טראָפּן מיטלייד בנוגע אַלץ, וואָס איז סודותפול און באַצויבערנזיק שיין, — צו דעם, וואָס איר דערנידעריקט צו אַ מדרגה פון אַ געוויינטלעכן כעמיזם, מיטן איבערטראָגן פון איין אָרט אויפן אַנדערן די טיילן פון שטאָפן?

— הם... אַזאַ קעלט שפיר איך נישט, ווייל פאַר מיר איז קלאָר, וואָס פאַר אַן אָרט איך פאַרנעם אינם מעכאַניזם פון לעבן וועלכער איז, אין תוך גענומען, פיל פּאָעטישער, ווי אַלע פאַנ־טאַזיעס... וואָס שייך דער מעטאַפיזישער גערונג פונם געפיל און מוח, איז דאָך דאָס. פאַרשטייט איר מיך, אַ זאַך פון געשמאַק. דערווייל ווייסט נאָך קיינער נישט, וואָס אַזוינס עס איז די שיינ־קייט. יעדנפאַלס דאַרף מען זיך משער זיין, אַז דאָס איז אַ פּי־זיאָלאָגיש געפיל.

איינער פון זיי האָט גערעדט מיט אַ געדעמפטער שטים, פול מיט האַרצלעכקייט און אומעטיקע טענער פון באַדויערונג צום קעגנער, וואָס איז זיך טועה; דער אַנדערער — רויק, מיט אַ באַוווסטזיין פון זיין גייסטיקן איבערשטייגן דעם קעגנער און מיט אַ בולטן פאַרלאַנג נישט צו באַנוצן די ווערטער, וואָס שטעכן די אַמביציע פון קעגנער, וועלכע זענען שטענדיק פאַראַן אַזוי פיל בעת אַ וכּוח צווישן צוויי אנשטענדיקע מענטשן וועגן דעם — וועמעס אמת איז נאָענטער צום א מ ת.

יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ האָט, פּיין שמייכלענדיק פאַר־פאָלגט דאָס שפּיל פון זייערע פיזיאָגנאָמיעס און האָט רויק גע־געסן, אָפּלעקנדיק די ביינדלעך פונם געפליגל. פון יענער זייט מיר האָט אַריינגעקוקט מאַשע, וועלכע האָט, הפנים, געוואָלט פאַרשטיין, דאָס, וועגן וואָס די פּריצים האָבן זיך געאַמפּערט, ווייל דאָס פּנים איז ביי איר געווען אָנגעשטרענגט און די אויגן אירע זענען געוואָרן רונד, פאַרלירנדיק זייער געוויינטלעכן אויס־דרוק פון כיטרעקייט און ליבלעכקייט.

— איר זאָגט — די ווירקלעכקייט, נאָר וואָס אַזוינס איז אייגנטלעך די ווירקלעכקייט, ווען אַלץ אַרום אונדז און מיר אַליין זענען בלויז כעמיזם און מעכאַניזם, וואָס אַרבעטן שטענדיק און רוען נישט קיין רגע? אומעטום — באַוועגונג און אַלץ איז באַ־וועגונג, נישטאָ קיין הונדערטל טייל פון אַ רגע רו — ווי אַזוי־זשע קאָן איך אויפכאַפּן די ווירקלעכקייט? ווי אַזוי קאָן איך דערגיין איר תוך, ווען איך אַליין בין יעדע רגע נישט דאָס, וואָס איך בין געווען און נישט דאָס, וואָס איך וועל זיין שפּע־טער? איר, איך — זענען מיר נאָר שטאָף? נאָר אַמאָל וועלן מיר דאָך ליגן אונטער די הייליקע בילדער, אָנפילנדיק די לופט מיט אַן עקלהאַפטן גערוך פון פוילעכטס... פון אונדז וועלן אויף דער ערד בלייבן קאָן זיין, בלויז אָפּגעבליאַקעוועטע פאָטאָגראַ־פיעס און זיי וועלן קיינמאָל קיינעם נישט זאָגן און נישט דער־ציילן וועגן די פריידן און צרות פון אונדזער לעבן, וואָס איז איינגעשלונגען געוואָרן דורך דער אומבאַוווסטקייט. צי איז דען נישט שרעקלעך צו גלייבן אין דעם, אַז מיר, וואָס דענקען און ליידן, לעבן נאָר צוליב דעם, כדי פאַרפוילט צו ווערן?

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט אים אויפמערקזאַם אויסגע־הערט און זיך געטראַכט:

...ווען דו וואָלסט געווען איבערצייגט אינם אמת פון דעם גלויבן, — וואָלסטו געווען רויק. און אָט שרייסטו דאָך גאָר, און נישט דערפאַר, ברודערקע, שרייסטו, וואָס דו ביסט אַ אידעאַליסט, נאָר דערפאַר, וואָס דיינע נערוון זענען נישט קיין גוטע.

און ביענקאָווסקי האָט, קוקנדיק אַלץ אין פּנים אַריין מיט די פייערדיקע אויגן, ווייטער גערעדט:

— איר זאָגט — די וויסנשאַפט — גוט! כ׳פאַל פאַר איר כּורעים, ווי פאַר אַ מעכטיקע אָנשטרענגונג פון גייסט אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די קייטן פונם סוד, וואָס פענטען מיך... נאָר איך זע זיך אין איר שוין אויפן זעלבן אָרט, ווו מיין עלטער זיידע איז געשטאַנען, וועלכער האָט אומדערשיטערלעך געגלייבט אין דעם, אַז דער דונער דונערט נאָר צוליב דעם, ווייל דאָס וויל אליהו-הנביא. איך גלייב נישט אין אליהו-הנביאן, איך ווייס, אַז דער דונער — איז אַ ווירקונג פון דער עלעקטריציטעט, אָבער מיט וואָס איז דאָס קלאָרער און דייטלעכער פאַר אליהון? דערמיט אפשר, וואָס עס איז מער קאָמפּלעצירט? דאָס איז דאָך אויך אוממעגלעך צו דערקלערן, פּונקט ווי די אַלע אַנדערע כּוחות, מיט וועלכע מען באַמיט זיך אָן אַ שום פּעולה צו פאַרוועקסלען אין קראַפט. און צייטנווייז דאַכט זיך מיר, אַז דער ענין פון דער וויסנשאַפט באַשטייט אייגנטלעך בלויז אין דעם, וואָס זי קאָמפּליצירט די באַגריפן — מער גאָרנישט! איך מיין אַז עס איז גוט צו גלייבן; מ׳לאַכט פון מיר, מען זאָגט מיר: מ׳דאַרף נישט גלייבן, מ׳דאַרף וויסן. כ׳וויל וויסן, וואָס אַזוינס איז דער שטאָף און מען ענטפערט מיר בוכשטעבלעך אַזוי: „דער שטאָף איז דער אינהאַלט פון יענעם ארט אין שטח, אין וועלכן מיר אָביעקטיווירן די סיבה פון דער ״מ״ינדונג, וואָס מיר באַקומען.”

צוואָס דאַרף מען אַזוי ריידן? צי קאָן מען עס האַלטן פאַר אַן ענטפער אויף דער קשיא? דאָס איז אַ שפּאָט בנוגע דעם, וועלכער זוכט ליידנשאַפטלעך און אויפריכטיק אַ ענטפער אויף די אומרויקע פראַגן פון זיין גייסט... איך וויל וויסן דעם ציל פונם דאָזיין — דידאָזיקע שטרעבונג פון מיין גייסט ווערט אויך אויסגעלאַכט... איך לעב דאָך אָבער, דאָס איז נישט לייכט און דאָס גיט מיר דאָס רעכט קאַטעגאָריש צו פאָדערן פון די מאָנאָפּאָליסטן פון דער חכמה אַן ענטפער — צו וואָס לעב איך?

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט פון אונטערן שטערן געקוקט

אויף ביענקאָווסקיס פּנים, וואָס האָט געפלאַמט פון אויפרעגונג, און ער האָט אנערקענט, אַז דעמדאָזיקן יונגנמאַן דאַרף מען ענטפערן מיט ווערטער, וואָס זאָלן זיין גלייך, לויט דער קראַפט פונם קאָכעדיקן געפיל, וואָס זיי דריקן אויס, צו זיינע ווערטער.

נאָר דאָס אנערקענענדיק, האָט היפּאָליט געפילט אַ פאַרלאַנג צו ענטפערן און פאַרענטפערן.

און די זייער גרויסע אויגן פונם דיכטער זענען געוואָרן נאָך גרעסער, — און זיי האָט געבּרענט אַ ליידנשאַפטלעכע בענקשאַפט.

עס האָט אים אין זיין אויפרעגונג, ממש אויסגעפעלט צו אָטעמען, און זיין שיינע איידעלע רעכטע האַנט האָט שנעל געשימערט אינדערלופטן, דאָ קראַמפּהאַפט צונויפגעבײַלט אין א פויסט, אין א דראָעדיקע, אין דאָ ווי עפּעס כאַפּנדיק אין שטח און מאַכטלאָז צו דערלאַנגען.

— נאָר גאָרנישט געבנדיק, האָט איר אזוי פיל גענומען פון לעבן! אויף דעם ענטפערט איר אָפּ מיט פאַראַכטונג... און אין דעם קלינגט — וואָס? דאָס נישט קאָנען פאַרענטפערן די קשיא מיט זיכערקייט, און חוצדעם — אייער נישט קאָנען באַדויערן מצנטשן. מ׳בעט דאָך ביי אייך גייסטיק ברויט און איר לייגט פאַר א שטיין פון אָפּלייקענונג! איר האָט באַראַבעוועט די גשמה פון לעבן, און אויב אין אים זענען נישט פאַראַן קיין גרויסע העלדישקייטן פון ליבע און ליידן, — זענט איר אין דעם שולדיק, ווייל די קנעכט פון פאַרשטאַנד, האָט איר אָפּגעגעבן די נשמה אונטער זיין ממשלה. און אָט איז זי, די נשמה אָפּגעקילט געוואָרן און שטאַרבט אוועק, א קראַנקע אַן אָרעמע! און דאָס לעבן איז אויך אַזוי טריב. און זיינע צרות, זיין צער פאָדערן העלדן... ווו זענען זיי די העלדן?

— ער איז דאָך, רחמנא־לצלן, עפּעס אַ מין עפּילעפּטיקער! — האָט זיך איפּאָליט סערגעיעוויטש געטראַכט, קוקנדיק מיט אַ נישט אנגענעמען ציטערניש אויפן דאָזיקן קנויל נערוון, וואָס האָט זיך פאַר אים געצאַפּלט אין א אויפרעגונג, פול מיט בענקשאַפט.

איפּאָליט האָט געפּרוווט אָפּשטעלן די שטורמישע רייד פון

זיין קינפטיקן שוואָגער, נאָר דאָס איז געווען בחינם, ווייל דער יונגערמאַן, באַהערשט פון דער באַגייסטערונג פון זיין פּראָטעסט, האָט גאָרנישט געהערט און, דאַכט זיך, גאָרנישט געזען.

ער האָט, ווייזט אויס, לאַנג געטראָגן אין זיך דידאָזיקע תּרעומות און אָנקלאַגעס, וואָס האָבן זיך איצט ממש געגאָסן פון זיין נשמה, און איז געווען צופרידן, וואָס ער קאָן זיך אַרויסזאָגן פאַר איינעם פון יענע מענטשן, וועלכע האָבן, לויט זיין מיינונג, קאַליע געמאַכט דאָס לעבן.

יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ האָט אויף זיי געקוקט מיט הנאה, צושטשורנדיק די ליכטיקע אויגן, און אין זיי האָט געפינקלט אַ פונק פון תּאוותדיקן באַגער.

— אין אַלץ וואָס איר האָט אזוי שטאַרק און שיין גערעדט, — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש ליבלעך און געלאַסן אָנגעהויבן צו ריידן, אויסניצנדיק די אומגעריכטע פּאַוזע פון דעם מיד געוואָרענעם רעדנער און וועלנדיק אים באַרויִקן, — אין דעם אַלץ איז בלי־ספק פאַראַן פיל אויפריכטיק געפיל, פאַרשנדיקער שכל.

...וואָס זאָל איך אים זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אים אָפּקילן און באַדויערן? — האָט ער שטאַרק געקלערט, פלעכטנדיק אַ נעץ פון קאָמפּלימענטן.

נאָר היפּאָליטן האָט פון דער נישט אנגענעמער לאַגע אַרויסגעהאָלפן זיין שוועסטער.

זי האָט זיך שוין אָנגעגעסן צו זעט און איז געזעסן, אויסציִענדיק זיך און אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אויפן אָנלען פון פאָטעל. אירע טונקעלע האָר זענען געווען פאַרקעמט לויט דער אַלטער מאָדע, אָבער דידאָזיקע פריזור אין פאָרעם פון אַ קרוין האָט זייער געפּאַסט צום באַפעלערישן איינדרוק פון איר פּנים. אירע ליפּן, וואָס האָבן אַ ציטער געטון פון אַ שמייכל, האָבן געעפנט אַ ווייס פּאַסיקל ציין, דין ווי אַ שאַרף פון אַ מעסער. אָפּשטעלנדיק דעם ברודער דורך אַ שיינעם זשעסט, האָט זי זיך אָפּגערופן:

— גיט מיר אויך אַ וואָרט! איך ווייס אַן אַפאָריזם פון אַ חכם און דער אַפאָריזם לייענט אַזוי: „נישט גערעכט זענען די,

װעלכע זאָגן — אָט דאָס איז דער אמת, נאָר נישט גערעכט זענען אויך די, װעלכע דערװידערן יענע, אַז דאָס, װאָס זיי האַלטן פאַרן אמת, איז ליגן, און גערעכט איז נאָר די צביעות און דער שטן, װאָס אין זייער עקזיסטענץ גלייב איך נישט, נאָר זיי אין װעמען איך גלייב נישט, דאַרפן ערגעץ זיין, מחמת דאָס זענען זיי, װאָס האָבן געמאַכט דאָס לעבן אַזוי טאָפּלדיק און דאָס האָט דאָס לעבן זיי באַשאַפן. איר פאַרשטייט נישט? איך רעד דאָך אָבער צו אייך מיט דער זעלבער מענטשלעכער שפּראַך, װאָס איר רעדט. נאָר דער חלוק צװישן מיר און אייך איז, װאָס איך קװעטש צונויף אין איין פראַגע די גאַנצע חכמה פונם יאָר-הונדערט, כּדי איר זאָלט זען די גאַנצע נישטיקייט פון אייער חכמה:

געענדיקט איר רעדע, האָט זי מיט אַ באַצויבערנדיק-לויטערן שמייכל געפרעגט די מאַנספּאַרשוינען:

— װאָס װעט איר דערויף זאָגן?

איפּאָליט סערגעיעװיטש האָט שװייגנדיק אַ מאַך געטון מיט זיי פּלייצעס, — אים האָבן אויפגעבראַכט די שװעסטערס װערטער, נאָר ער איז געװען צופרידן, װאָס זי האָט באַרויקט און װייכער געמאַכט ביענקאָװסקין.

מיט ביענקאָװסקין װידער, איז פאָרגעקומען עפּעס משונה-דיקס.

װען יעליזאַװעטע סערגעיעװנאַ האָט אָנגעהויבן צו ריידן,— האָט זיין פּנים זיך אָנגעצונדן מיט אַנטציקונג, און װערנדיק בלאַסער מיט יעדן װאָרט, װאָס זי האָט אַרויסגערעדט, האָט זיין פּנים אויסגעדריקט עפּעס אַזעלכעס, װאָס איז נאָענט צו שרעק- אינם מאָמענט, װען זי האָט געשטעלט איר פראַגע. ער האָט געװאָלט איר עפּעס ענטפערן, נאָר די ליפּן זיינע האָבן נערװעזיש אויפגעציטערט און קיין װערטער זענען פון זיי נישט אַרויס-געקומען.

זי אָבער אַ פּרעכטיקע אין איר רויִקייט, האָט נאָכגעפאָלגט דאָס שפּיל פון זיין פּנים און, ס׳װייזט אויס, אַז איר איז גע-

פעלן געוואָרן צו זען די ווירקונג פון אירע רייד אויף אים, ווייל אין אירע אויגן האָט געגלאַנצט א צופרידנקייט.

— מיר, לפּחות, דאַכט זיך, אַז אין דידאַקטיק ווערטער איז באמת פאַראַן דער גאַנצער סך־הכּל פון די אומגעהייער גרויסע ביכער וועגן פילאָזאָפיע, — האָט ער באַמערקט און איז פאַרשוויגן געוואָרן.

דו ביסט געוויסערמאסן גערעכט, — האָט היפּאָליט קרום א לאַך געטון — פונדעסטוועגן...

— צי דאַרף טאַקע דער מענטש לעשן די לעצטע פונקען פונם פּראָמעטעוס פייער, וואָס ברענען נאָך אין זיין נשמה און פאַרטונקלען זיינע שטרעבונגען? — האָט קוקנדיק אויף איר מיט בענקשאַפט ביענקאָווסקי געפרעגט.

— פאַרוואָס עפּעס לעשן, וויבאַלד זיי גיבן עפּעס פּאָזיטיווס... וואָס איז אייך אנגענעם! — האָט זי שמייכלענדיק געזאָגט.

— דו באַנוצט, דאַכט זיך, א געפערלעך קריטעריום צו באַשטימען דאָס פּאָזיטיווע, — האָט איר טרוקן דער ברודער באַמערקט.

— יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ! איר זענט א פרוי, זאָגט־זשע: וועלכע אָפּקלאַנגען האָט געוועקט אין אייער נשמה די גרויסע פרויען־באַוועגונג? — האָט געפרעגט ביענקאָווסקי, וועלכער האָט זיך ווידער אָנגעצונדן מיט באַגייסטערונג.

— זי איז אינטערעסאַנט דידאַקטיק באַוועגונג.

— מער גאָרנישט?

— נאָר איך מיין, אַז דאָס איז, ווי זאָל איך אייך זאָגן?... אַז דאָס איז אַ באַוועגונג פון איבעריקע פרויען, פון פרויען, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין הצלחה און זענען פאַרבליבן פון יענעם זייט לעבנס־באָרט, ווייל זיי זענען נישט קיין שיינע, אָדער דערפאַר, וואָס זיי וויסן אַליין נישט, וואָס פאַר א קראַפט עס האָט זייער שיינקייט, אָדער דערפאַר וואָס זיי האָבן נישט קיין געשמאַק פון דער מאַכט איבער אַ מאַנספּאַרשוין... זיי זענען

„איבעריקע" „שלימזלניצעס" צוליב זייער פיל סיבות!... נאָר — מ'באַדאַרף עסן ליאָדעס.

ביענקאָווסקי האָט גענומען א גרין לענגלעך שיסעלע פון איר האַנט און אַוועקשטעלנדיק עס פאר זיך, האָט ער אָנגעהויבן עקשנותדיק קוקן אויף דער קאַלטער ווייסער מאַסע, נערוועיש רייבנדיק דעם שטערן מיט דער האַנט, וואָס האָט געציטערט פון אן איינגעהאַלטענער אויפרעגונג.

— אָט זעט איר, פילאָזאָפיע מאַכט קאַליע גישט נאָר דעם געשמאַק פון לעבן, נאָר אויך דעם אַפעטיט — האָט זיך יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ געוואָרטלט.

און דער ברודער האָט אויף איר געקוקט און זיך געטראַכט, אַז זי שפּילט אַ מ'אוס שפּיל מיטן דאָזיקן בחורעץ.

אין אים האָט דאסדאָזיקע גאַנצע געשפּרעך אַרויסגערופן א עמפּינדונג פון א אָנ'ואַקסנדיקער לאַנגוויליקייט, און היות אים איז געווען א שאָד ביענקאָווסקין, האָט פונדעסטוועגן דאָסדאָזיקע רחמנות נישט אַריינגענומען אין זיך קיין הערצלעכע וואַרעמקייט און דערום האָט זי נישט געהאַט קיין ענערגיע.

...אַזוי זעט אויס וועגוס! — האָט ער באַשלאָסן, אויפשטייענדיק פון טיש און פאַררייכערנדיק אַ פּאַפּיראָס.

— מיר וועלן שפּילן? — האָט יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ געפרעגט ביענקאָווסקין.

און ווען ער האָט, אַלס ענטפער אויף איר פראַגע געהאָרכזאַם איינגעבויגן דעם קאָפּ, זענען זיי אַוועק פון דער וועראַנדע אין צימער אַריין און פון דאָרט האָבן זיך באַלד דערהערט אַקאָרדן פון ראָיאַל און קלאַנגען פון אַ פידל, וועלכע מען רעגולירט.

איפּאָליט סערגעיעוויטש איז געזעסן אין אַ באַקוועמען פאָטעל ביי די געלענדער פון דער וועראַנדע, וועלכע איז געווען באַהאַלטן פון דער זון דורך א שפּיציקער קורטינע פון ווילדע וויינטרויבן, וואָס האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט פון דער ערד ביזן דאַך אויף אויסגעצויגענע, שטייפע שנירלעך, און ער האָט געהערט אַלץ, וואָס ביענקאָווסקי און זיין שוועסטער האָבן גערעדט.

די פענסטער פונם גאַסטצימער, באַדעקט בלויז מיט גרינס פון בלומען, זענען אַרויסגעגאַנגען אין פּאַרק.

— איר האָט עפּעס אָנגעשריבן פאַר דערדאָזיקער צייט? — האָט יעליזאַוועטע סערגעיעוונא געפרעגט, געבנדיק אַ טאָן דער פידל.

— יאָ, אַ קליינע פּיעסקעלע.

— לייענט איבער!

— כ׳האָב נישט קיין חשק, מיין ערנוואָרט.

— איר ווילט, איך זאָל אייך בעטן?

— צי וויל איך? ניין... נאָר כ׳וואָלט בעסער געוואָלט איבערלייענען יענע לידער, וועלכע ליגן זיך איצט ביי מיר צונויף.

— ביטע.

— יאָ, כ׳וועל זיי איבערלייענען... נאָר זיי האָבן זיך נאָר וואָס באַוויזן, נאָר וואָס אַרויס פון דער נאָדל... און איר האָט זיי אַרויסגערופן צום לעבן, איר האָט זיי אינספּירירט...

— ווי אָנגענעם דאָס איז מיר צו הערן!

— כ׳ווייס נישט... ס׳קאָן זיין, אַז איר רעדט אויפריכטיק... כ׳ווייס נישט...

— בעסער אפשר, איך זאָל אַוועקגיין? — האָט זיך איפּאָליט נעטראַכט, הערנדיק, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער עס נעמט אָן זייער געשפּרעך.

נאָר ער האָט זיך געפוילט אַ ריר צו טון פון אָרט, און ער איז געבליבן זיצן, באַרויקנדיק זיך דערמיט, אַז זיי ווייסן, אַז ער זיצט אויף דער וועראַנדע און אַזוי אַרום איז ער אין אָרדענונג.

דער קאַלטער גלאַנץ פון דיין רויקער שיינקייט
מאַכט מיך אומרויק...

האָט זיך דערהערט ביענקאָווסקיס געדעמפּטע שטים.

דו וועסט אָפּלאַכן פון מיינע טרוימען!
וועסט מיך, קאָן זיין, נישט פאַרשטיין?

האָט דער יונגערמאַן מעלאַנכאָליש געפרעגט

...כ'האָב מורא, אַז פאַר דיר איז דאָס שוין שפּעט וועגן דעם צו פרעגן, — האָט סקעפּטיש שמייכלענדיק, איפּאָליט סער־געיעוויטש זיך געטראַכט.

אין דיינע אויגן איז נישט פאַראַן קיין מיטלייד,
אין דיינע ווערטער הערט זיך מיר אַ קאַלט געלעכטער...
און פרעמד איז דיר מיין צושטאַנד,
ווען איך רעד פון היץ...

ביענקאָווסקי איז פאַרשוויגן געוואָרן פון אויפרעגונג, אָדער צוליב דעם, וואָס אים האָט אויסגעפּעלט אַ גראַם.

און ער איז אַזוי פּרעכטיק!
אין אים איז דער שטורעם־ווינט פון לידער,
אין אים איז מיין לעבן!
ער איז אינגאַנצן דורכגעדרונגען מיט אַ קאָכנדיקער ליידנשאַפט

צו לעזן דעם סוד פון דאָזיין,
צו געפינען פאַר אַלע אַ וועג צום גליק.

— מ'דאַרף אָוועקגיין! — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש באַשלאָסן; נישט צופרידן האָט ער זיך אויפגעהויבן אויף די פיס דורך די היסטערישע זיפצן פונם יונגמאַן, אין וועלכע עס האָט גלייכצייטיק געקלונגען אַ רירנדיקער זיי געזונט! און אַ פאַר־צווייפלטער — האָב רחמנות! — און ביידע זענען געווען גע־ווענדט צו אַ פרוי.

איך, דיין קנעכט, האָב דיר אויפגעשטעלט אַ טראָן
אין דער זינלאָזיקייט פון מיין האַרץ...
און וואַרט...

...איך זאָל אומקומען!... — אַזאַ אויסזען האָט וועגוס — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש פאַרענדיקט ביענקאָווסקיס פערז, גייענדיק איבער דער אַלייע פון פּאַרק.

ער האָט זיך געחידושט אויף זיין שוועסטער: — זי האָט נישט אויסגעזען אויף אַזוי ווייט שיין, כדי צו קאָנען דער־וועקן אַזאַ ליבע ביי אַ יונגמאַן. מסתמא האָט זי עס דער־גרייכט דורך דער טאַקטיק פון ווידערשטאַנד. אויב אַזוי מוז מען אָנערקענען, אַז זי באַזיצט אַ שטאַרקע אויסגעהאַלטנקייט, ווייל ביענקאָווסקי, מוז מען מודה זיין, איז אַ שיינער...

ס'קאָן זיין, אַז ער, איפּאָליט, אַלס ברודער און אָנשטענ־דיקער מענטש, דאַרף מיט איר איבעררעדן וועגן דעם אמתן כאַראַקטער פון אירע באַציונגען צו דעמדאָזיקן בחורעץ, וואָס ברענט ממש פון ליידנשאַפט? אָבער, צו וואָס קאָן איצט ברענ־גען אַזאַ געשפרעך מיט איר? און חוצדעם איז ער דאָך נישט אויף אַזוי פיל אַ מומחא אין די ענינים פון אַמאָר און ווענוס, כדי זיך אַריינצומישן אין דערדאָזיקער מעשה... פונדעסטוועגן דאַרף מען אויפמערקזאַם מאַכן יעליזאַוועטען אויף דער עווענטו־עלע מעגלעכקייט, אַז דערדאָזיקער העזר זאָל אומקומען און מיט אים זאָל געשען אַ קאַטאַסטראָפע, אויב ער וועט מיט איר הילף נישט באַווייזן באַצייטנס צו פאַרלעשן אין אים דעם פלאַם פון זיינע ברויזנדיקע ליידנשאַפטן און וועט זיך נישט אויסלערנען נאָרמאַלער צו עמפינדן און געזונט צו דענקן.

...און וואָס וואָלט געווען, ווען דערדאָזיקער פאַקל פון ליידנשאַפט וואָלט געפלאַקערט פאַר וואַרענקעס הארץ!

שטעלנדיק זיך אַזאַ פראַגע, האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש פונדעסטוועגן נישט אָנגעהויבן צו זוכן פאַר איר אַ לעזונג און פאַרענטפערונג. ער האָט זיך נאָר פאַרטראַכט וועגן דעם, מיט וואָס וואַרענקע קאָן אין דערדאָזיקער רגע זיין פאַרנומען? ס'קאָן זיין, אַז זי פאַטשט גיקאָנען אָדער פירט איבערן צימער איר קראַנקן פאָטער אין פאָטעל. און שטעלנדיק זיך פאַר זי ביי אַזעלכע באַשעפטיקונגען, האָט ער זיך דערפילט באַליידיקט פאַר איר.

— ניין. — האָט ער ביי זיך באַשלאָסן — ס'איז זייער נייטיק צו עפענען די אויגן דעמדאָזיקן מיידל אויף דער ווירקלעכקייט און זי באַקענען מיט די גייסטיקע שטרעמונגען פון

דער געגנוואַרט. אַ שאָד, וואָס זי וווינט אַזוי ווייט פון דאַנען און מ׳קאָן זי נישט זען אָפט, כדי טאָג-איין, טאָג-אויס, צו דערשיטערן אַלץ, וואָס שטערט די ווירקונג פון לאָגיק אויף איר פאַרשטאַנד.

דער פּאַרק איז געווען פול מיט שטילקייט און אַ דופּטיקע מחיהדיקע קילקייט, פון הויז האָבן זיך געטראָגן מעלאָדישע קלאַנגען פון דער פידל און נערוועישע טענער פון ראָיאַל. איינע נאָך דער אַנדערער זענען אין פּאַרק געבוירן געוואָרן פראַזן פון זיסע תפילות, פון אַ צערטלעכן רוף, פון אַ שטורמישער באַגייסטערונג.

פונם הימל האָט זיך אויך געגאָסן אַ מוזיק — דאָרט האָבן געזונגען לערכעס. אַ צעשויבערטער און שוואַרצער, ווי אַ שטיק קויל, איז אויף אַ לינדן-צווייג געזעסן אַ שטאַר און פליקנדיק זיך לייכט די פעדערן אויף דער ברוסט, האָט ער פיל-באַדייטנדיק צוגעפּייפט, און געקוקט קרום אויפן מענטשן, וואָס גייט ארום אַזוי פאַרטראַכט פּאַמעלעך איבער דער אַלייע, פאַרוואַרפנדיק די הענט הינטערן רוקן און קוקנדיק עפּעס ווייט מיט שמייכלענדיקע אויגן.

אין אָוונט, בעתן טיי טרינקען, איז ביענקאָווסקי געווען מער צוריקגעהאַלטן און נישט ענלעך אויף א משוגענעם; יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ האָט אויך אויסגעזען צו זיין דורך עפּעס דערוואַרעמט.

דאָס באַמערקנדיק האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש זיך דערפילט, אַז איצט האָט ער שוין נישט וואָס מורא צו האָבן, אַז עס זאָלן ווידער אַנטשטיין אַבסטראַקטע געשפּרעכן און אַז ער וועט זיך שוין נישט דאַרפן אַזוי זשעניִרן.

— די דערציילסט גאָרנישט וועגן פּעטערבורג, איפּאָליט, — האָט יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ לייכט פאַרגעוואָרפן איר ברודער.

— וואָס קאָן מען וועגן דעם דערציילן? פּעטערבורג איז זייער א גרויסע און לעבעדיקע שטאָט... דאָס וועטער איז דאָרט אַ פייכטס און...

— און די מענטשן טרוקענע — האָט ביענקאָווסקי אים איבערגעשלאָגן.

— אָבער נישט אַלע. ס׳זענען פאַראַן פיל ווייך געוואָרענע, וואָס זענען באַדעקט מיט א שימל פון אוראַלטע שטימונגען: אומעטום זענען זיי פאַראַן. פאַרשידנאַרטיקע מענטשן!

— געלויבט דער אויבערשטער, וואָס ס׳איז אזוי! — האָט ביענקאָווסקי זיך אָפּגערופן.

— יאָ דאָס לעבן וואָלט געווען אומדערטרעגלעך לאַנגווייליק ווען ס׳וואָלט נישט געווען אַזוי! — האָט יעליזאַוועטע סצרגעיעווּנא באַגלייט. — און וואָס הערט זיך מיט די באַציונגען צום דאָרף מצד דער יוגנט? מען שפּילט נאָך ווייטער אויף בעסע וואָס שייך דער בייגונג צום דאָרף?

— יאָ, מ׳אַנטווישט זיך צו ביסלעך. מ׳האָט שוין נישט ליב דאָס דאָרף, ווי אַמאָל.

— דידאָזיקע דערשיינונג איז זייער א כאַראַקטעריסטישע פאַר דער אינטעליגענץ פון אונדזערע טעג — האָט לאַכנדיק, ביענקאָווסקי באַמערקט, ווען די מערהייט פון דער אינטעליגענץ איז געווען א דוואָריאַנישע, איז אַזעלכעס נישט געשען. אָבער איצט ווען יעדער זון פון א שפּעקולאַנט און ליכוויאַזש, פון א סוחר אָדער א רעגירונגס-באַאַמטן וועלכער האָט איבערגעלייענט צוויי דריי פּאָפּולערע ביכלעך, איז שוין א אינטעליגענט, — קאָן דאָס דאָרף נישט דערוועקן קיין אינטערעס ביי אַזאַ אינטעליגענץ. זי קען דען דאָס דאָרף? א דאָרף איז דאָך אין איר אויפפאַסונג עפּעס א מין זומערוווינונג... צי קאָן דען דאָס דאָרף פאַר זיי זיין אַנדערש, ווי אַן אָרט ווו מקאָן זומער גוט פאַרברענגען די צייט. בכלל זענען די איצטיקע אינטעליגענטן, לויטן מהות פון זייער נשמה, „לעטניקעס". זיי האָבן זיך באַוויזן, וועלן אָפּלעבן און פאַרשווונדן ווערן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אין לעבן פאַרשידענע פּאַפּירלעך, שטיקלעך, — די געוויינטלעכע שפּורן פון זייער אָנוועזנהייט, וועלכע די „לעטניקעס" לאָזן איבער אויף די פעלדער פון דאָרף. נאָך זיי וועלן קומען אַנדערע, וועלכע וועלן פאַרניכטן דאָס דאָזיקע מיסט און מיט דעם וועט אויך פאַרניכטעט ווערן דאָס געדעכטעניש וועגן דער ענגהאַרציקע, מאַבטלאָזע און שענדלעכע אינטעליגענץ פון די ניינציקסטע יאָרן.

— דידאָזיקע אַנדערע — זענען רעסטאַווירטע דוואָריאַנעס? — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש שטשורנדיק די אויגן, געפרעגט.

— איר האָט מיך, דאַכט זיך, פאַרשטאַנען... אין זין, וואָס איז זייער נישט אנגענעם און נישט שמייכלענדיק פאר אייך, אַנטשולדיקט! — האָט זיך ביענקאָווסקי אָנגעצונדן.

— כ'האָב נאָר געפרעגט, ווער זענען דאָס די קינפטיקע וואָס דאַרפן פאַרניכטן און אַזוי ווייטער, — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס.

— זיי זענען דאָס יונגע דאָרף. דער דור, וואָס איז אויסגעוואַקסען נאָך דער רעפאָרם, מענטשן, שוין איצט מיט א ענטוויקלט געפיל פון מענטשלעכער ווירדע, וואָס לעכצן נאָך וויסן, פאַרשנדיקע און שטאַרקע, וואָס זענען גרייט זיך צו געבן צודערקענען און צולאָזן הערען וועגן זיך.

— איך באַגריס זיי פאָרויס, — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש גלייכגילטיק געלאָזט פאַלן.

— יאָ, מ'מוז מודה זיין, אַז דאָס דאָרף הייבט אָן צו ברענגען אויף דער וועלט עפּעס נייס. — חאָט מיט א טאָן פון א רודף-שלומניצע, יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ זיך אַריינגעמישט, — כ'קען דאָ אין דאָרף, זייער אינטערעסאַנטע קינדער — איוואַן און גדיגאָרי שאַכאָוו, וועלכע האָבן איבערגעלייענט כמעט אַ העלפט פון מיין ביבליאָטעק, און אַקים מאָזיריצוו, אַ מענטש „וואָס פארשטייט אַלץ”, ווי ער אַליין זאָגט. ער האָט טאַקע באמת גלענצנדיקע פעיִקייטן. כ'האָב אים קאָנטראָלירט — אים געגעבן א בוך פון פיזיק — לייען איבער און דערקלער דאָס געזעץ פון העבל, אויפצוהייבן משאות און גלייכגעוויכט, האָט ער אין אַ וואָך ארום מיט אַזאַ עפעקט באַלייגט פאַר מיר אַן עקזאַמען, אַז איך בין ממש געוואָרן איבעראַשט! און ענטפערנדיק אויף מיינע לויב-ווערטער, זאָגט ער נאָך: וואָס איז מיט אייך פאַ־אַ חידושן זיך! איר פאַרשטייט אינם דאָזיקן בוך, הייסט עס, אַז איך קאָן אויך משיג זיין דידאָזיקע תורה — ביכלעך ווערן פאַרפאַסט פאַר אלעמען און מוזן זיין פאַר יעדן צוגענגלעך; וואָס

זאָגט איר אויף אים? און אָט זעט איר... זייער אַרט אויפפּאַסן דעם ענין לויט זייער ווירדע האָט זיך עס דערוויייל אַנטוויקלט ביי זיי ביז עזות אונגראָבקייטן. דידאָזיקע ניי געבוירענע אייגנשאַפטן ווענדן זיי אָן אפילו אויך בנוגע מיר, נאָר איך טאָלעריר עס און קלאָג זיי נישט אָן פאַרן זעמסקי נאַטשאַלניק, פאַרשטייענדיק, אַז אויף דעמדאָזיקן באָדן קאָנען זיך פאַנאַנדערבליען אַזעלכע פּייערדיקע בלומען... און ווער ווייסט, כ'קאָן זיך נאָך אפשר אין אַ שיינעם פרימאָרגן אויפכאַפּן בלויז אויפן אש פון מיין פאָלווארק...

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט אַ שמייכל געטון ביענקאָווסקי האָט אַ קוק געטון אויף דערדאָזיקער פרוי מיט אַן אומעטיקן בליק.

באַרירנדיק איבערפלעכלעך די טעמעס און נישט באַזונדער שטאַרק די אייגנליבע פון זיי ביידע, האָבן זיי געפירט דעם געשפּרעך ביז ניין אַ זייגער אין אָוונט. דאַן איז יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ ווידער אַוועקגעגאַנגען שפּילן מיט ביענקאָווסקין, און איפּאָליט האָט זיך מיט זיי געזעגנט און איז אַוועק צו זיך אין צימער, באַמערקנדיק, אַז זיין קינפּטיקער שוואָגער האָט אפילו נישט געמאַכט די מינדסטע אָנשטרענגונג צו פאַרבאָרגן די צופרידנקייט, וועלכע ער האָט געפילט, באַגלייטנדיק דעם ברודער פון זיין געליבטער.

... דו וועסט זיך דערוויסן וועגן דעם, וואָס דו ווילסט וויסן און פונקט ווי אַלס באַלויגונג פאַר ווען וויסן באַווייזט זיך די לאַנגוויייליקייט.

אַזוי בעמלעך האָט זיך געשפּירט איפּאָליט סערגעיעוויטש, בעת ער האָט זיך אַנידערגעזעצט פאַרן טיש אין זיין צימער, כדי אָנצושרייבן עטלעכע בריוו זיינע באַקאַנטע.

ער האָט פאַרשטאַנען די מאָטיוון פון די אייגנאַרטיקע באַציונגען פון זיין שוועסטער צו ביענקאָווסקין, ער האָט פאַרשטאַנען זיין ראָל אינם דאָזיקן שפּיל. דאָס אַלץ איז געווען נישט גוט, נאָר גלייכצייטיק איז דאָס אַלץ געווען פאַר אים פרעמד און זיין נשמה איז נישט געווען עמפּערט פון דער פאַראַדיע

וואָס האָט זיך פאַר אים אָפּגעשפּילט, הגם מיטן שכל-הישר האָט ער זיין שוועסטער פאַראורטיילט.

אַ קלאַפּ טועדיק מעלאַנכאָליש מיטן האַלטער פון פעדער אין טיש, האָט ער קלענער געמאַכט דאָס פייער אין לאָמפּ און ווען דאָס צימער איז איינגעזונקן געוואָרן אין אַ האַלב-פינצטערניש, האָט ער גענומען קוקן דורכן פענצטער.

אין פּאַרק האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. ס'האָט געשיינט די לבנה און דורך די ערבן פון פענצטער האָט זי אויסזען גרינגלעך.

פאַר די פענצטער האָט אַ שימער געטון עפּעס אַ שאָטן און איז פאַרשוואונדן געוואַ־ן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ שטילן קלאנג פון אַ שאָרך פון צווייען, וועלכע האָבן אַ ציטער געטון פונם אָנרירן זיך צי זיי פונם ראָזיקן שאָטן.

צוגייענדיק צום פענצטער, האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש עס געעפנט און האָט אַ קוק געטון, — פון יענע זייט ביימער האָט אַ שימער געטון דאָס ווייסע קלייד פונם שטובמיידל מאַשע.

— וואָס-זשע? — האָט ער אַ טראַכט געטון, שמייכלענדיק,— זאָל כאָטש דאָס שטוב-מיידל זיין פאַרליבט, אויב די פּריצטע שפּילט נאָר אין ליבע.

פאַמעלעך זענען פאַרשוואונדן געוואָרן די טעג — די טראָפּן צייט אינם גרענעצלאָזן אָקעאַן פון דער אייביקייט. קיין איינדרוקן איז כמעט נישט געווען ווייל דער גלאַנץ פון דער זון, די נאַרקאָטישע אַראָמאַטן פונם פּאַרק און די פאַרטרוימטע לבנה-נעכט - דאָס אַלץ האָט אויפגעוועקט אין דער נשמה אַ טרוימערישע פוילקייט.

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט זיך „געלאָזט וויל גיין”, און מיט הנאה געפירט אַ לעבן פון אַ מענטשן, וואָס טראַכט קנאַפּ וועגן אַנדערע זאַכן אַ חוץ גוט עסן, גוט זיך אויסשלאָפן א. א. וו. זיין באַשלוס זיך נעמען צו דער אַרבעט האָט ער אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג.

צייטנווייז פלעגט אים אַזאַ אַרט לעבן דערעסן און אים פלעגט ווערן לאַנגווייליק, ער פלעגט זיך דאַן פאַרוואַרפן, פאַר־וואָס ער טוט גאָרנישט, גייט אַרום פוסט־און־פּאַס, ער פלעגט זיך אויך פאַרוואַרפן אין מאַנגל פון ווילן. נאָר דאָס אַלץ האָט נישט דערוועקט ביי אים קיין באַגער צו אַרבעטן און ער פלעגט זיך דערקלערן זיין פוילקייט דערמיט, וואָס זיין אָרגאַניזם שטרעבט אָנצוזאַמלען אין זיך ענערגיע.

יעדן פרימאָרגן, אויפכאַפּנדיק זיך פון געזונטן שטאַרקן שלאָף, פלעגט ער, אויסציענדיק זיך מיט הנאה, באַטראַכטן, ווי עלאַסטיש עס ווערן זיינע מוסקולן, און אויך די הויט פון זיין לייב און ווי פריי און טיף עס אָטעמען זיינע לונגען.

די פאַרדריסלעכע געוווינהייט צו פילאָזאָפירן, וועלכע זיין שוועסטער פלעגט זייער אָפט אַרויסווייזן, פלעגט תחילת אים רייצן, נאָר ביסלעכווייז האָט ער שלום געמאַכט מיטן דאָזיקן חסרון פון זיין שוועסטער און האָט געקאָנט אַזוי געשיקט און נישט באַליידיקנדיק איר, דערווייזן די נוצלאָזיקייט פון פילאָזאָ־פיע, אַז זי איז געוואָרן איינגעהאַלטענער און פלעגט אויסמיידן פילאָזאָפירן.

איר שטרעבונג וועגן אַלץ זיך צו חקרנען און אַמפּערן פלעגט אויף אים מאַכן נישט קיין אָנגענעמען איינדרוק: — ער האָט געזען, אַז זיין שוועסטער לאָזט זיך אריין אין וכוחים אין חקירות נישט צוליב דער נאַטורלעכער נטיה זיך אויפצו־קלערן איר באַציונג צום לעבן, נאָר צוליב דעם בכוונדיקן און פאַראויסגעזעענעם פאַרלאַנג חרוב צו מאַכן און איבערצוקערן אַלץ, וואָס האָט, אַזוי אָדער אַנדערש געקאָנט שטערן די קאַל־טע רויקייט פון איר נשמה...

זי האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ סכעמע פון פּראַקטיק, און טעאָריעס האָבן זי נאָר אויף אַזוי פיל אינטערעסירט, אויף וויפיל זיי האָבן געקאָנט אָפּווישן איר טרוקענע, סקעפּטישע און אפילו איראָנישע באַציונגען צו מענטשן און צום לעבן.

פאַרשטייענדיק דאָס אַלץ, האָט איפּאַליט סערגעיעוויטש פונדעסטוועגן נישט געפילט אין זיך דעם מינדסטן ווילן פאַרצו־

ווארפן און אויסצומוסרן זיין שוועסטער; ער האָט זי, מיטן שכל, פאַראורטיילט נאָר אים האָט געפעלט עפּעס אַזעלכעס, וועלכעס וואָלט אים דערלויבט אַרויסצוזאָגן אָפן זיין משפט איבער איר, ווייל זיין האַרץ איז אייגנטלעך געווען נישט היי־סער פון זיין שוועסטערס האַרץ.

אַזוי פלעגט איפּאָליט סערגעיעוויטש, נאָך יעדן ביענקאָוו־סקיס וויזיט, זיך געבן אַ וואָרט איבערצוריידן מיט דער שוועס־טער מכּוח אירע באַציונגען צו דעמדאָזיקן יונגנמאַן, און האָט זיין וואָרט נישט געהאַלטן, אָפּזאָגנדיק זיך, אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, זיך אַריינצומישן אינעם דאָזיקן ענין.

מ׳ווייסט דאָך נישט, ווער פון זיי ביידע וועט זיין דער געליטענער צד, ווען דער געזונטער שכל וועט אויפוואַכן אינעם דאָזיקן התלהבותדיקן הער.

און דאָס מוז געשען, ווייל דער יונגערמאַן פלאַקערט צו פיל, און מוז אויסגעלאָשן ווערן.

די שוועסטער ווידער געדענקט גאַנץ גוט, אַז ער איז יונגער פאַר איר. ווען איר איז נישטאָ וואָס זיך צו זאָרגן. און אויב זי וועט באַשטראָפט ווערן — טאָ וואָס־זשע איז? אַזוי וואָלט געדאַרפט זיין, אויב דאָס לעבן איז יושרדיק...

וואַרעניקע פלעגט אָפט קומען צו פאָרן. זיי פלעגן זיך שיפן איבערן טייך זאַלבעצווייט אָדער זאַלבעדריט, מיט דער שוועסטער, אָבער קיינמאָל נישט מיט ביענקאָווסקין.

דאָס מיידל איז אים געפעלן, ווי פריער און ווי פר׳ער, פלעגט זי אים אויפרעגן מיט אירע ווילדע רייד. מיט איר איז אָבער תמיד געווען אָנגענעם.

איר תמימות פלעגט אים אויסקומען לעכערלעך און איינ־האַלטן אין אים דעם מאַנספאַרשוין; די גאַנצקייט פון איר נאַ־טור פלעגט ביי אים אַרויסרופן אַ באַוווּנדערונג; נאָר די פרי־מיטיווע גראָדליניקייט, מיט וועלכע זי פלעגט פון זיך אָפּשטויסן אַלץ, מיט וואָס ער האָט געוואָלט צעטרייסלען די רויקייט פון איר נשמה, האָט באַליידיקט זיין אַמביציע.

און אַלץ עפטער האָט ער זיך געפרעגט:

— צי האָב איך דען נישט אויף אַזוי פיל ענערגיע, וויפיל מ'דאַרף, כדי אַרויסצושלאָגן פון איר קאָפּ די אַלע פאַרבלענדע־נישן און נאַרישקייטן?

נישט זעענדיק זי, האָט ער געפילט אַ נויטווענדיקייט צו באַפרייען איר געדאַנק פון די עקלהאַפטע פענטעס, אָט די דאָזיקע נויטווענדיקייט דערהייבן צו דער מדרגה פון אַ פליכ־, נאָר ווארענקע איז געקומען — און ער האָט דעמאָלט, מ'קאָן נישט זאָגן אַז ער זאָל האָבן פאַרגעסן וועגן זיין באַשלוס, נאָר ער האָט דעמדאָזיקן באַשלוס קיינמאָל נישט געשטעלט אויפן ערשטן אָרט אין זיינע באַציונגען צו איר.

צייטנווייז פלעגט ער באַמערקן, אַז ער, הערט זיך צו צו אירע רייד אַזוי, פונקט, ווי ער וואָלט געוואָלט ביי איר זיך עפּעס אויסלערנען און האָט אָנערקענט, אַז אין איר איז פאַראַן עפּעס אַזעלכעס, וואָס זשענירט די פרייהייט פון זיין פאַרשטאַנד.

ס'פלעגט זיך טרעפן, אַז, האָבנדיק שוין וואָס איר צו ענט־פערן אויף דער אָדער יענער פראַגע אָדער באַמערקונג אירע, צו ענטפערן אַזעלכעס, וואָס, באַטייבנדיק זי מיט זיין קלאָר־קייט און קראַפט, וואָלט ער זי איבערצייגט און דער דייטלעכקייט פון אירע טעותים — פלעגט ער דאָך באַהאַלטן דעמדאָזיקן ענט־פער אין זיך, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אים אַרויסצוזאָגן.

כאַפנדיק זיך אויף דעמדאָזיקן געדאַנק, האָט ער זיך גע־טראַכט:

— צי קאָן עס געמאָלט זיין, אַז דאָס נעמט זיך דערפון וואָס איך בין נישט גענוג זיכער אין מיין אמת?

און ער פלעגט זיך, נאַטירלעך, איינריידן און זיך איבער־צייגן, אַז עס איז פונקט קאַפויר, אַז ער איז מער ווי זיכער אין זיין אמת און גלייבט אין דעם מער ווי ס'איז נייטיק.

אים איז שווער געווען מיט איר צו ריידן אויף צוליב דעם, וואָס זי האָט נישט געקאָנט אפילו דעם אלף־בית פון די אַלגעמיין אָנגענומענע אָנשויונגען.

מ'האָט געמוזט מיט איר אָנהייבן פון די יסודות, פונ אלף אָן און אירע עקשנותדיקע פראַגן: פאַרוואָס? צוואָ

פֿלעגן אים שטענדיק פֿאַרפֿירן אין די הרי־חושך פֿון אַבסטראַק־ציעס, וווּ זי האָט שוין לחלוטין גאָרנישט פֿאַרשטאַנען.

אַמאָל, אויסגעמאַטערט פֿון זײַנע סתּירות, האָט זי אים אויסגעלייגט איר פֿילאָזאָפֿיע אין אַזעלכע ווערטער:

— גאָט האָט מיך באַשאַפֿן, ווי אַלע, בדמותו־ובצלמו... — הייסט עס, אַז אַלץ, וואָס איך טו, טו איך לויט ז י י ן ווילן און לעב — ווי ע ר באַדאַרף עס... ע ר ווייסט דאָך, ווי אַזוי איך לעב? נו, דאָס איז אַלץ, און איר טשעפּעט זיך צו מיר בחינם!

אַלץ אָפֿטער און אָפֿטער האָט זי אין אים גערייצט דאָס ברענענדיק געפֿיל פֿון אַ זכר. נאָר ער האָט זיך גענומען אין דער האַנט אַריין, און מיט שנעלע אָנשווינגען, וועלכע האָבן פֿון אים געפֿאָדערט אַלץ מער און מער באַוווּסטזיין, האָט ער געלאָשן אין זיך דידאָזיקע אויפֿברויזונג פֿון תּאווה, ער פֿלעגט זיך אַפֿילו באַמיען זיי צו פֿאַרבאָרגן פֿון זיך, און ווען ער האָט גישט געקאָנט די זאַך באַהאַלטן, פֿלעגט ער צו זיך זאָגן, פֿאַר־שולדיקט שמייכלענדיק:

וואָס־זשע? דאָס איז דאָך נאַטירלעך... ביי איר שיינ־קייט... און איך בין אַ מאַנצביל און מיין אָרגאַניזם ווערט מיט יעדן טאָג שטאַרקער אונטערן איינפֿלוס פֿון דערדאָזיקער זון און לופֿט... דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך, נאָר איר אויסטערלישקייט נאַראַנטירן פֿולשטענדיק נישט איינצוליבן זיך אין איר...

דער פֿאַרשטאַנד ווערט אויסגעווייניטלעך טעטיק און בייג־זאַם, ווען דאָס געפֿיל פֿונם מענטשן דאַרף האָבן אַ מאַסקע, כּדי צו באַדעקן מיט איר דעם גראָבן אמת פֿון זײַנע קשיות.

יעדער אמת און אויפֿריכטיק געפֿיל, ווי יעדע קראַפֿט, — ווען דאָס לעבן האָט עס צעבראָכן אָדער עס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן פֿון צופֿיל אָנשטרענגונגען איינצוהאַלטן זײַנע אויפֿברוי־זונגען דורכן צוים פֿון פֿאַרשטאַנד — ווערט אָן, לויט זיין מהות די עכטקייט און אויפֿריכטיקייט און ווערט באָר מגושמדיק. און דאָך, בייטיקנדיק זיך צו פֿאַרבאָרגן זיין שוואַכקייט און גראָבקייט,

װענדט זיך עס נאָך הילף צו דער גרױסער פעיקײט פון שכל צוצוגעבן דעם ליגן אַ צורה פון אמת.

דידאַקטישע פעיקײט איז בײ איפּאָליט סערגעיעװיטש געװען גוט אַנטװיקלט און דורך איר הילף האָט זיך אים גוט אײַנגעגעבן צוצופּאַסן זײַן נטיה און סימפּאַטיע צו װאַרענקעס אַ כאַראַקטער לױטן אינטערעס צו איר, װאָס איז כּלומרשט רײן פון יעדן אימפּולס... מיט אַנדערע װערטער, אַז מיט זײַן פּאַראיגנטערעסירונג מיט איר איז ער גאָרנישט אױסן און איז חלילה אין איר נישט פאַרליבט.

ער װאָלט נישט געהאַט קײן כּוחות זי ליב צו האָבן. ער האָט עס געװוּסט, נאָר אין דער טיפקײט פון זײַן מוח פלעגט זיך אָנצינדן אַ האָפענונג זי צו האָבן; בסוד פון זיך גופא האָט ער געװאַרט, אַז זי װעט זיך אין אים פאַרליבן.

און חקרנדיק מיט זיך גופא װעגן אַלץ, װאָס עס האָט אים נישט דערנידעריקט אין זײַנע אײגענע אױגן, האָט ער קונציק פאַרבאָרגן אין זיך אַלץ, װאָס ס'האָט געקאָנט בײַ אים אַרױסרופן אַ ספק אין זײַן אָנשטענדיקײט.

אַמאָל בעתן אָװנט-טײ האָט אים די שװעסטער דערקלערט:

— דו װײסט, מאָרגן איז װאַרענקעס געבורטס-טאָג. מ'דאַרף צו פאָרן צו זײ. ס'װילט זיך מיר דורכפאָרן... פאַר די פערד װעט עס אױך זײַן נוצלעך.

— פאָר... און גראַטולירן זי אין מײַן נאָמען, — האָט ער געזאָגט, פילנדיק, אַז ער האָט אױך חשק אַהין צו פאָרן.

— און דו װילסט נישט פאָרן? — האָט זי געפרעגט, קוקנדיק אױף אים מיט נײַגעריקײט.

— איך? כ'װײס אַלײן נישט, צו כ'װיל... דאַכט זיך, אַז ס'װילט זיך מיר נישט. כ'קאָן אױך נישט פאָרן.

— ביסט נישט מחויב צו פאָרן: — האָט יעליזאַװעטע סערגעיעװנאַ דערקלערט און אַראָפּגעלאָזט די אױגן-לעפּעלעך, פאַרבאָרגנדיק דעם שמײכל, װאָס האָט געגלאַנצט אין אירע אױגן.

— איך װײס — האָט ער נישט צופרידן זיך אָפּגערופן.

ס׳איז איינגעטרעטן אַ לאַנגע פּאַוזע, בעת וועלכער איפּאַ־ליט סערגעיעוויטש האָט זיך געמאַכט אַ שטרענגע באַמערקונג דערפאַר, וואָס ער פירט זיך אַזוי אויף בנוגע דעמדאָזיקן מיידל פּונקט ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז זיין זעלבסטבאַהערשונג וועט נישט ביישטיין איר צויבער.

— זי האָט מיר געזאָגט, דידאָזיקע וואַרענקע, אַז די סביבה וווּ זייער גוט ליגט, איז זייער אַ שיינע, — האָט ער געזאָגט און איז רויט געוואָרן, ווייסנדיק אַז די שוועסטער האָט אים פאַרשטאַנען.

נאָר זי האָט זיך געמאַכט נישט פאַרשטיין און אים אָנגעהויבן איינצורייַדן ער זאָל מיטפאָרן.

— פאָר מיט, כ׳בעט דיך! וועסט זען, ביי זיי איז טאַקע באמת זייער גוט, און מיר וועט זיין פיל באַקוועמער מיט דיר דאָרט צו פאַרברענגען. מיר פאָרן אַהין נישט אויף לאַנג, גוט?

ער איז אויף דעם איינגעגאַנגען, נאָר די שטימונג איז ביי אים קאַליע געוואָרן.

— צוואָס האָב איך עס געדאַרפט זאָגן אַ ליגן? וואָס פאַר אַ שאַנד, אָדער אומנאַטירלעכקייט איז אין דעם, וואָס איך וועל נאָך אַ מאָל זען אַ שיין מיידל? האָט ער מיט פאַרדרוס זיך אַליין געפרעגט:

און אויף דערדאָזיקער פראַגע האָט ער זיך נישט געענטפערט.

צומאָרגנס האָבן זיי זיך אויפגעכאַפּט פרי, אין די ערשטע קלאַנגען פון טאָג, וואָס זיין געהער האָט אויפגעכאַפּט זענען געווען די שוועסטערס ווערטער:

— ...איפּאָליט וועט זיך חידושן!

דידאָזיקע ווערטער האָט באַגלייט אַ הילכיק געלעכטער — אַזוי לאַכן האָט געקאָנט נאָר וואַרענקע.

אויפהייבנדיק זיך פון געלעגער, האָט איפּאָליט סערגעיע־וויטש אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס ליילעך און געהערט, שמייכלענדיק.

דאָס, וואָס ס׳האָט זיך מיטאַמאָל אַריינגעריסן אין אים און

אָנגעפילט זיין נשמה, האָט מען קוים געקאָנט אָנרופן פרייד. גיכער איז דאָס געווען אַ פאַרגעפיל פון אַ נאָענטער פרייד, וואָס האָט ליבלעך געקיצלט די נערוון.

און אַ שפרינג אויף טוענדיק פון געלעגער, האָט ער זיך אָנגעהויבן אָנצוטון מיט אַ האַסטיקייט, וועלכע האָט אים אַמוזירט און גלייכצייטיק פאַרשעמט.

— וואָס איז דאָרט אזוינס געשען? — האָט ער זיך געטראַכט. צי איז דאָס מעגלעך, אַז זי זאָל אין איר געבורטס-טאָג קומען צו פאָרן כדי איינצולאַדן זיין שוועסטער און אים? אַ ווויל מיידל, כ'לעבן!

ווען ער איז אַריינגעקומען אין עס-צימער, האָט וואַרענקע קאָמיש-פאַרשעמט... דיקט אַראָפגעלאָזט פאַר אים די אויגן און, נישט נעמענדיק זיין אויסגעשטרעקטע האַנט, האָט זי מיט אַ נישט דרייסטער שטים אָנגעהויבן:

— כ'האָב מורא, אַז איר...

— שטעל זיך פאָר, — האָט יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ אויסגעשריען — זי איז אַנטלאָפן פון דער היים!

— דאָס הייסט ווי אַזוי? —האָט ער געפרעגט די שוועסטער.

— אין דער שטיל, — האָט וואַרענקע דערקלערט.

— כאַ, כאַ כאַ! — האָט יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ געלאַכט.

— נאָר... צוואָס-זשע? — האָט איפּאָליט געוואָלט וויסן די סיבה.

— פון די חתנים... — האָט זיך דאָס מיידל מודה געווען און זיך שטאַרק צעלאַכט. — איר שטעלט זיך פאָר, וואָס פאַר אַ פּנימער זיי וועלן האָבן, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז איך האָב געמאַכט אַ ויברח! די מומע לוטשיצקאַיאַ — איר ווילט זיך שרעקלעך מיך פאַרשלייערן! — האָט זיי פאַנאַנדערגעשיקט פייערלעכע איינלאַדונגען, האָט אָנגעקאָכט און אָנגעבאַקן פאַר זיי אזויפיל, פונקט ווי מיך וואָלטן געדאַרפט קומען אָנקוקן הונדערט חתנים! און איך האָב איר אין דעם מיטגעהאָלפן... און היינט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און רייטנדיק — מאַרש צו אייך! כ'האָב זיי איבערגעלאָזט אַ צעטעלע, אַז איך בין אַוועק

געפאָרן צו די שטערבאַקאָוועס... פאַרשטייט איר? גאָר אין אַן אַנדער זייט, אויף דריי און צוואַנציק וויאָרסט!

ער האָט אויף איר געקוקט און געלאַכט מיט אַ געלעכטער, פון וועלכן ס'איז ביי אים אין ברוסט געבוירן געוואָרן עפּעס אַ לאַשטשענדיקע וואַרעמקייט.

זי איז ווידער געווען אָנגעטון איגם ווייסן ברייטן קלייד, וואָס די פאַלדן פון דעם זענען אין צאַרטע שטראָמען געפאַלן פון די פלייצעס ביז די פיס, אַרומהילנדיק איר גוף, ווי מיט אַ נעפּל. אַ לויטער געלעכטער האָט געצאַטערט אין אירע אויגן און אויפן פּנים האָט געשפּילט אַ פאַרב פון הייטערקייט.

— אייך געפעלט עס נישט? — האָט זי אים געפרעגט.

— וואָס? — האָט ער קורץ געפרעגט?

— וואָס האָב איך אַזעלכעס אָפּגעטון? דאָס איז דאָך נישט העפלעך, כ'באַרשטיי, — האָט זי ווערנדיק ערנסט געזאָגט און באַלד זיך ווידער צעלאַכט...

— כ'שטעל זיך פאָר די יונגע-לייט! אויסגעפּוצטע, פּאַרפומירטע... זיי וועלן זיך נאָך אָנשיכורן פון פאַרביטערונג געדענק מיינע רייד. גאָט מיינער, וואָס וועט פאָרט פאָרקומען!

— פיל זענען זיי דאָרט? — האָט איפּאָליט געפרעגט.

— פיר...

— די טיי איז אָנגעגאָסן! — האָט יעליזאַוועטע סערגעיעווגאַ מיטגעטיילט.

— די זאַך וועט דיך טייער קאָסטן, וואַריע... באַדענקסטו זיך כאָטש, וואָס דו האָסט אָפּגעטון?

— ניין... כ'האָב נישט קיין חשק אין דעם אַריינצוקלערן! — האָט זי אַנטשידן געענטפערט, זעצנדיק זיך צום טיש. — דאָס וועל איך טון, ווען איך וועל מיך אומקערן צו זיי... דאָס הייסט, אין אָוונט. ווייל כ'וועל ביי אייך פאַרברענגען דעם גאַנצן טאָג. צוואָס זאָל איך טראַכטן פון אינדערפרי אָן, וועגן דעם, וואָס עס וועט זיין ערשט אין אָוונט? און ווער און וואָס קאָן מיר עפּעס טון? דער פאָטער? ער וואָרטשעט, נאָר פון אים קאָן מען אנטלויפן און אים נישט הערן... די מומע — זי

האָט מיך ליב אָן א שיעור און אָן א ברעג! זיי אפשר די חתנים מיין איך? טאָ קאָן איך דאָך, ווען איך וויל, זיי צווינגען זיך אַרומצודרייען אַרום מיר אויף אַלע פיר, כאַ—כאַ—כאַ, אָט דאָס וואָלט געווען אַזוי קאָמיש! כ'וועל פּרובירן, טשערנאַניעביאָוו קאָן נישט קריכן אויף אַלע פיר, מחמת ער האָט א דיקן בויך!

— וואַריע! דו ביסט משוגע! — האָט יעליזאַוועטע סערגעיעווגאַ געפּרוווט זי אָפּשטעלן.

— נו גענוג, — האָט דאָס מיידל צוגעזאָגט, לאַכנדיק אַלץ. נאָר זי האָט נישט אַזוי גיך אויפגעהערט צו לאַכן און צו שטיפן, שילדערנדיק אַלץ אירע חתנים און מיטרייסנדיק דורך דער אויפריכטיקייט פון איר לוסטיקייט דעם ברודער און די שוועסטער.

די גאַנצע צייט וואָס זיי האָבן געטרונקען טיי, האָט כסדר געקלונגען א געלעכטער.

יעליזאַוועטע סערגעיעווגאַ האָט געלאַכט מיט אַ שאַטירונג פון נאַכזיכטיקייט צו וואַריען; איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט געפּרוווט זיך איינהאַלטן, נאָר ער האָט נישט געקאָנט און אויך געלאַכט.

נאָכן טיי האָט מען זיך אָנגעהויבן צו באַראַטן, וויאַזוי צו פאַרברענגען דעמדאָזיקן טאָג, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי פריילעך?

וואַרענקע האָט פאָרגעלייגט צו מאַכן א לוסט-רייזע אויף א שופל אין וואַלד אַריין און דאָרט טרינקען טיי, און איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט באַלד מיט דעם מסכים געווען. נאָר זיין שוועסטער האָט געמאַכט א פאַרזאָרגט פּנים און דערקלערט:

— איך קאָן זיך נישט באַטייליקן אין דעם — כ'בוז הייגט פאָרן קיין אַנינאַ און קאָן די רייזע נישט אָפּלייגן. כ'האָב גע־רעכנט פאָרן צו דיר, וואַריע, און אויף דעם זעלבן וועג, אַריינ־פאָרן אַהין... נאָר איצט איז שוין נייטיק אַהין פאָרן ספּעציעל...

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט פאַרדעכטיק אויף איר א קוק געטון, — אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס האָט זי נאָר וואָס אויסגעטראַכט, כדי איבערצולאָזן וואַריען אַליין מיט אים. נאָר

אויף איר פנים איז געווען אַן אויסדרוק בלויז פון אומצופרידנ-קייט און זאָרג.

— אַזוי? נאָר מיר וועלן ביידע פינדעסטוועגן פאָרן, יאָ. היינט וועלן מיר מאַכן אַ ווייטן שפּאַציר. נאָר אָט וואָס — גרי-גאָריע און מאַשע קאָנען מיט אונדז מיטפאָרן?

— גריגאָרי, געוויס! אָבער מאַשע... ווער-זשע וועט דער-לאַנגען צום טיש?

— ווער וועט דען היינט ביי דיר עסן מיטאָג? דו וועסט פאָרן צו די ביענקאָווסקיס און מיר וועלן ביז אָוונט נישט צו-ריקקומען.

— גוט, נעם מאַשען אויך מיט.

וואַרענקע איז ערגעץ ווו אַוועקגעלאָפן.

איפּאָליט סערגעיעוויטש איז פאַרייכערנדיק אַ פּאַפּיראָס, אַרויס אויף דער וועראַנדע, האָט אָנגעהויבן ארומשפּאַצירן הין און צו-ריק.

אים האָט שטאַרק געשמייכלט דערדאָזיקער שפּאַציר, נאָר גריגאָרי און מאַשע זענען, דאַכט זיך, דאָ געווען איבעריק. זיי וועלן אים זשענירן, — אין דעם איז קיין ספק נישט. אין זיי-ער אנוועזנהייט איז אוממעגלעך צו ריידן.

ס׳איז נישט אַריבער קיין האַלבע שעה, ווי איפּאָליט סער-געיעוויטש און וואַרענקע זענען שוין געשטאַנען ביים שיפל און האָבן געקוקט ווי גריגאָרי האָט זיך אַרום דעם געפּאָרעט אַ רוי-טער און בלאָ-אויגיקער בחור מיט זומערשפּרענקעלעך אויפן פּנים און מיט א אָדלער-נאָז.

מאַשע האָט, אַריינלייגנדיק אין שיפל דעם סאַמאָוואַר און פאַרשידענע פּעקלעך, צו אים געזאָגט:

— מאַך עס, רויטער, גיכער, דו זעסט דאָך, אַז די הער-שאַפט וואַרט.

— באַלד וועט זיין פאַרטיק, — האָט מיט א הויכער טענאָר-שטים דער בחור געענטפערט, פאַרפעסטיקנדיק די רינגען פאַר די רודערס און צווינקנדיק מאַשען.

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט דאָס געזען און זיך אָנגעשטויסן ווער עס דרייט זיך ארום ביינאַכט פאַר זיינע פענצטער.

— איר ווייסט, — האָט וואַריע געזאָגט, ווען זי איז שוין געזעסן אין שיפל, מיט א בייג פונם קאָפּ אָנווייזנדיק אויף גריגאָריען, — ער האָט דאָ ביי אונדז אַ שם פון א געלערנטן... א קענער פון געזעצן.

— גייט שוין, — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש א לאַך געטון, ווייזנדיק פעסטע ציין — א קענער פון געזעצן!

— גאַנץ ערנסט, איפּאָליט סערגעיעוויטש, — ער קען אַלע רוסישע געזעצן.

— טאַקע אמת, גריגאָרי? — האָט זיך איפּאָליט סערגעיעוויטש פאַראינטערעסירט.

— זיי מאַכן שפּאַס... ווי קום איך צו דעם? אַלע געזעצן, וואַרוואַרע וואַסילעוונאַ, קאָן קיינער נישט.

— און יענער ווער ס'האָט זיי אָנגעשריבן?

— דער הער ספּעראַנסקי? זיי זענען שוין לאַנג, לאַנג געשטאָרבן.

— וואָס־זשע לייענט איר? — האָט אים איפּאָליט סערגעיעוויטש געפרעגט, זיך צוקוקנדיק צום אָדלער־נאָז פונם בחור, וועלכער האָט לייכט געוואָרפן די רודערס אין וואַסער.

— די געזעצן, ווי זיי האָבן זיך אויסגעדרוקט, — האָט גריגאָרי מיט קלוגע אויגן אָנגעוויזן אויף וואַריען. זיי זענען מיר צעפלויגן אַריינגעפאַלן אין די הענט. דער צענטער באַנד... כ'האָב א קוק געטון — זע איך אַז עס איז אינטערעסאַנט און וויכטיק. כ'האָב אָנגעהויבן לייענען און איצט האָב איך דעם ערשטן באַנד. דאָס ערשטע אַרטיקל זאָגט אזוי: „קיינער, זאָגט ער קאָן זיך נישט פאַרענטפערן דערמיט, וואָס ער קען נישט די געזעצן". נו און איך מיין, אַז קיינער קאָן זיי נישט און קענען זיי... דאַרף מען גישט אַלע... אָט וועט נאָך איניגיכן דער לערער מיר געבן די געזעצן וועגן פויערים: — זייער אינטערעסאַנט צו לעזן—וואָס איז דאָס אזעלכעס?

- איר זעט, ס׳אַראַ בחור דאָס איז? וואָס זאָגט איר אויף אים! — האָט וואַרענקע געפרעגט.

— איר לייענט א סך? — האָט זיך איפּאָליט ביי אים דערקונדיקט, דערמאָנענדיק אין גאָגאָלס פּיעטרושקען.

— כ׳לייען יוען כ׳האָב צייט. דאָ איז פאַראַן פיל ביכלעך... בלויז יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ האָט, רעכן איך, לערך א טויזנט שטיק. נאָר אירע ביכער זענען בלויז ראָמאַנען און פאַרשידענע נאָוועלן...

דאָס שיפל איז געגאַנגען גלייך קעגן שטראָם. אַקעגן שיפל האָבן זיך באַוועגט די ברעגעס פון טייך און אַלץ ארום איז געווען מחיהדיק שיין: ליכטיק, שטיל, דופטיק.

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט געקיקט וואַרענקען אין פּנים, וואָס איז מיט נייגעריקייט געווען געווענדט צום ברייטברוסטיקן גריגאָרי, וועלכער האָט גערודערט, צעקלאַפּנדיק רעגלמעסיק מיט די רודערס די גלאַטקייט פונם טייך, האָט ער גערעדט וועגן זיינע ליטעראַרישע געשמאַקן, צופרידן, וואָס צו זיינע רייד הערט זיך גערן צו דער געלערנטער פּריץ.

אין מאַשעס אויגן, וואָס האָבן געקוקט אויף גריגאָריען פון הינטער די אַראָפּגעלאָזענע וויעס, האָבן געגלאַנצט פון ליבע און שטאָלץ.

— כ׳האָב נישט ליב צו לייענען וועגן דעם, וויאַזוי די זון איז פאַרגאַנגען און אויפגעגאַנגען... און בכלל וועגן דער נאַטור. דידאָזיקע זון-אויפגאַנגען האָב איך, קאָן זיין, געזען טויזנטער מאָל... וועלדער און טייכן זענען מיר אויך באַקאַנט; צוואָס דאַרף איך וועגן זיי לייענען? און דאָס באַגעגנט איר אין יעדן ביכל... איך האַלט, אַז דאָס איז לחלוטין איבעריק... יעדער פאַרשטייט אויף זיין אַרט דעם אונטערגאַנג פון דער זון... און יעדער האָט זיך זיינע אויגן אויף דעם. און אָט וועגן לעבן פון מענטשן — דאָס איז אינטערעסאַנט צו לייענען. דו לייענסט און קלערסט דעמאָלט; — וואָס וואָלסטו געטון ווען מ׳וואָלט דיר אויף דערדאָזיקער ליניע אַוועקשטעלט? אַזוי טראַכסטו דאַן, כאָטש

דו ווייסט גוט, אַז דאָס אַלץ איז אויסגעטראַכט פון קאָפּ און נישט אמת.

— וואָס איז נישט אמת? — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש געפרעגט.

— די ביכלעך מיין איך, אויסגעטראַכטע זאַכן זענען דאָרט וועגן די פּויערים, למשל... צי זענען זיי דען אַזעלכע, ווי זיי זענען באַשריבן אין די ביכלעך? וועגן זיי שרייבט מען אַלץ מיט רחמנות און מען שטעלט זיי אַרויס אַלס אַזעלכע נאַראָנים... נישט גוט! מענטשן לייענען און מיינען, אַז די פּויערים זענען טאַקע באמת אַזעלכע און קאָנען דעריבער נישט פאַרשטיין דעם פּויער ווי עס געהער צו זיין, ווייל אין ביכל קומט ער אויס שוין צופיל נאַריש און שלעכט.

וואַרענקען איז, ווייזט אויס, געוואָרן לאַנגווייליק אויסצוהערן דידאָזיקע רייד, און זי האָט מיט א האַלבער שטים אָנגעהויבן צו זינגען, באַקוקנדיק דעם ברעג מיט פאַרנעפּלטע אויגן.

— אָט וואָס, איפּאָליט סערגעיעוויטש. לאָמיר זיך אויפריידן און קומט לאָמיר גיין ביידע צופוס איבערן וואַלד. ס'איז נישט באַקוועם איצט צו זיצן דאָ און זיך בראָטן אויף דער זון, — אַזוי שפּאַצירט מען דען? און גריגאָרי מיט מאַשען וועלן פאָרן צו סאַווי־אַלאָווע־באַלקע. דאָרט וועלן זיי זיך אָפּשטעלן, וועלן צוגרייטן פאַר אונדז טיי און אונדז באַגעגענען... גריגאָרי פאָר צום ברעג. כ'האָב שרעקלעך ליב צו עסן און צו טרינקען אין וואַלד, אויף דער לופט אויף דער זון... דו פילסט זיך דעמאָלט ווי א פרייער בראָדיאַגע.

— אָט זעט איר, — האָט זי א לוסטיקע געזאָגט, אַרויסשפּרינגענדיק פון ש־פל אויפן זאַמד פון ברעג, — רירסט זיך נאָר אָן צו דער ערד, פילט מען מיטאַמאָל עפּעס... אַזעלכעס, וואָס בונטעוועט די נשמה... אָט האָב איך זיך אָנגעשאָטן פול מיט זאַמד די קאַמאַשן... און איין פוס דורכגענעצט אין וואַסער... דאָס איז נישט אַנגענעם, און גלייכצייטיק יאָ אַנגענעם, הייסט

עס — אז ס׳איז גוט, ווייל עס צווינגט, מ׳זאָל עס פילן... זעט נאָר, ווי שנעל דאָס שיפל טראָגט זיך!

דער טייך איז געלעגן ביי זייערע פיס און, אויפגערודערט דורכן שיפל. האָט ער זיך געפליעסקעט אָנם ברעג.

דאָס שיפל איז פייל-אויסן-בויגן, געפלויגן צום וואַלד, איבערלאָזנדיק הינטער זיך א לאַנגן שפּור, וועלכער האָט געבלאַנקט אויף דער זון, ווי זילבער. מ׳האָט געזען ווי גריגאָרי האָט געלאַכט, קוקנדיק אויף מאַשען און זי האָט אים געדראָט מיטן פויסט.

— דאָס איז א פאַרליבט פּאָרל, — האָט וואָרענקע מיטגעטיילט, שמייכלענדיק; — מאַשע האָט שוין ביי יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ געבעטן א דערלויבעניש חתונה צוהאָבן פאַר גריגאָריען נאָר יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ האָט איר דערוויילדאָס נישט דערלויבט; זי האָט נישט ליב קיין פאַרהייראַטע דינער און דינסטן. נאָר אָט וועט זיך האַרבסט-צייט ביי גריגאָריען ענדיקן דער טערמין פון זיין דינסט, און דאַן וועט ער שוין פון אייך אָוועקשלעפּן מאַשען... זיי זענען ביידע גאַנץ ווילע. גריגאָרי בעט מיך, כ׳זאָל אים פאַרקויפן אַ שטיק ערד אויף ראַטעס... אָדער אים אָפּגעבן אויף א לאַנגטערמיניקן פאַכט... צען דיעסאַטין וויל ער נאָר איך קאָן עט נישט טון, כל-זמן דער פעטער לעבט, און דאָס איז א שאָד... איך ווייס, אַז ער וועט מיר אויסצאָלן ביז א פּרוטה און צו דער צייט... ער איז דאָך א פיל-פאַכיקער בריה: ער איז א שמיד, אַ שליאָסער, און אָט איז ער ביי אייך א פּאָד-קוטשער... מיט איין וואָרט, — טויג צו אַלצדינג. קאָקאָוויטש — דער זעמסקי נאַטשאַלניק און מיין „חתן" — זאָגט מיר וועגן אים אזוי: — „דאָס איז, פאַרשטייט איר מיך אַ געפערלעכע בעסטיע—ער האָט נישט קיין דרך-ארץ פאַר נאַטשאַלסטווע!

— ווער איז ער, דערדאָזיקער קאָקאָוויטש? אַ פּאָליאַק — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש געפרעגט, אָנקוועלנדיק פון אירע גרימאַסן און ווי זי מאַכט נאָך דעם שלעכטן רוסישן אַקצענט און די גראַמאַטיקאַלע פעלערן פונם דאָזיקן קאָקאָוויטשן.

— אַ מאָרדווין, א צוואַר, כ׳ווייס נישט צו וואָסער נאַציאָנאַליטעט ער געהער! ער האָט אַ שרעקיק לאַנגע און גראָבע

צונג, כ'איז איר ענג ביי אים אין מויל און שטערט אים ריידן...
אך! ס'אַרע בלאָטע!

זיי איז געלעגן אויפן וועג אַ קאַלוזשע וואַסער, באַדעקט מיט אַ גרינעם שימל, און אַרומגערינגלט מיט אַ זוים פון פע־טער בלאָטע.

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט אַ קוק געטון אויף זיינע פיס און געזאָגט:

מ'דאַרף אויסמיידן די קאַלוזשע און גיין מיט אַן אַנדער וועג.

— איר וועט דען נישט איבערשפּרונגען? כ'האָב געמיינט, אַז זי איז שוין אויסגעטרוקנט געוואָרן — האָט מיט גרויס פאַר־דרוס וואַרענקע אויסגעשריען, טופּענדיק מיטן פיסל. גיין אַן אַ זייט איז וייט... און כ'קאָן נאָך דערצו דאָרט זיך אַרומרייסן... פּרוווט נאָר אַריבערשפּרונגען! דאָס איז לייכט; טוט אַ קוק — איי — — נס!

זי האָט אַ שפּרונג געטון און זיך געלאָזט לויפן פאָרויס.

אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איר קלייד האָט זיך אַראָפּ־געריסן פון די פּלייצעס און אַ פלי געטון אין דער לופטן.

נאָר זי איז שוין געשטאַנען פון יענער זייט קאַלוזשע און מיט אַ באַדויערונג געשריגן:

— אַך, ווי כ'האָב זיך אויסגעפּאַטשקעט! ניין, גייט בעסער אַן אַ זייט, נישט כדאי צו שפּרונגען... פו, ס'אַרע פּאַסקודסטווע.

ער האָט אויף איר געקוקט און בלאָס געשמייכלט, כאַפּנ־דיק אין זיך זיינס עפּעס אַ טונקעלן געדאַנק, וואָס האָט אים גערייצט, און פילנדיק, אַז זיינע פיס זונקען אין אַ געדיכטע פייכטקייט.

אין יענער זייט קאַלוזשע האָט וואַרענקע אָפּגעשאָקלט איר קלייד, וועלכע האָט אַרויסגעלאָזט אַ לייכטן גערויש און איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט בעתן שאָקלען דאָס קלייד געזען דינע זאָקן און שטרייפן אויף אירע שלאַנקע פיסלעך.

אויף אַ רגע האָט זיך אים נעדאַכט, אַז די בלאָטע, וואָס האָט זיי צעשיידט איינער פונם אַנדערן, האָט אַ זין פון אַן

הזהרה פֿאַר אים און פֿאַר איר. נאָר ער האָט גראָד איבערגעריסן דעמדאָזיקן געדאַנק און אָנגערופֿן „קינדעריי״ דעמדאָזיקן שטאָך אין האַרצן. ער איז האַסטיק אַוועק אין א זייט פֿונם וועג, אין די קוסטעס, וואָס האָבן דעם וועג באַזוימט און דאָרט איז אים פֿונדעסטוועגן אויסגעקומען צו גיין איבערן וואַסער, וואָס האָט זיך נישט אַרויסגעוויזן און איז געווען פֿאַרבאָרגן דורכן געדיכטן גראָז.

מיט נאַסע פֿיס און מיט עפּעס נישט קיין קלאָרן באַשלוס איז ער אַרויס צו איר. און זי אָוויינגדיק אים מיט אַ גרימאַסע אויף איר קלייד, האָט צו אים געזאָגט:

— זעט, — ס'איז גוט? ביאַ!

ער האָט געקוקט, — גרויסע שוואַרצע פֿלעקן האָבן געשניטן די אויגן, טריומפֿירנדיק זענען זיי געלעגן אויפֿן ווייסן שטאָף פֿון איר קלייד.

— איך האָב ליב און בין געוווינט דיך צו זען אַזאַ הייליק-ריינע, אַז אַפֿילו אַ פֿלעק פֿון בלאָטע אויף דיין קלייד וואָלט געוואָרפֿן אַ שוואַרצן שאָטן אויף מיין נשמה, — האָט פֿאַמעלעך איפּאָליט סערגעיעוויטש אַרויסגערעדט און בלייבנדיק שטיל, האָט ער אָנגעהויבן קוקן אויף וואַרעמקעס פֿאַרחידושט פּנים מיט אַ בלאָנדזשענדיקן בליק, און ער האָט געפֿילט, אַז זיין ברוסט פֿילט זיך עפּעס אָן מיט אַ ברענענדיקן שוים און אָט וועט באַלד דער שוים פֿאַרוואַנדלט ווערן אין וווּנדערבאַרע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט נאָך קיינמאָל מיט קיינעם נישט גערעדט, ווייל ער האָט עד-היום אַזעלכע ווערטער נישט געהערט, און נישט געוווּסט פֿון זיי.

— וואָס האָט איר אַזוינס געמיינט? — איז צו אים וואַרעמקע צוגעשטאַנען, ער זאָל איר זאָגן.

ער האָט אַ ציטער געטון, ווייל איר פֿראַגע האָט געקלונגען שטרענג, און זיך באַמיענדיק זיין רויק, האָט ער אָנגעהויבן ערנסט איר צו דערקלערן:

— כ'האָב פֿאַר זיך דעקלאַמירט אַ ליד... אויף רוסיש קומט עס אויס ווי אין פּראָזע... נאָר איר האָט דאָך געהערט, אַז דאָס

זענען געווען פערזן? דאָס זענען דאַכט זיך איטאַליענישע פערזן פון א געדיכט... כ׳געדענק נישט, בנאמנות... איבעריקנס, ס׳קאָן זיין, אז דאָס איז טאַקע פּראָזע פון עפּעס א ראָמאַן... מיר איז דאָס עפּעס איינגעפאַלן אין קאָפּ...

— וואָס ווערט דאָרט געזאָגט, לייענט איבער נאָכאַמאָל! — האָט זי אים געבעטן, פאַרטראַכטנדיק זיך פלוצלינג וועגן עפּעס.

— כ׳האָב ליב...

ער איז געבליבן שטיין רייבנדיק זיך מיט דער האַנט דעם שטערן, — וואָס זאָגט איר אויף דעם? כ׳האָב דאָך פאַרגעסן, וואָס ס׳האָב געזאָגט! מיין ערנוואָרט פאַרגעסן!

— נו... קומט!

און זי האָט זיך אנטשידן א לאָז געטון גיין.

עטלעכע מינוט כסדר האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש זיך געפּלייסט צו פאַרשטיין און דערקלערן דידאָזיקע סצענע, וועלכע האָט צווישן אים און דעם מיידל באַשאַפן א נישט באַמערקבאַרע מחיצה פון קעגנזייטיקן מיסטרוי, ער האָט זיך באַמיט דאָס צו פאַרשטיין און דאָס האָט זיך אים אָבער נישט איינגעגעבן, און דאָס האָט געשאַפן ביי אים א באַוווסטזיין, אז ער פילט זיך עפּעס נישט באקוועם פאַר ווארענקען, אז ער איז בנוגע איר באַגאַנגען עפּעס א פעלער, וואָס איז שווער צו פאַריכטן.

זי איז געשטאַנען אין ריי מיט אים, שווייגנדיק און איינבייגנדיק דעם קאָפּ האָט זי אויף אים נישט געקוקט.

איר שווייגן האָט געשאַפן א אומהיימלעכע אַטמאָספערע. אים האָט אויסגעוויזן, אַז זי טראַכט וועגן אים און טראַכט נישט קיין גוטס. און נישט געפינענדיק קיין שום דערקלערונג פאַר דעם, וואס ער האָט אָפּגעטאָן, האָט ער פלוצלינג אָנגעשטרענגט-לוסטיק באַמערקט.

— ווען אייערע התנים וואָלטן געוווסט, וויאַזוי איר פאַרברענגט די צייט.

זי האָט אויף אים א קוק געטון אַזוי, פּונקט ווי ער וואָלט מיט זיינע ווערטער זי ציגערופן ערגעץ פון ווייט, נאָר בהדרגה

דיק איז איר פנים געוואָרן פון ערנסט — פשוט און קינדיש־ליבלעך.

— יאָ! — האָט זי זיך אָפּגערופן. — דאָס וואָלט זיי באַליידיקט. נאָר זיי וועלן זיך דערוויסן! און... ס'קאָן זיין, אַז זיי וועלן אַ קלער טון וועגן מיר נישט גוט...

— איר האָט פאַר דעם מורא?

— איך? פאַר זיי? — האָט זי שטיל נאָר צאָרניק אַ פרעג געטון.

— אַנטשולדיקט מיר פאַר מיין פראגע.

— ס'מאַכט נישט אויס... איר קענט מיך דאָך נישט... און ווייסט נישט ווי דערווידער זיי זענען מיר אַלע! צייטנווייז ווילט זיך מיר, זיי וואַרפן אונטער די פיס און טרעטן איבער די פנימער... אַנטרעטנדיק זיי אויף די ליפּן, זיי זאָלן נישט קאָנען ריידן, או! ס'אַרע געמיינע מענטשן זיי זענען אַלע!

צאָרן און האַרצלאָזיקייט האָבן געברענט אין אירע אויגן אַזוי שטאַרק, אַז אים איז געווען נישט אנגענעם אויף איר צו קוקן, און ער האָט זיך אָפּגעקערט, זאָגנדיק צו איר:

— ווי טרויעריק עס איז, וואָס אייך קומט אויס צו לעבן צווישן מענטשן, וועלכע איר האָט פיינט... צי איז מאַקע צווישן זיי נישט פאַראַן קיינער, וועלכער, וואָלט זיך אייך אויסגעוויזן פאַר אַן אַנשטענדיקערן...

— ניין! איר ווייסט, זייער ווייניק זענען אויף דער וועלט בכלל פאַראַן אנשטענדיקע מענטשן... אַלע זענען אַזעלכע דערשלאָגענע, נישט קיין לעבעדיקע, עקלהאַפטע...

ער האָט אַ שמייכל געטון פון איר קלאָגן זיך און באַמערקט מיט אַ שאַטירונג פון איראָניע, וואָס איז פאַר אים גופא נישט פאַרשטענדלעך:

— אַזוי ריידן, איז פאַר אייך צו פרי. וואַרט צו אַביסל, וועט איר באַגעגענען אַ מענטשן, וועלכער וועט אייך געפעלן און אייך צופרידן שטעלן... ער וועט אין פיל היגזיכטן זיין פאַר אייך אינטערעסאַנט...

— ווער איז דאָס? — האָט זי שנעל אַ פרעג געטון און אַפילו געבליבן שטיין.

— אייער קינפּטיקער מאַן.

— אָבער ווער איז ער?

— וויאַזוי קאָן איך עס וויסן? — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס, שפּירנדיק אַ אומצופרידנקייט פונם טאָן, מיט וועלכן זי האָט געשטעלט אירע פראַגן.

— און דאָך רעדט איר!— האָט זי אַ זיפץ געטון און זיך געלאָזט ווייטער גיין.

זיי זענען געגאַנגען צווישן קוסטעס, וואָס זענען זיי קוים דערגאַנגען ביז די פּלייצעס. דער וועג איז געלעגן צווישן די קושאַקעס, ווי אַ פאַרלוירן באַנד, איינגאַנצן אין קאַפּריזנע אויסבייגונגען. איצט האָט זיך פאַר זיי באַוויזן דער געדיכטער וואַלד.

— איר ווילט חתונה האָבן? — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש געפרעגט.

— יאָ... כ'ווייס נישט! ס'טראַכט זיך נישט וועגן דעם...— האָט זי פּשוט געענטפערט.

דער בליק פון אירע שיינע אויגן, וואָס איז געווען געווענדט אין די מרחקים, איז געווען אַזוי קאָנצענטרירט, פּונקט ווי זי וואָלט זיך געהאַט דערמאָנט דאַן אָן עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז ווייט פון איר און איז איר זייער טייער.

— איר דאַרפט וווינען ווינטער אין דער שטאָט — דאָרט וועט אייער שיינקייט ציען אויף זיך די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט און איר וועט גיך געפינען דאָס, וואָס איר זוכט... ווייל ס'וועלן זיך געפינען פיל בעלנים, אייך אָנצורופן פרוי—מיט אייך חתונה צו האָבן. — האָט ער פאַרטראַכט באַקוקנדיק איר פיגור, נישט הויך און פאַמעלעך געזאָגט.

— ס'איז נאָך אַ פראַגע, אויב איך וואָלט עס דערלויבט!

— וויאַזוי קאָנט איר דען פאַרבאָטן דאָס צו וועלן?

— אָך, יאָ, איר זענט גערעכט. פאַרבאָטן קאָן איך טאַקע נישט, געוויס לאָזן זיי זיך גענזונטערהייט ווענדן.

זיי זענען געגאַנגען עטלעכע שריט שווייגנדיק.

זי האָט פאַרטראַכט באַקוקט די ווייטקייט ארום זיך, דער־מאָנענדיק אַלץ אָן עפּעס, ער האָט עפּעס געציילט די פלעקן בלאָטע פון פאָרנט פון איר קלייד. זיבן פלעקן זענען דאָרט גע־ווען: דריי גרויסע, ענלעך צו שטערן, צוויי ווי קאָמעס און איין פלעק — ווי אַ שמיר מיט אַ פּענדזל. דורך זייער שוואַרצן קאָ־ליר און דורך דעם פאָרם פון זייער ליגן אויפן שטאָף — האָבן זיי פאַר אים געהאַט עפּעס אַ באַדייטונג. נאָר אין וואָס דידאָ־זיקע באַדייטונג איז באַשטאַנען, האָט ער נישט געוווּסט.

— איר זענט שוין געווען פאַרליבט? — האָט זיך פלוצ־לינג דערהערט איר ערנסטע און פארשטענדיקע שטים.

— איך? — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש אַ ציטער געטון — יאָ... נאָר שוין זייער לאַנג אין דעם, ווען איך בין נאָך געווען־גאָר אַ יונגערמאַן.

— איך — שוין אויך זייער לאַנג אין דעם... — האָט זי מיטגעטיילט.

— אַ... ווער איז עס געווען? — האָט פּאָלקאַנאָוו געפרעגט נישט פילנדיק די אומבאַקוועמלעכקייט פון זיין פראַגע און אָפּ־רייסנדיק פון קוסט אַ צווייגל, וואָס איז אים אַריינגעפאַלן אין האַנט, און נאָכדעם עס אַוועקוואַרפנדיק ווייט פון זיך.

— ער, מיינט איר? אַ פערד-גנב איז ער געווען... שטעלט אייך פאָר! דריי יאָר זענען אַריבער זייט דעם טאָג, וואָס כ'האָב אים געזען. כ'בין דעמאָלט אַלט געווען זיבעצן יאָר... מ'האָט אים אַמאָל געכאַפּט, שטאַרק צעשלאָגן און געבראַכט צו אונדז אויפן הויף. ער איז געלעגן אַרומגעבונדן פעסט מיט שטריק און גע־שוויגן, קוקנדיק אויף מיר... און איך בין געשטאַנען אויפן גאַ־נעק פון הויז. כ'געדענק דער פרימאָרגן איז דאַן געווען אַזאַ לויטערער — ס'איז נאָך געווען גאָר פרי און אַלע זענען נאָך ביי אונדז געשלאָפן...

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, דערמאָנענדיק זיך ווייטער וועגן יענעם פרימאָרגן.

— אונטער דער פור איז געווען אַ קאַלוזשע בלוט — אַזא פעטע קאַלוזשע — און אין איר זענען געפאַלן שווערע טראָפּנס פון אים... ער האָט געהייסן סאַשקע רעמעזאָוו. די פוי־ערים זענען געקומען אין הויף און, קוקנדיק אויף אים, האָבן זיי געוואָרטשעט, ווי די הינט. די אויגן ביי זיי אַלע זענען געווען בייזע, און ער, דערדאָזיקער סאַשקע, האָט אויף אַלע געקוקט רויק... און איך האָב געפילט, אַז ער — הגם ער איז געווען צעניזוקט און געבונדן — האַלט, אַז ער איז לייטישער פון זיי. ער האָט שוין אַזוי געקוקט... די אויגן זיינע זענען געווען ברוי־נע. מיר איז אים געווען אַ שאָד פאַר אים און שרעקלעך... כ׳בין אַריין אין שטוב און אָנגעגאָסן אַ גלאָז שנאַפּס... דערנאָך בין איך אַרויסגעגאַנגען און אים דערלאַנגט דעם גלאָז שנאַפּס. די הענט זיינע זענען אָבער געווען געבונדן און ער האָט נישט געקאָנט אויסטרינקען דעם שנאַפּס... זאָגט ער צו מיר אויפהייבנ־דיק אַביסל דעם קאָפּ, אינגאַנצן אַ פאַרבלוטיקטן:

— טראָגט צו, פריילין, צום מויל.

— כ׳האָב צוגעטראָגן די גלאָז צום מויל... ער האָט אויס־געטרונקען אַזוי לאַנגזאַם, לאַנגזאַם און געזאָגט:

— אַ דאַנק אייך, פריילן! זאָל אייך גאָט באַלוינען דער־פאַר און איר זאָלט זיין גליקלעך.

דאַן האָב איך עפּעס פּלוצלינג אים אַ שעפּטשע געטון:

— אַנטלויפט!

און ער האָט אויף אַ קול זיך אָפּגערופן:

— אויב כ׳וועל לעבן וועל איך אומבאַדינגט אַנטלויפן! איר קאָנט מיר גלייבן!

און מיר איז שרעקלעך געפעלן, וואָס ער האָט עס געזאָגט אַזוי הויך, אַז אַלע אויפן הויף האָבן עס געהערט.

דערנאָך זאָגט ער: „פריילין, הייסט מיר אָפּוואַשן דאָס פּנים״ כ׳האָב געהייסן דוניען אים אָפּוואַשן דאָס פּנים און זי האָט עס געטון... הגם דאָס פּנים איז געבליבן בלאָ און געשוואָלן

פון די קלעפ... יאָ!... מ׳האָט אים באַלד אָװעקגעפירט, און װען די פיר איז אַרױסגעפאָרן פון הױף, האָב איך אױף אים געקוקט און ער האָט מיך באַגריסט און געשמײכלט מיט די אױגן... הגם ער איז געװען שטאַרק צעקלאַפּט... כ׳האָב פיל געװײנט צוליב אים און געבעטן גאָט, ער זאָל אַנטלױפן...

— װאָס־זשע... — האָט איפּאָליט איר איבערגעשלאָגן די רייד — ס׳קאָן זײן, אַז איר װאַרט ער זאָל אַנטלױפן און צו אײַך קומען און... דאַן װעט איר פאַר אים חתונה האָבן?

זי האָט נישט אױפגעכאַפּט זײן איראָניע, אָדער זי נישט פאַרשטאַנען, װײל זי האָט פשוט געענטפערט:

— צװואָס זאָל ער אַהער קומען?

— אָבער װען ער װאָלט געקומען, װאָלט איר פאַר אים חתונה געהאַט?

— פאַר אַ פױער?... כ׳װײס נישט... כ׳מײן, אַז נישט. פאָלקאָנאָװ איז געװאָרן אין כעס.

— איר האָט זיך קאַליע געמאַכט דעם קאָפּ מיט אײערע ראָמאַנען, אָט װאָס כ׳װעל אײַך זאָגן, װאַרװאַרע װאַסיליעװנאַ... האָט ער שטרענג אָנגעהױבן איר צו מוסרן.

בײם קלאַנג פון זײן טרוקענער שטים האָט זי מיט באַ־װוּנדערונג אױף אים אַ קוק געטון אין פנים אַרײן און האָט אָנגעהױבן שװײגנדיק און אױפמערקזאַם הערן זײנע האַרבע, כמעט שטראָף־װערטער.

און ער האָט איר דערװיזן, װי דידאַקטיקע כלומרשטע ליטעראַטור, פון װעלכע זי האָט אַזױ, דעמאָראַליזירט דעם מוח און נשמה, דורך איר שטענדיקן פאַרקריפּלען די װירקלעכקײט און דערמיט װאָס יענע ביכער זענען אַזױ פרעמד און װײט פון די אידײען, װאָס פאַראײדלען דעם מענטשן, און איז גלײכגילטיק צום טרױעריקן אמת פונם לעבן, צו די באַגערן און צרות פון די מענטשן.

זײן שטים האָט שאַרף געקלונגען אין דער שטילקײט פונם װאַלד, װאָס האָט זײ אַרומגערינגלט, און אָפּט האָט זיך אין די

צווייגן, וואָס זענען אַראָפּגעהאָנגען איבערן וועג, געהערט אַ אומרויִק שאָרכן — עמעץ האָט זיך דאָרט באַהאַלטן.

פון די געדיכטע בלעטער האָט אויפן וועג געקוקט אַ שמעקעדיקע האַלבפינצטערניש. פון צייט צו צייט האָט זיך איבערן וואַלד דורכגעטראָגן אַ ציִענדיקער קלאַנג, ענלעך צו אַ דערשטיקטן זיפץ, און די בלעטער האָבן שוואַך געציטערט, ווי אין שלאָף.

— מ׳דאַרף לייענען און שעצן נאָר יענע ביכער, וועלכע לערנען אונדז צו פאַרשטיין דעם זין פונם לעבן, פאַרשטיין דעם מענטשנס פאַרלאַנגען און די אמתע מאָטיוון פון זייערע האַנדלונגען. פאַרשטיין די מענטשהייט — זיי צו פאַרצייען זייערע חסרונות. מ׳דאַרף וויסן, ווי מענטשן לעבן שלעכט און ווי גוט זיי וואָלטן געקאָנט לעבן. ווען זיי וואָלטן געוועזן קליגער און זיך באַצויגן מיט מער דרך־ארץ צו יענעמס רעכט. אַלע ווילן דאָך איינס און דאָסזעלבע — גליק, נאָר זיי גייען צו דעם דורך פאַרשידענע וועגן, צייטנווייז דורך זייער שעדלעכע וועגן, נאָר דאָס איז אַלץ צוליבדעם, וואָס די מענטשן ווייסן נישט, אין וואָס עס באַשטייט דאָס גליק. און דער חוב פון אַ ווירקלעכער און ערלעכער ליטעראַטור איז אויפצוקלערן די מענטשן, אין וואָס דאָס גליק באַשטייט און ווי אַזוי קאָן מען צו אים קומען. די ביכער, וואָס איר לייענט, פאַרנעמען זיך נישט מיט אַזעלכע אויפגאַבן... זיי טרייבן פשוט ליגן און טוען עס גראָב... אָט האָבן זיי אייך איינגערעדט... אייך אַריינגעגעבן אַ ווילדע פאָרשטעלונג וועגן העלדישקייט... און דער פועל־יוצא דערפון איז, אַז איצט וועט איר זוכן אין לעבן אַזעלכע מענטשן, ווי זיי קומען אויס אין דידאָזיקע ביכלעך...

— ניין, כ׳וועל זיי, געוויס, נישט זוכן! — האָט דאָס מיידל ערנסט געזאָגט. — כ׳ווייס, אַז אַזעלכע מענטשן זענען אין דער ווירקלעכקייט נישטאָ. נאָר דערמיט זענען יענע ביכלעך גוט, וואָס זיי שילדערן דאָס, וואָס איז נישט פאַראַן. דאָס געווײנטלעכע, דאָס וואָכעדיקע־איז צו זען אומעטום... דאָס גאַנצע לעבן איז אַ געוויינטלעכס... שוין צופיל רעדט מען וועגן צרות און ליידן... דאָס איז געוויס נישט אמת. און אויב דאָס איז

אמת, — ווי נישט שיין דאָס איז צו ריידן פיל וועגן דעם וואָס עס איז באמת פיל־ווייניקער, ווי מען מיינט! אָט זאָגט איר, אַז אין די ביכער דאַרף מען זוכן... מוסטערהאַפטיקע געפילן און געדאַנקען... און אַז אַלע מענטשן זענען זיך טועה און פאַרשטיין זיך אַליין נישט... אָבער ביכער ווערן דאָך געשריבן פון די זעלבע מענטשן, דאָס הייסט פון די, וואָס זענען זיך טועה און קענען זיך אַליין נישט! ווי קאָן איך דען וויסן, אין וואָס מ׳דאַרף גלייבן און וועלכעס איז בעסער? און אין די ביכלעך, וועלכע געפעלן אייך נישט אַזוי און אויך וועלכע איר פאַלט אָן איז פאַראַן זייער פיל איידלס...

— איר האָט מיך נישט פאַרשטאַנען — האָט ער מיט פאַרדרוס אויסגעשריגן.

— אַזוי? און איר זענט דערפאַר אויף מיר ברוגז... צי קאָן דען זיין א רייד וועגן דעם?

— איר זענט ברוגז, כ׳וויס, כ׳וויס! איך בין דאָך אויך שטענדיק ברוגז, ווען מ׳איז מיט מיר נישט איינשטימיק! נאָר צו וואָס טויג עס אייך, אַז איך זאָל זיין איינשטימיק מיט אייך? און צוואָס טויג עס מיר דען?... צוואָס קריגן און אַמפּערן זיך שטענדיק אַלע מענטשן בכלל און ווילן, אַז מ׳זאָל מיט זיי מסכים זיין? מ׳וועט דאָך, באַלד אַזוי, נישט קאָנען ריידן פון קיין זאַך.

זי האָט זיך צעלאַכט און דורכן געלעכטער פאַרענדיקט:

— פונקט ווי אַלע וואָלטן געוואָלט, אַז פון אַלע ווערטער זאָל בלייבן איינס — יאָ! זייער לעכערלעך!

— איר פרעגט, צוואָס איך באַדאַרף...

— ניין, איך פאַרשטיי, איר זענט געוווינט צו לערנען יענעם און פאַר אייך איז שוין געוואָרן נייטיק, מ׳זאָל אייך נישט שטערן דורך דערווידערונגען.

— ס׳הייבט זיך נישט אָן! — האָט מיט פאַרביטערונג פאַלקאַנאָה אויסגעשריען — איך וויל ביי אייך אַרויסרופן א קריטישע באַציונג... צו אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אַרום אייך און אין אייער נשמה.

— צוואָס? — האָט זי געפרעגט, תמימותדיק א קוק טוענדיק אים אין די אויגן אריין.

— גאָט מיינער! ס׳הייסט, צוואָס? כּדי איר זאָלט קאָנען קאָנטראָלירן אייערע געפילן, מחשבות, מעשים... כּדי איר זאָלט פאַרנוּנפטיק זיך באַציִען צום לעבן און צו זיך גופא.

— נו, דאָס... איז, ווייזט אויס שווער. זיך צו קאָנטראָלירן, זיך אליין קריטיקירן... ווי קאָן עס געמאָלט זיין? כ׳בין דאָך אליין... וויאַזוי־זשע? דארף איך זיך, קומט אויס, צעשפּאַלטן אויף צוויי חלקים, וואָס? כ׳פאַרשטיי נישט! ביי אייך קומט אויס אַזוי, אַז דער אמת איז נאָר אייך באַוווּסט, אַז איר אליין ווייסט בלויז, ווי און וואָס עס איז דער אמת. נו, קומט דאָך שוין ממילא אויס אַז אַלע זענען זיך טועה! ווייל איר זאָגט דאָך, — דער אמת איז איינס און דערזעלבער פאַר אַלעמען, נישט אַזוי? אָבער טוט א קוק — ס׳אַרע שיין פעלדל!

ער האָט געקוקט, נישט דערווידערנדיק איר מיט קיין איין וואָרט. אין אים האָט געקאָכט א געפיל פון אומצופרידנקייט מיט זיך אַליין, ווייל זיין פאַרשטאַנד איז געווען באַליידיקט דורכן דאָזיקן מיידל, וואָס וויל זיך נישט אונטערגעבן, וואָס גיט זיך נישט אונטער זיינע אָנשטרענגונגען זי אונטערצויאָכן, אויף א רגע כאָטש אָפּצושטעלן איר געדאַנק און דערנאָך זי צו באַוועגן אוועקצוגיין אויפן וועג, וועלכער איז דער היפוך צו דעם, מיט וועלכן זי איז געגאַנגען ביז איצט, נישט באַגעגנדיק קיין שום ווידערשטאַנד. ער איז געווויינט צו האַלטן פאַר נאַריש די מענטשן, וועלכע האָבן מיט אים נישט מסכּים געווען; אין בעסטן פאַל האָט ער אַזעלכע מענטשן געהאַלטן פאַר אַזוינע, וואָס באַזיצן נישט קיין פעיִקייטן זיך צו אַנטוויקלען ווייטער פונם פּונקט, אויף וועלכן זייער מוח איז געשטאַנען, און צו אַזוינע מענטשן פלעגט ער זיך שטענדיק באַציִען מיט פאַראַכטונג, געמישט מיט רחמנות.

נאָר דאָסדאָזיקע מיידל האָט זיך אים נישט אויסגעוויזן פאַר קיין נאַריש און נישט דערוועקט אין אים זיינע געוויינטלעכע געפילן צו די אָפּאָנענטן. פאַרוואָס־זשע איז דאָס אַזוי און וואָס אייגנטלעך איז זי, וואָס שטעלט זי מיט זיך פאָר?

און ער האָט זיך געענטפערט: „דאָס איז דערפאַר, בלי־ספק, וואָס זי איז אַזאַ אויסערגעוויינטלעך שיינע... פאַר אירע ווילדע רייד

קאָן דען אפשר צו איר נאָרנישט האבן... שוין דערפאַר אַליין וואס זיי זענען אָריגינעל, און אָריגינאַליטעט בכלל איז צו באַגעגענען זייער זעלטן, בפרט נאָך ביי א פרוי.

אַלס מענטש פון א הויכער קולטור, פלעגט ער לפנים זיך באַציען צו א פרוי, ווי צו א באַשעפעניש, וואס שטייט אין גייסטיקן זין, נישט נידעריקער פון א מאַנסביל. אָבער אין דער טיפקייט פון זיין נשמה, האט ער געקלערט וועגן דער פרוי סקעפטיש און מיט איראָניע.

אינם מענטשנס האַרצן איז פאַראַן פיל אָרט פאַרן גלויבן, נאָר פאַר דער איבערצייגונג איז דאָרט ענג.

זיי זענען געגאַנגען פאַמעלעך איבערן ברייטן, כמעט ריכטיק רונדיקן פעלד. דער וועג האָט ראָס פעלד אין דער קווער איבערגעשניטן מיט צוויי שוואַרצע טיפלעכע ליניעס און איז ווידער פאַרשוונדן געוואָרן אין וואַלד. אינמיטן פעלד איז געשטאַנען א קליינע מחנה שלאנקע יונגע בזשאָזעס, וואַרפנדיק שפיצן-שאָטנס אויף דעם אָפגעשניטענעם גראָז. נישט ווייט פון די בזשאָזעס האָט זיך איינגעבויגן צו דער ערד א האַלב צעשטערט ביידל פון צווייגן; אינעווייניק איז געלעגן אָנגעוואָרפן היי און אויפן ביידל זענען געזעסן צוויי קראָען. איפאָליט סערגעיעוויטשן זענען זיי אויסגעקומען לגמרי נישט נייטיק און אומגעלומפערט צווישן דאָזיקן קליינעם און שיינעם מדבר, וועלכער איז געווען ארומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט טונקעלע ווענט פון סודותפולן שווייגנדיקן וואַלד. די קראָען האָבן, איינבייגנדיק זיך אַביסל, געקוקט אויף די מענטשן, וואס זענען געגאַנגען איבערן וועג און אין זייערע פאָזעס איז געווען עפעס זיכערס און דרייסטס, — פונקט ווי זיי וואָלטן, זיצנדיק אויפן ביידל, אָפגעהיט דעם אריינגאַנג אין אים און וואָלטן עס אנערקענט אַלס זייער פליכט.

— איר זענט נישט מיד? — האט פאָלקאַנאָוו געפרעגט מיט א געפיל, וואס איז געווען נאָענט צו רוגזה, באַקוקנדיק די קראָען, וועלכע האבן אויסגעזען אזוי ערנסט און אָנגעבלאָזן אין זייער אומבאַוועגלעכקייט.

— אַך! שפאַצירנדיק — מיד ווערן? דאס איז אפילו א

באַליידיקונג צו הערן! צום אָרט, ווו מ׳וואַרט אויף אונדז, איז דער־
צו נאָך, געבליבן נישט מער, ווי א וויאַרסט... אַט וועלן מיר באַלד
אַריינגיין אין וואַלד אַריין און דער וועג וועט פון דאָרט אַוועק
באַרג־אַרויף.

זי האט אים דערציילט, ווי שיין עס איז דאָרט, ווּהין זיי
גייען איצט, און ער האָט געפילט, ווי אים באַהערשט א ווייכע
און ליבלעכע פוילקייט, וועלכע שטערט אים צו הערן גוט, וואָס
זי רעדט.

— דער וואַלד איז דאָרט א סאָטנאָווער, ער שטייט אויף א
הויך אָרט און הייסט סאַוויאָלאָוואַ גריוואַ. די סאָסנעס זענען
דאָרט אומגעהייער גרויסע און די שטאַמען זייערע זענען אָן צווייגן,
נאָר אויבן, אויף דעם שפּיץ, האָט יעדער פון זיי א טונקל גרי־
נעם מין פּאַראַסאָל. שטיל איז אינם דאָזיקן וואַלד, שווער, דער
גאַנצער באָדן איז באַשאָטן מיט די בוים־נאָדלען און ס׳דאַכט זיך,
אז מ׳האָט דעם וואַלד צוגעקערט. ווען איך שפּאַציר אינם דאָזיקן
וואַלד, פאַלן מיר שטענדיק איין מחשבות וועגן גאָט... אַרום זיין
כּסא־הכּבוד, איז, הפּנים, אויך אזוי שווער... די מלאכים זינגען
נישט קיין שירה פאַר א י ם — דאָס איז נישט אמת! צוואָס
דאַרף ע ר די ליבגעזאַנגען? צי ווייסט ע ר דען אליין נישט,
ווי גרויס ער איז?

אין איפּאָליטס מוח האט א בליץ געטון א בולטער געדאַנק:
— וואס וואָלט געווען, ווען איך וואָלט זיך באַנוצט מיטן
אויטאָריטעט פון דער דאָגמאַט כּדי צו דערהייבן די גאַנצקייט פון
איר נשמה?

נאָר ער האט באַלד שטאָלץ אָפּגעוואָרפן דאָסדאָזיקע נישט
ווילנדיקע מודה זיין זיך אין זיין שוואַכקייט פאַר איר. ס׳וואָלט
געווען נישט ערלעך צו ווירקן מיט א כּוח, וואס אין זיין עקזיס־
טענץ גלייבסטו אליין נישט.

— איר גלייבט נישט אין גאָט? — האט זי ווי כאַפּנדיק
יין געדאַנק, געפרעגט.

— פאַרוואָס מיינט איר אזוי?

— ווייל... אלע געלערנטע גלייבן נישט...

— שוין אלע! — האט ער א לאַך געטון, נישט ווילנדיק ריידן מיט איר אויף דעמדאָזיקן טעמע.

נאָר זי איז פון אים נישט אָפּגעשטאַנען:

— אפשר נישט אַלע? נאָר וויאַזוי־זשע גלייבן זיי נישט? דערציילט, כ׳בעט אייך, פון יענע וועלכע גלייבן אינגאַנצן נישט אין א י ם... כ׳פאַרשטיי נישט, וויאַזוי איז דאָס מעגלעך, נישט צו גלייבן. פון וואַנען־זשע איז אַלץ געקומען אויף דער וועלט?

ער האָט געשוויגן וועקנדיק זיין מוח, וועלכער האָט זיך געדרעמט אונטער די קלאַנגען פון אירע רייד, דערנאָך האט ער אָנגעהויבן דערציילן וועגן דער אַנטשטייונג פון דער וועלט, אַזוי ווי ער האט עס פאַרשטאַנען:

— מעכטיקע אומבאַקאַנטע כוחות באַוועגן זיך אייביק, שטויסן זיך אָן איינער אָן דעם אנדערן און פון זייער גרויכער באַוועגונג ווערט געבוירן די וועלט, וואס מיר זען. דאָס לעבן פון בעדאַנק און יעדעס גרעזל אויף דערדאָזיקער וועלט זענען אונטער־געוואָרפן איינע און די זעלבע געזעצן. די דאָזיקע באַוועגונג האָט נישט געהאַט קיין אָנהייב און וועט נישט האָבן קיין סוף...

דאס מיידל האָט אויפמערקזאַם געהערט וואס ער האט גע־רעדט, און האָט געבעטן איר דאָס, אָדער יענץ צו דערקלערן.

ער האָט געגעבן איר געגעבן פאַרשידענע דערקלערונגען, זע־ענדיק אויף איר געזיכט אַן אָנשטרענגונג פון געדאַנק. זי טראַכט, טראַכט! נאָר ווען ער האָט געענדיקט, האָט זי שווייגנדיק א מינוט אים תמימותדיק געפרעגט:

— נאָר דאָ איז דאָך דער אָנהייב עפּעס נישט פונם אָנהייב? און „בראשית היה אלקים” שטייט דאָך אין תנ״ך. וויזשע קאָן עס געמאָלט זיין? דאָ ווערט דאָך וועגן א י ם גאָרנישט גערעדט און צי דאָס הייסט טאַקע נישט גלייבן אין א י ם?

ער האט געוואָלט איר דערווידערן, נאָר לויטן אויסדרוק פון איר פנים האָט ער פאַרשטאַנען, אז איצט איז דאָס נוצלעך צו טון, זי איז געווען א גלייביקע — וועגן דעם האָבן עדות גע־זאָגט אירע אויגן, וואָס האבן געברענט מיט א מיסטיש פייער.

שטיל, מיט מורא האָט זי אים געזאָגט עפּעס אויסטערלישס. דעם אָנהייב פון איר רעדע האט ער נישט אויפגעכאַפּט.

— ווען דו זעסט מענטשן און ווי אַלץ ביי זיי איז אזוי עקל־האַפט אין דערנאָך דערמאָנסטו זיך אָן ג אָ ט און אין דעם יום־הדין — באַקומסטו אַזש קלעמעניש אין האַרצן! מחמת ע ר קאָן דאָך — היינט, מאָרגן, אין א שעה ארום — פאַדערן אן ענטפער... און, ווייסט איר, צייטנווייז דאַכט זיך מיר, אז דאָס וועט זיין גאָר אינגיכן, ביי טאָג וועט עס זיין... אין תחילת וועט אויסגעלאָשן ווערן די זון... און דערנאָך וועט זיך אָנכאַפּן א נייער פלאַם און אין דאָזיקן פלאַם וועט ער זיך באַווייזן.

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט געהערט אירע אויסטערלישע רייד, וועלכע מ׳קאָן אָנרופן „ריידן פון היץ״ און זיך געטראַכט:

— זי האָט אין זיך אַלץ, א חוץ דאָס, וואָס זי האָט נייטיק באַדאַרפט צו האָבן...

אירע רייד האָבן געמאַכט בלאַס איר פּנים און אן אויסדרוק פון שרעק איז געווען אין אירע אויגן. אין אזא געדריקטן צו־שטאנד איז זי אזוי לאנג געגאַנגען, אז די נייגעריקייט, מיט וועלכער איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט זי אויסגעהערט, האָט אָנ־געהויבן ביי אים פאַרשווונדן צו ווערן, פאַרטוישנדיק זיך אויף מידיקייט:

נאָר איר ריידן פון היץ איז מיטאַמאָל פאַרשווונדן געוואָרן, ווען צו זיי האָט זיך דערטראָגן א הילכיק געלעכטער, וועלכער האָט געקלונגען ערגעץ נאָענט.

— איר הערט? — דאָס איז מאַשע... אָט זענען מיר שוין געקומען.

זי האָט אָנגעהויבן צו מאכן גיכערע טריט און א געשריי געטון:

— מאַשע, אַו!

— וואָס שרייט זי? — האָט מיט באַדויערונג איפּאָליט סערגע־יעוויטש זיך א טראַכט געטון.

זיי זענען ארויס אויפן ברעג טייך; דער ברעג האָט זיך באַרג־אראָפּ אראָפּגעלאָזט צום וואסער און פון יענער זייט באַרג

ענען געשטאַנען קאַפּריזנע פּאַנאַנדערגעוואָרפן, פּריילעכע גרופּעס קושאַקעס און אָסינעס. אויפן קעגנזייטיקן ברעג ווידער, זענען ביים סאַמען וואַסער געשטאַנען הויכע, שווייגנדיקע סאָסנעס, אָנ פילנדיק די לופט, מיט א געדיכטן סמאָלעדיקן ריח. דאָרט איז אַלץ געווען כמורנע, אומבאַוועגלעך איינטאָניק און דורכגעדרונגען מיט א האַרבער ערנסטקייט און דאָ — האָבן די גראַציעזע קושאַקעס געשאָקלט מיט זייערע בייגזאַמע צווייגן, נערוועזש האָבן געציטערט די זילבער-קאָלירטע בלעטער פון דער אָסינע, קאַלינע און ניס-בוימער זענען געשטאַנען אין פּרעכטיקע קופּעס און זיך אָפּגעשפּיגלט אין וואַסער; דאָרט העט, אויפן קעגנזייטיקן ברעג טייך איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַ געלער זאַמד, באַזייט מיט רויטלעכע בוים-נאָדלען, דאָ אונטער די פיס האָבן זיך געגרינט שפּראָצונגען פון אַטאַוועס און פון די קופּעס היי, וואָס זענען געווען פאַרנאַנדערגעוואָרפן צווישן די ביימער, האָט זיך געטראָגן א מחיהדיקער ריח. דער טייך א רויקער און קאַלטער, האָט אָפּגעשפּיגלט, ווי א אמתער שפּיגל, דידאָזיקע צוויי וועלטן, וועלכע זענען געווען אזוי נישט ענלעך איינע צו דער אנדערער.

אין שאָטן פון א גרופּע בזשאָזעס איז געווען אויסגעשפּרייט א בולטער טעפּיך, אויף אים איז געשטאַנען א סאַמאָוואַר, ארויסלאָזנדיק שטראָמלעך דאַמף און א בלויען רויך, און נעבן סאַמאָוואַר האָט זיך צווזעצנדיק אויף די פיס, מאַשע געפּאָרעט מיט א טשאַיניקל אין דער האַנט. דאָס פּנים אירס איז געווען א שיינס, גליקלעכס און די האָר אויפן קאָפּ נאַסע.

— דו האָסט זיך געבאָדן? האָט וואַרענקע זי געפרעגט. — ווו איז גריגאָרי?

— ער איז אויך געפאָרן זיך באָדן. ער וועט זיך באַלד צוריקקערן.

— איך דאַרף אים נישט. כ'וויל עסן, טרינקן און נאָכאמאָל עסן און טרינקן! אָט אזוי! און איר, איפּאָליט סערגעיעוויטש?

כ'וועל זיך אויך נישט אָפּזאָגן, — האָט ער א לאַך געטון — ביכער מאַשע!

— וואָס וועט איר זיך פריער הייסן דערלאנגען? קורטשע-קעס, פּאַשטעט...
— דערלאַנג אַלץ מיטאַמאָל און קאָנסט פאַרשווינדן ווערן! ס'קאָן זיין, אַז עמעצער וואַרט אויף דיר?
— ס'איז נישטאָ ווער ס'זאָל אויף מיר וואַרטן — האָט שטיל זיך מאַשע צעלאַכט, קוקנדיק אויף וואַרענקען מיט דאַנק-באַרע אויגן.
— גוט. דערציייל עס דער באָבען!
— ווי פּשוט ביי איר קומט עס אַלץ אויס — האָט זיך איפּאָליט סערגעיעוויטש געטראַכט זיך נעמענדיק צו די קורטשע-קעס — צי ווייסט זי דען נישט דעם זין און די פּרטים פון אַזעלכע באַציונגען? העכסט וואַרשיינלעך, אַז זי ווייסט יאָ, ווייל דאָס דאַרף איז דאָך אין דער הינזיכט אַזוי גראָב און אָפנהאַר-ציק און האַלט קיין זאַך נישט פאַרבאָרגן.
וואַרענקע האָט מיט אַ געלעכטער אויסגעלאַכט סאַשעס פאַרשעמטקייט און זי, מאַשע, איז געשטאַנען פאַר איר אַראָפּ-לאָזנדיק די אויגן, מיט אַ שמייכל פון גליק אויפן פּנים.
— וואַרט, נאַר, וואַרט, ער וועט דיך שוין אַ נעם טון אין האַנט אַריין! — האָט זי איר געדראָט.
— אַ שפּאַס אַביסל! און איר מיינט, אַז איך וועל עס אַזוי לייכט לאָזן טון מיט מיר וואָס מען וויל!... איך וועל אים פאַרשטייט איר מיך... — און זי האָט, פאַרדעקנדיק דאָס פּנים מיטן פאַרטוך, זיך אָנגעהויבן שאָקלען אויף די פיס אין אַן אָנ-פאַל פון אַ שטאַרקן געלעכטער, פון וועלכן זי האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן — אויפן וועג האָב איך אים אַריינגעשטופּט אין וואַסער אַריין!
— אַזוי? ביסט אַ בריה פון אַ מיידל! און ער וואָס האָט געטון?
— ער איז געשווימען נאָכן שיפל... און... און האָט זיך אַלץ געבעטן, כ'זאָל אים אַריינלאָזן אין שיפל אַריין... און איך האָב אים... אַ וואָרף געטון אַ שטריק!
דאָס אָנשטעקנדיקע געלעכטער פון ביידע פרויען האָט

געצווונגען איפּאָליט סערגעיעוויטשן זיך אויף פאַנאַנדערצולאַכן. ער האָט געלאַכט נישט פון דעם, וואָס ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי גריגאָרי איז געשווימען נאָכן שיפל, נאָר דערפאַר, וואָס ער, איפּאָליט האָט זיך איצט געפילט גוט און אויפגעלייגט.

דאָס געפיל פון פרייהייט מיט זיך גופא, האָט אָנגעפילט זיין גאַנץ וועזן און צייטנווייז האָט ער ערגעץ פון דערווייטנס זיך געוווּנדערט פון זיך, באַמערקנדיק, אַז נאָך קיינמאָל נישט איז ער נאָך נישט געווען אַזוי פשוט פריילעך און לוסטיק, ווי אינם דאָזיקן מאָמענט.

דערנאָך איז מאַשע פאַרשוווּנדן געוואָרן און ער איז ווידער געבליבן אַליין מיט וואַרענקען.

וואַרענקע איז האַלב געלעגן אויפן טעפּיך און געטרונקען טיי, און איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט אויף איר געקוקט ווי עפּעס דורך אַ רויכל פון דרעמלען.

אַרום זיי איז געווען שטיל, דער סאַמאָוואַר האָט נאָר געזונגען אַ טרוימערישע מעלאָדיע און צייטנווייז האָט זיך געהערט אַ שאָרך אינם גראָז.

— וואָס זענט איר עפּעס אַזאַ שווייגנדיקער? — האָט וואַרענקע געפרעגט, זאָרגזאַם אויף אים קוקנדיק. — אייך איז אפשר לאַנגווייליק?

— ניין כ׳פיל זיך גאַנץ גוט און לוסטיק — האָט ער פאַמעלעך געענטפערט, — אָבער ס׳ווילט זיך עפּעס נישט ריידן.

— איך אויך דאָס זעלבע — האָט זיך וואַרענקע ווי אָנגעכאַפּט — ווען ס׳איז שטיל, ווילט זיך מיר נישט ריידן, מיט ווערטער איז דאָך שווער צו זאָגן, ווייל ס׳זענען פאַראַן געפילן, פאַר וועלכע ס׳פעלן ווערטער זיי אויסצודריקן. און ווען מען זאָגט — שטילקייט, איז דאָס נישט ריכטיק: וועגן שטילקייט קאָן מען נישט ריידן, נישט פאַרניכטנדיק זי... נישט אַזוי?

זי האָט אַביטל געשוויגן, אַ קוק געטון אויפן סאָסנע-וואַלד און, אָנווייזנדיק אויף אים מיט דער האַנט, האָט זי געפרעגט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן:

— זעט, די סאָסנעס הערן זיך צו עפּעס צו. אַזאַ איינ־דרוק מאַכן זיי. דאָרט, צווישן זיי, איז שטיל, שטיל. מיר דאַכט זיך צייטנווייז, אַז בעסער פון אַלץ איז צו לעבן אַזוי, אין דער שטילקייט. נאָר גוט איז אויך בעת אַ געוויטער... אָך, ווי גוט! דער הימל איז אַ שוואַרצער, די בליצן זענען בייזע, אַ פינצטער־קייט, דער ווינט וואָיעט... דעמאָלט איז גוט אַרויסצוגיין אין פעלד און שטיין דאָרט און זינגען — זינגען הויך, אָדער לויפן אונטערן רעגן, קעגן ווינט. אַזוי איז אויך ווינטערצייט. איר ווייסט, אַמאָל בעת אַ זאַווערוכע בין איך פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן און שיער נישט פאַרפרוירן געוואָרן.

— דערציילט, ווי אַזוי איז דאָס פאָרגעקומען? — האָט ער געבעטן.

אים איז געווען אָנגענעם צו הערן, ווי זי דערציילט, — ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי רעדט צו אים גאָר מיט אַן אַנ־דער שפּראַך, הנם דידאָזיקע שפּראַך איז אים געווען פאַרשטענ־דלעך.

— כ'בין געפאָרן פון שטאָט שפּעט אין דער נאַכט, — האָט זי אָנגעהויבן, צוריקנדיק זיך צו אים און אָפּשטעלנדיק די שטיל שמייכלענדיקע אויגן אויף זיין פּנים. — אָנגעטריבן די פערד האָט דאַן דער קוטשער יאַקאָוו, אַזאַ אַלטער און שטרענ־גער פויער. און אָט האָט זיך אָנגעהויבן אַ זאַוויערוכע, אַ שרעק־לעכע זאַוויערוכע און האָט געשמיסן גלייך אונדז אין פּנים אריין; טוט זיך דער ווינט אַ ריס און טוט אונדז אַ שליידער אין פּנים אַ גאַנצע כמאַרע שניי אַזוי, אַז די פערד הייבן אָן זיך צוריק־צורוקן און יאַקאָוו — זיך שאָקלען אויף דער קאָזלע. אַרום זידט און קאָכט אַלץ ווי אין אַ קעסל, און מיר זענען אין אַ קאָלטן שוים. פאָרן מיר אַזוי ווייטער, פאָרן, דערנאָך זע איך, ווי יאַקאָוו נעמט אַראָפּ דאָס היטל פון קאָפּ און צלמט זיך.

— וואָס איז? — פרעג איך אים.

— בעט, פריילין, גאָט און וואַרוואַרין, די גרויסע מאַרטי־רערין, זי העלפט אין ראַטעוועט פון אַן אומגעריכטן טויט.

ער האָט גערעדט פּשוט, אָן שרעק, אַזוי, אַז איך האָב זיך נישט דערשראָקן;

כ׳פרעג אים:

— מיר האָבן זיך פאַרבלאָנדזשעט?

— יאָ — ענטפערט ער.

— מעגלעך, אפשר, אַז מיר וועלן ווי עס איז זיך אָנשטויסן און אַרויספאָרן אויף אַ וועג?

— ווי קאָן מען אין אַזאַ זאַווערוכע אויפן וועג? אָט וועל איך אַראָפּלאָזן די לייצעס, אפשר וועלן די פערד אַליין אַוועקגיין, נאָר איר, אָבער, דערמאָנט זיך אין גאָט!

ער איז זייער אַ פרומער, דערדאָזיקער יאַקאָוו.

די פערד זענען געבליבן שטיין. און אונדז פאַרשיט עס מיט שניי. קאַלט! דער שניי שניידט דאָס פּנים. יאַקאָוו איז אַראָפּ פון דער קאָזלע און האָט זיך געזעצט נעבן מיר, כּדי אונדז ביידע זאָל וואַרעמער זיין, און מיר האָבן זיך איינגעהילט איבערן קאָפּ מיט אַ טעפּיך, וואָס איז געלעגן אין שליטן. נאָר אויפן טעפּיך איז אָנגעפאַלן אַ סך שניי און ער איז געוואָרן שווער.

כ׳בין געזעסן און האָב זיך געטראַכט: יאָ, כ׳בין שוין אַ פאַרפאַלענע און וועל שוין נישט פאַרזוכן די קאַרמעלקעס, וואָס איך האָב געפירט מיט זיך פון דער שטאָט... נאָר שרעקלעך איז מיר נישט געווען, ווייל יאַקאָוו האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו ריידן.

כ׳געדענק ווי ער האָט געזאָגט: ס׳איז מיר אויף אייך אַ רחמנות, פריילין! צוואָס זאָלט איר אומקומען פון דער וועלט?

— אָבער דו וועסט דאָך אויך פאַרפרוירן ווערן? — זאָג איך צו אים.

— אויף מיר — רופט ער זיך אָפּ — איז נישט אַזאַ רחמנות — איך האָב שוין גענוג געלעבט, אָבער איר זענט דאָך גאָר אַזוי יינג...

און רעדט אַלץ וועגן מיר. ער האָט מיך זייער ליב, זידלט מיך אפילו, וואָרטשעט אויף מיר, ברוגז אזוי: — „אַך, דו אפּיקורסטע איינע, דו היציקער קאָפּ, דו אומפאַרשעמטע...

זי האָט געמאַכט אַ ברוגזדיקע מינע, גערעדט מיט אַ גע־דיכטן באַס, נאָכמאַכנדיק, ווי יאַקאָוו רעדט, און אויסגעצויגן די ווערטער.

די דעראַינערונג פון יאַקאָוון האָט זי אָפּגעווענדט פון איר פריערדיקע דערציילונג, און איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט זי גע־מוזט פרעגן:

— ווי אַזוי־זשע האָט איר געפונען דעם וועג און זענט ניצול געוואָרן?

— ווייל די פערד איז געוואָרן שטאַרק קאַלט און זיי זע־נען אַליין אַוועק. זיי זענען געגאַנגען — געגאַנגען, ביז זיי זע־נען דערגאַנגען צו אַ דאָרף. וואָס איז געלעגן אויף אַ מרחק פון דרייצן וויאָרסט פון אונדזער דאָרף. איר ווייסט, צו אונדזער דאָרף איז פון דאַנען גאָר נאָענט, אַ וויאָרסט פיר אפשר. אָט, ווען מ׳גייט אַזוי אין דער לענג פון ברעג און דערנאָך איבער דער סטעזשקע, אין וואַלד אויף רעכטס, וועט דאָרט זיין אַ טאָל און פון דאָרט זעט מען שוין אונדזער פאָלוואַרק. אָבער מיטן גלייכן וועג צו אונדז איז פון דאַנען אַ וויאָרסט צען.

עפּעס דרייסטע פייגעלעך זענען אַרומגעפלויגן אַרום זיי און, זיך אַנידערזעצנדיק אויף די צווייגעלעך פון די קוסטעס, האָבן זיי געטשוויטשערט, פונקט ווי זיי וואָלטן איינס דעם אַנ־דערן איבערגעגעבן זייערע איינדרוקן וועגן דידאָזיקע צוויי מענטשן, די איינזאַמע אין מיטן וואַלד. פון דערווייטנס האָט זיך דערטראָגן אַ געלעכטער, אַ רייד און אַ פּליעסקן פון רודערס, הפנים אַז גריגאָרי און מאַשע האָבן געמאַכט אַ שפּאַציר איבערן טייך.

— מיר וועלן זיי אפשר צורופן און אַריבערפאָרן אויף יענער זייט אין די סאָסנעס? — האָט וואַרענקע פאָרגעלייגט.

ער איז אויף דעם איינגעגאַנגען און צושטעלנדיק צום מויל די האַנט ווי אַ רופאָר, האָט וואַרענקע אָנגעהויבן צו שרייען:

— שווימט אַ—הער־צו!

פונם געשריי האָט זיך איר ברוסט אָנגעשטרענגט און אי־פּאָליט סערגעיעוויטש האָט, שווייגנדיק, פון איר אָנגעקוואָלן.

ער האָט געהאַט וועגן עפּעס זיך צו פאַרטראַכטן — וועג, עפּעס זייער וויכטיקס, נאָר טראַכטן האָט זיך אים נישט גע־וואָלט און דערדאָזיקער שוואַכער רוף פונם מוח האָט אים נישט געשטערט רויק און פריי זיך אָפּצוגעבן אַ מער שטאַרקערן באַפעל פונם געפיל.

ס'האָט זיך באַוויזן דאָס שיפל.

גריגאָרי האָט געהאַט אַ כיטרע פּנים און אַביסל אַ פאַר־שולדיקטס; מאַשע ווידער, — אַ געמאַכט־ברוגז פּנים; אָבער וואַ־רענקע, זיך אַריינזעצנדיק אין שיפל, האָט אויף זיי אַ קוק געטון און זיך צעלאַכט, דאַן האָבן זיי ביידע אויך זיך צעלאַכט, פאַר־שעמטע און גליקלעכע.

„די ווענוס, און די קנעכט, וועלכע זענען באַגנעדיקט גע־וואָרן דורך אים" — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש זיך אַ טראַכט געטון.

אין סאָסנע־וואַלד איז געווען פייערלעך־שטיל, ווי אין אַ טעמפּל, און די מעכטיקע שלאַנקע סאָסנעס, זענען געשטאַנען, ווי קאָלאָנעס אונטערהאַלטנדיק דאָס שווערע געוועלב פון טונקעלן גרינס. דער וואַרעמער און געדיכטער ריח פון סמאָלע האָט אָנ־געפילט די לופט, און אונטער די פיס האָט שטיל געקנאַקט דער סכך. פון פאָרנט, פון הינטן, פון די זייטן — אומעטום זענען געשטאַנען רויטלעכע סאָסנעס און נאָר ערגעץ ווו האָט זיך, ביי זייערע וואָרצלען, דורך אַ שיכט בוים־נאָדלען, דורכגעשלאָגן אַ בלאַס גראָז.

אין שטילקייט און שווייגן האָבן צוויי מענטשן פאַמעלעך געבלאָנדזשעט צווישן די דאָזיקע גרויסע ביימער, פאַרקערווענדיק דאָ אויף רעכטס, דאָ אויף לינקס פאַר די ביימער. וועלכע האָבן זיי פאַרשטעלט דעם וועג.

— מיר וועלן זיך נישט פאַרבלאָנדזשען? — האָט איפּאָ־ליט סערגעיעוויטש געפרעגט.

— איך זיך פאַרבלאָנדזשען? — האָט זיך וואַרענקע גע־חידושט — ווי קאָן עס אים איינפאַלן אַזעלכעס — כ'וועל או־

מעטום געפונען די ריכטונג, וואָס איך באַדאַרף... כ׳דאַרף נאָר אַ קוק טון אויף דער זון.

ער האָט זי נישט געפרעגט, וויאַזוי די זון ווייזט איר דעם וועג; אים האָט זיך לחלוטין נישט געוואָלט ריידן, הגם ער האָט צייטנווייז געפילט, אז ער האָט איר פיל געקאָנט זאָגן.

נאָר דאָס זענען געווען אינערלעכע עקספּלוזיעס פון באַגערן, וואָס זענען אויסגעבראָכן אויפן אויבערפלאַך פון זיין רויקער שטימונג און וואָס זענען אין אַ רגע אויסגעלאָשן געוואָרן, נישט אויפרעגנדיק אים.

וואַרענקע איז געגאַנגען אין אַריי מיט אים און ער האָט אויף איר פּנים געזען אַן אויסדרוק פון אַ שטילער אַנטציקונג.

— גוט? — האָט זי זעלטן אים געפרעגט — און אַ ליבפּעך שמייכל האָט געצווונגען אירע ליפּן אויפצוציטערן.

— יאָ, זייער גוט און שיין — האָט ער קורץ אָפּגעענטפערט און ווידער האָבן זיי געשוויגן, גייענדיק איבערן וואַלד.

אים האָט זיך געדאַכט, אז ער איז פאַרליבט מיט אַזאַ יראת־הכּבוד פון ליבע, וואָס איז פרעמד יעדן זינדיקן געדאַנק און יעדן אינערלעכן קאַמף מיט זיך אַליין! נאָר יעדעס מאָל, ווען זיינע אויגן האָבן אַנגעכאַפּט אַ פלעק בלאָטע אויף איר קלייד, איז אים אויף דער נשמה געפאַלן אַ באַאומרויקנדיקער שאָטן.

און ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וויאַזוי דאָס איז געשען, וואָס פונקט אין דער רגע, ווען אַזאַ שאָטן האָט אַרומגעהילט זיין באַוווסטזיין, האָט ער, כּמעט אָפּזיפצנדיק, פונקט ווי ער וואָלט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אַ שווערע משא, אַ זאָג געטון:

— ס׳אַרע בילד־שיינע איר זענט!

— וואָס איז דאָס מיט אייך? איר האָט געשוויגן, געשוויגן. און — מיטאַמאָל באַקומען לשון!

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט שוואַך זיך צעלאַכט, אָפּגעשוואַכט פון איר רויִקייט.

— דאָ איז דאָך אַזוי שיין! דער וואַלד איז אַזוי שיין...

און איר זעט אין אים אויס ווי אַ בת־מלכּה... אָבער איר זענט די געטין און דער וואַלד איז דער היכל.

— ניין — האָט זי שמייכלענדיק זיך אָפּגערופן — דאָס איז נישט מיין וואַלד, ער געהער צו דער רעגירונג; אונדזער וואַלד ליגט דאָרט אַראָפּ אין דער לענג פונם טייך.

און זי האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אָן אַ זייט.

זי מאַכט אַ שפּאַס, אָדער... זי פאַרשטייט נישט? — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש אַ טראַכט געטון, און אים האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערברענען אַ נישט אָפּשטייענדיקער ווונטש צו ריידן מ׳ט איר וועגן שיינקייט.

זי איז אָבער געווען פאַרטראַכט, און רו׳ק און דאָס האָט אים איינגעהאַלטן די גאַנצע צייט פון זייער שפּאַציר.

שפּאַצירט האָבן זיי נאָך לאַנג, נאָר גערעדט האָבן זיי שוין ווייניק, ווייל די ווייכע און די פריידיקע איינדרוקן פונם דאָזיקן טאָג, האָבן באַהויכט זייערע נשמות מיט אַ זיסער מידקייט, אין וועלכער ס׳זענען איינגעשלאָפן געוואָרן זייערע אַלע באַגערן, אַ חוץ דעם באַגער צו טראַכטן וועגן עפּעס אַזעלכעס, וואָס קאָן נישט אויסגעדריקט ווערן דורכן וואָרט.

צוריקקערנדיק זיך אַ היים, האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ איז נאָך נישט געקומען צופאָרן צוריק. און זיי האָבן אָנגעהויבן טרינקען טיי, וועלכן מאַשע האָט אינדערגיך צוגעגרייט. באַלד נאָכן טיי איז וואַרענקע אַוועקגעפאָרן אַ היים נעמענדיק פון אים אַ וואָרט, אַז ער וועט קומען צופאָרן צו זיי צו גאַסט צוזאַמען מיט זיין שוועסטער. ער האָט זי באַגלייט און ווען ער איז אַרויס אויף דער ווערענדע, האָט ער זיך געכאַפּט ביי אַ מאָדנעם געפיל, — ביי אַ עמפּינדונג פון אַ אבידה, אַ פאַרלוסט פון עפּעס אַזעלכעס. וואָס איז פאַר אים נעוואָרן טייטיק ווי דאָס לעבן.

זיצנדיק ביים טיש, אויף וועלכן ס׳איז געשטאַנען זיין קאַלט געוואָרן גלאָז טיי, האָט ער פּרובירט זיך שטרענג איבערצורריידן, צו פאַרניכטן דאָסדאָזיקע גאַנצע שפּיל פ׳ן די געפילן, וואָס זענען צערייצט געוואָרן אין אים אין משך פונם

טאָג, נאָר אין אים איז אַנטשטאַנען אַ רחמנות אויף זיך אַליין און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון יעדער אָפּעראַציע איבער זיך.

צוואָס? — האָט ער זיך געטראַכט — צי איז דען דאָס אַלץ ערנסט? דאָס איז דאָך בלויז אַ שטיפעריי און מער גאָרנישט. דאָס שאַדט איר נישט, ס'קאָן איר נישט שאָדן, ווען איך וואָלט אפילו געוואָלט, אַז עס זאָל איר יאָ שאָדן. דאָס שטערט מיר אַביסל צו לעבן... נאָר דאָ איז פאַראַן אַזוי פיל יונגס און שיינס...

דערנאָך, נאַכזיכטיק שמייכלענדיק זיך אַליין, האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין פעסטן באַשלוס צו אַנטוויקלען איר מוח און אָן זיינע נישט געלונגענע פרוון דאָס צו טאָן.

— ניין, הפנים, אַז מיט איר דאַרף מען ריידן מיט אַן אַנדער שפּראַך. דידאָזיקע תמימותדיקע נאַטורן זענען נוטה אַוועקצוגעבן זייער מיטלמעסיקייט פאַר דער מעטאַפיזיק... פאַרטיידיקנדיק זיך פון דער לאָגיק דורך אַ פאַנצער, פון אַ בלינדן פרימיטיוון געפיל... אַ מאָדנע מיידל דאָס איז!

אים האָט געטראָפן די שוועסטער — און געדאַנקען וועגן וואַרענקען. די שוועסטער איז אָנגעקומען אַ לוסטיקע, אַ לעבעדיקע — אין אַזאַ צושטאַנד האָט ער עד-היום זי נאָך נישט געזען.

הייסנדיק מאַשען צוואַרפן קוילן אין סאַמאָוואַר, האָט זי זיך אַנידערגעזעצט אַקעגן ברודער און אים אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן ביענקאָווסקין.

פון אַלע שפּאַרעס פון זייער הויז קוקט אַרויס דער דלות. ער קוקט אַרויס פון אומעטום, ווי ער וואָלט געפייערט אַ נצחון איבער דערדאָזיקער משפחה. אין הויז איז דאַכט זיך, נישטאָ קיין פרוטה און קיין שום זאַפּאַסן; צו מיטאָג האָט מען געשיקט אין דאָרף אַריין נאָך אייער. דאָס מיטאָג איז געווען אָן פלייש. און דעריבער האָט דער אַלטער ביענקאָווסקי זייער פיל גערעדט וועגן וועגעטעריאַניזם און וועגן דער מעגלעכקייט, אַז די מענטשן זאָלן מאָראַליש ווערן ניי-געבוירן אויפן דאָזיקן באָדן. ביי-

זיי טראָגט פון אומעטום א ריח פון צעפוילטקייט און אַלע זע־נען זיי בייזע־פון הונגער, הפנים. זי איז צו זיי געפאָרן מיט א פאָרשלאַג, זיי זאָלן איר פאַרקויפן א שטיקל ערד, וואָס שניידט זיך איין אין שטח פון איר גוט.

— צוואָס האָסטו עס געדאַרפט? — איז ער נייגעריק גע־ווען צו וויסן.

— נו, דיר זענען געוויס פרעמד די טעמים, וועלכע איך האָב דערביי געהאַט. שטעל זיך פאָר, אַז דאָס האָב איך געטון צוליב מיינע קינפטיקע קינדער, — האָט זי לאַכנדיק, געזאָגט.— נו. און דו, האָסט גוט פאַרבראַכט די צייט?

— זייער אָנגענעם פאַרבראַכט.

זי האָט אַ ווײַלע געשוויגן, קוקנדיק אויף אים פון אונטערן שטערן.

— אַנטשולדיק פאַר דער פראַגע... דו האָסט נישט מורא אַביסל זיך צו פאַרליבן אין וואַרענקען?

— וואָס איז דאָ פאַראַן וואָס מורא צו האָבן?—האָט ער זי געפרעגט מיט אַן אינטערעס וואָס איז פאַר אים נישט געווען פאַרשטענדלעך.

— פאַר דער מעגלעכקייט זיך שטאַרק צו פאַרליבן?

— דאָס וועל איך קוים קאָנען... — האָט ער סקעפּטיש געענטפערט און געגלייבט, אַז ער זאָגט דעם אמת.

— אויב אַזוי, איז גאַנץ גוט. אַביסל—איז גוט. ס'איז נישט גוט, וואָס דו ביסט אַביסל צו טרוקן... צו ערנסט... אין דיינע יאָרן איז דאָס א חסרון. און ס'וועט מיר, כ'לעבן, הנאה טון, אויב זי וועט דיך אויפטרייסלען... אפשר וואָלסטו געוואָלט זי זען אָפּטער?...

— זי האָט ביי מיר גענומען א וואָרט, איך זאָל קומען צופאָרן צו זיי און געבעטן דו זאָלסט אויך קומען... — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש מיטגעטיילט.

— ווען ווילסטו פאָרן?

— אַלציינס... ווי דו וועסט געפינען פאַר באַקוועם. דו ביסט הײַנט אין א גוטער שטימונג.

— דאָס איז שטאַרק צו באַמערקן? – האָט זי זיך צעלאַכט. — וואָס־זשע? כ'האָב גוט פאַרבראַכט דעם טאָג בכלל... כ'האָב מורא, אַז דאָס וועט דיר זיך אויסווייזן ציניש. נאָר, כ'לעבן, זייט דעם טאָג פון מיין מאַנס לוויה, פיל איך, אַז איך ווער ניי געבוירן... כ'בין עגאָיסטיש — געוויס! נאָר דאָס איז א געזונטער עגאָיזם פון א מענטשן, וועלכער איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון דער תפיסה אויף דער פרייהייט... משפט מיך, נאָר זיי יושרדיק.

— וויפיל באַוואָרענישן פאַר אַזאַ קליינער רעדע! ס'טוט דיר הנאה — איז גוט. געזונטערהייט, אדרבה... — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש זיך ליבלעך צעלאַכט.

— דו ביסט אויך היינט א גוטער און ליבער — האָט זי געזאָגט — זעסטו,—אַ קאָפּעטשקע גליק — און דער מענטש ווערט שוין מיטאַמאָל בעסער און ווייכער. און עטלעכע צו קלוגע מענטשן האַלטן, אַז אונדז רייניקן און דערהייבן גאָר די צרות און ליידן און נישט דאָס גליק... כ'וואָלט געוואָלט, אַז דאָס לעבן, אָנווענדנדיק בנוגע זיי דידאָזיקע טעאָריע, זאָל אָפּרייניקן זייערע מוחות פון טעותים און פאַרבלענדענישן!...

ווען מ'וואָלט געצווונגען וואַרענקען ליידן צרות וואָס וואָלט מיט איר געווען? — האָט זיך אַליין איפּאָליט סערגעיעוויטש געפרעגט.

קורץ דערויף זענען זיי זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. זי האָט זיך גענומען שפּילן און ער איז אַוועק צו זיך אין צימער, האָט זיך דאָרט צוגעלייגט און זיך באַטראַכט, — וואָס פאַר אַ פאַרשטעלונג ס'האָט זיך געבילדעט וועגן אים ביים דאָזיקן מיידל? האַלט זי אים פאַר אַ שייגעץ? אָדער פאַר אַ קלוגן? וואָס קאָן איר אין אים געפעלן? עפעס ציט זי צו אים — דאָס איז פאַר אים קלאָר, ווי דער טאָג, נאָר שווער צו זאָגן, אַז ער זאָל אין אירע אויגן האָבן א ווערט אַלס קלוגער, געלערנטער מענטש; זי וואַרפט דאָך אַזוי לייכט אָפּ פון זיך אַלע זיינע טעאָריעס, אָנשווינגען און יעדן „מוסר־השכל". גיכער פון אַלץ, און וואָרשיינלעכער איז, אַז ער געפעלט איר פשוט אַלס מאַנספאַרשוין.

און דערגייענדיק צו אַזאַ מסקנה, האָט איפּאָליט סערגעיע-

וויטש זיך א צינד-אויף געטון פון שטאָלצער פרייד. פאַרמאַכניק די אויגן, האָט ער מיט א שמייכל פון צופרידנקייט זיך פאָדגע- שטעלט דאָסדאָזיקע מיידל — ווי ער האָט זי גובר געווען, ווי זי איז הכנעהדיק בנוגע אים און איז פאַר אים גרייט אויף אַלץ, ווי זי בעט אים נישט דרייסט, ער זאָל זי נעמען און אויסלער- נען דענקען, לעבן און ליבן.

III

ווען יעליזאַוועטע סערגע־עוונעס קאָטש האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן גאַנעק פונם פּאָלקאָווניק אָליעסאָווסי הויז, האָט זי אויפן גאַנעק באַוויזן אַ לאַנגע און מאָגערע פגור פון אַ פרוי אין א גראָע בלוזע און ס'האָט זיך דערהערט אַ באַס, אין וועלכן ס'האָט זיך שאַרף אויסגעטיילט דער „ר".

— אַ–אַ! — וואָס פאַר א אָנגענעמער סיורפּריז!

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט אַזש אַ ציטער געטון פון דערדאָזיקער באַגריסונג, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ בייזן וואָרטשען.

— מיין ברודער איפּאָליט... — האָט יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ פאָרגעשטעלט זיך צעקושנדיק מיט דער פרוי.

— מאַרגאַריטע ראָדיאָנאָוונאַ לוטשיצקאַיאַ.

פינף קאַלטע און קלאַמערנדיקע ביינער האָבן א דריק געטון איפּאָליטס פינגער; בלאַנקנדיקע גראָע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף זיין פנים, און די מומע לוטשיצקאַיאַ האָט אָפּגעבאַסעוועט, אויסריידנדיק האַרט יעדע זילבע, פונקט ווי זי וואָלט געציילט די זילבן און מורא געהאַט צו זאָגן עפּעס איבעריקס.

— ס'וועט מיר זייער הנאה טון צו זיין מיט אייך באַקענט.

דערנאָך האָט זי זיך אָפּגערוקט אָן א זייט און א טייטל געטון מיט דער האַנט אויף דער טיר פון צימער.

— ביטע!

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט איבערגעטראָטן די שוועל און אַנטקעגן אים האָט זיך פון ערגעץ דערטראָגן אַ הייזעריק הוסטן און אַ צערייצט בייז קול:

— אַ רוח אין דיינע ביינער אַריין! גיי טו א קוק און זאָג, ווער ס'איז געקומען צופאָרן.

— גיי, גיי — האָט יעליזאַוועטע סערגעיעווגאַ אונטערגעגעבן חשק דעם ברודער, באַמערקנדיק, אַז ער האָט זיך נישט אַנטשידן אָפגעשטעלט — דאָס שרייט דער פאָלקאָווניק... דאָס זענען מיר געקומען צופאָרן פאָלקאָווניק!

אינמיטן צימער מיט אַ נידעריקן סופיט איז געשטאַנען אַ מאַסיווער פאָטעל און אין דאָזיקן איז געווען אַריינגעשטופט אַ גרויסער ווייכער גוף מיט אַ רויט אָפגעבליאַקעוועט פנים, באַוואַקסן מיט א גראָצן מאָך. דער אייבערשטער טייל פון דערדאָזיקער מאַסע האָט זיך געדרייט אויף זיין אָרט, אַרויסלאָזנדיק אַ שווער כריפּען. פון יענער זייט פאָטעל איז געשטאַנען אַ ברייטפּלייציקע הויכע אין דיקע פרוי, וועלכע האָט געקוקט אויף איפּאָליט סערגעיעוויטשן מיט טריבע אויגן.

— ס'פרייט מיך אייך צו זען... אייער ברודער?...—פאָלקאָוויניק וואַסילי אָליעסאָוו... כ'האָב געשלאָגן די טערקן און טעקינער און אַצינד בין איך אליין צעקלאַפּט דורך חולאתן... כאַ—כאַ-כאַ! ס'פרייט מיך אייך צו זען... מיר האָט וואַרוואַרע אַ גאַנצן זומער געפּויקט אין די אויערן וועגן אייער געלערנטקייט, פאַרשטאַנד און אַזוי ווייטער. כ'בעט אייך אַריינגיין אַהער, אין גאַסטצימער... פיאָקלע, פירי...

ס'האָבן אַ קוויטשע געטאָן די רעדער פונם פאָטעל, דער פאָלקאָווניק האָט זיך אַ שאָקל געטאָן מיטן קערפּער פאָרויס, זיך אַ וואָרף אָפּ געטאָן צוריק און זיך שטאַרק און הייזעריק צעהוסט, באַמבלענדיק דערביי מיטן קאָפּ אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט, אַז דער קאָפּ זאָל זיך ביי אים אָפּרייסן.

— ווען דער פריץ הוסט — בלייב שטיין! כ'האָב דיר דאָך שוין געזאָגט טויזנט מאָל!

און די מומע לוטשיצקאַיאַ, האָט אַ כאַפּ טוענדיק פּיאַקלען פּאַר די פּלייצעס, זי צוגעקוועטשט צו דער פּאָדלאָגע.

די פּאָלקאַנאָווס זענען געשטאַנען און האָבן געוואַרט — דער שווערער גוף פון אָליעסאָוון, וואָס האָט זיך שטאַרק געשאָקלט, זאָל זיך אָפּהוסטן.

ענדלעך האָבן זיי זיך אַ רוק געטון ווייטער און זענען אַריין אין אַ קליין צימערל, ווו ס'איז געווען דושנע, פּינצטער און ענג פון זייער פיל מעבל, וואָס איז דאָרט געווען אויסגעשטעלט אין לייוונטענע איבערצוגן.

— זעצט זיך... פּיאָקלע — נאָבן פריילין! — האָט אַ קאָמאַנדע געטון די מומע לוטשיצקאַיאַ.

— יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ, טייבעלע, ס'פרייט מיך זייער אייך צו זען! — האָט דער פּאָלקאָווניק דערקלערט, קוקנדיק אויף איר פון אונטער די גרויע ברעמען, וועלכע זענען זיך צוזאַמענגעוואַקסן אויף יענעם אָרט שטערן, ווו ס'הייבט זיך אָן די נאָז. ער האָט אויף איר געקוקט מיט רונדע אויגן, ווי ביי אַן אָדלער. דעם פּאָלקאָווניקס נאָז איז געווען קאָמיש גרויס און זיין עק, אַ בלאָליכער און בלאַקנדיקער, האָט זיך אומעטיק באַהאַלטן אין די גראָע צוגעשוירענע האָר פון די וואָנסעס.

— כ'ווייס, אַז אייך פרייט מיך צו זען, פּונקט ווי מיר טוט הנאה אייך צו זען. – האָט ליבלעך יעליזאַוועטע געזאָגט.

— כאָ־כאָ־כאָ! דאָס, — פּאַרדאָן! — זאָגט איר אַ ליגן! וואָס פּאַר אַ הנאה קאָן זיין צו זען אַן אַלטן מאַן, אַ פּאַראַליזירטן נאָך דערצו וועלכער קרענקט פון אַ שרעקלעכן דורשט נאָך שנאַפּס און לעכצט צו מאַכן אַ כוסה? מיט אַ יאָר פינפאונצוואַנציק צוריק איז ווירקלעך געווען אַ נחת אַ קוק צו טון אויף וואָסקע אָליעסאָוון... און פיל פרויען האָבן ווירקלעך דאַן געהאַט הנאה אויף מיר צו קוקן... אָבער איצט — איז נישט איך דאַרף אייך, און נישט איר מיך... נאָר, אַז איר זענט דאָ, וועט מען מיר געבן שנאַפּס — און דערפאַר פרייט מיך אייך צו זען.

— רייד נישט פיל, וועסט ווידער אָנהייבן צו הוסטן... — האָט אים לוטשיצקאַיאַ געוואָרנט.

— איר האָט געהערט? — האָט דער פּאָלקאָווניק זיך געווענדט צו איפּאָליט סערגעיעוויטשן – איך דאַרף נישט ריידן— ס'איז שעדלעך, איך טאָר נישט טרינקען — ס'איז שעדלעך; כ'טאָר נישט עסן, וויפיל איך וויל — ס'איז שעדלעך! אַלץ, דער רוח זאָל עס נעמען, איז שעדלעך! און איך זע, אַז לעבן איז פּאַר מיר שעדלעך! כאָ-כאָ־כאָ! שוין אָפּגעלעבט... איבעריקנס, איר וועט אויך געוויס אינגיכן שטאַרבן... איר וועט כאַפּן אַ שווינדזוכט — איר האָט אַ אוממעגלעך שמאָלע ברוסט.

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט געקוקט דאָ אויף אים, און דאָ אויף דער מומע לוטשיצקאַיאַ און בשעת-מעשה זיך געטראַכט וועגן וואַרענקען:

— יאָ, צווישן אַזעלכע פּאַרזענישן קומט איר אויס צו לעבן!

ער האָט קיינמאָל נישט געפּרוווט זיך פאָרצושטעלן די סביבה, אין וועלכער איר קומט אויס צו לעבן, און איצט איז ער ממש געווען נידערגעשלאָגן פון דעם, וואָס ער האָט געזען.

די האַרבע און אומגעשיקטע דאַרקייט פון דער מומע לוטשיצקאַיאַ האָט אים געשטאָכן די אויגן; ער האָט נישט געקאָנט זען איר לאַנגן האַלדז, אַרומגעצויגן מיט אַ געלער הויט, און יעדעס מאָל, ווען זי האָט אָנגעהויבן צו ריידן, — האָט ער עפּעס באַקומען אַ מין פּחד, פּונקט, ווי ער וואָלט געוואָרט, אַז די באַסאָווע קלאַנגען, וואָס גייען אַרויס פון איר ברייטער, אָבער ווי אַ ברעט פּלאַכער ברוסט, — וועלן איר צערייסן דעם ברוסט-קאַסטן. און ווען ער האָט געהערט דאָס שאָרכן פון אירע קליידער, האָט אים אויסגעוויזן אַז דאָס רייבן זיך אירע ביינער.

פונם פּאָלקאָווניק האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון עפּעס אַ שפּירטוס, שווייס און שלעכטן טאַבאַק. לויט דעם גלאַנץ פון זיינע אויגן האָט ער אויסגעזען צו זיין שטענדיק צערייצט און איפּאָליט סערגעיעוויטש פאָרשטעלנדיק זיך ווי ער זעט אויס אין אַ צושטאַנד פון צערייצטקייט, האָט דערפילט אַן עקל צו דעמדאָזיקן זקן.

אין די שטובן איז געווען אומהיימלעך, די טאַפּעטן אויף־

די ווענט זענען געווען פאַרקאָפּטשעט און די קאַפּלעס פון די אייוונס צעשפּאָלטן. דאָס, איבעריקנס האָט זיי צוגעגעבן אַ ענ־לעכקייט צו אַ מאַרמאָר. די פּאַרק פון דער פּאָדלאָגע איז געווען אָפּגעריבן דורך די רעדעלעך פונם פּאָטעל. די ראַמעס פון די פענצטער — קרומע, די שויבן טריבע; פון אומעטום האָט גע־אָטעמט מיט אַלטקייט, וואָס ווערט חרוב דורך מידקייט פונם לעבן.

— היינט אַ־ז דושנע!... — האָט יעליזאַוועטע סערגעיעווגאַ געזאָגט.

— ס׳וועט רעגענען... — האָט לוטשיצקאַיאַ קאַטעגאָריש דערקלערט.

— אַזוי? — האָט יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ געצווייפלט.

— גלייבט מאַרגאַריטען — האָט דער אַלטער אַ כריפּע גע־טון. — זי ווייסט אַלץ, וואָס עס וועט זיין... דו, — זאָגט זי, — וועסט שטאַרבן און וואַרענקען וועט מען באַראַבעווען און איר אָפּברעכן דעם קאָפּ... זי אַליין וועט עס טון! און אַז איך וועל שטאַרבן — דאָס איז אמת... ד. ה. אַזוי דאַרף עס זיין. און איר, הער געלערנטער, ווי פילט איר זיך דאָ? שרעקלעך לאַנג־ווייליק, נישט חאָר?

— ניין, פאַרוואָס? אַ שיינע וואַלדיקע סביבה... — האָט אַ־פּאָליט סערגעיעוויטש ליבלעך זיך אָפּגערופן.

— אַ שיינע סביבה... דאָ ביי אונדז! פכע! אויך מיר אַ סביבה! דאָס הייסט, אַז איר האָט נישט געזען קיין שיינס אויף דער וועלט, אויב אונדזערע מקומות קומען ביי אייך אויס פאַר שיינע. שיין איז — דער טאָל קאַזאַלניק אין בולגאַריען... שיין איז אין כעראָסאָן... און פון מירגאָם זענען פאַראַן ערטער, וואָס זענען שיין, ווי דער גן־עדן... אָ, מיין גילדן קינד!...

וואַרענקע האָט אַריינגעטראָגן אַן אַראָמאַט פון פרישקייט אין דער פאַרדעמפּטער לופט פון גאַסט־צימער. איר פיגור איז געווען איינגעוויקלט אין עפּעס אַ דעק פון סאַרפּינקע פון אַ העל בעזאָוון קאָליר. זי האָט געהאַלטן אין די חענט אַ גרויסן בוקעט

פון נאָר-וואָס אָפּגעשניטענע בלומען און איר פּנים האָט געשיינט פון צופרידנקייט.

— ווי גוט עס איז, וואָס איר זענט געקומען צופאָרן דווקא היינט! — האָט זי אויסגעשריען, זיך באַגריסנדיק מיט די געסט — כ'האָב זיך שוין געקליבן צו אייך... כ'קאָן פון זיי ממש נישט אויסהאַלטן!

און מיט אַ ברייטן זשעסט מיט דער האַנט האָט זי אָנגע-וויזן אויפן פאָטער און אויף דער מומע, וועלכע איז געזעסן אין איין ריי מיט יעליזאַוועטען אַזוי אומנאַטירלעך גלייך, ווי ביי איר וואָלט פאַרשטיינערט געוואָרן דער חוט-השדרה און זיך נישט געקאָנט בייגן.

וואַרוואַרע! דו רעדסט נאַרישקייטן! — האָט זי בייז אַ געשריי געטון אויף איר פּלעמעניצע. אַ בליק טוענדיק מיט די אויגן.

— שרייט נישט אַזוי! אַ נישט וועל איך אָנהייבן דערציילן איפּאָליט סערגעיעוויטשן וועגן דעם פּאָרוטשניק יאַקאָוולעוון און זיין ריזיק האַרץ...

— כאַ-כאַ! וואַרקע-סמירנאַ! איך וועל אייך דערציילן

— וואוהין בין איך אַריינגעפאַלן? — האָט זיך איפּאָליט סערגעיעוויטש געקלערט, קוקנדיק אויף זיין שוועסטער.

נאָר איר, הפּנים, איז דאָס אַלץ געווען גוט באַקאַנט, און הגם אין די ווינקלען פון אירע ליפּן האָט געציטערט אַ שמייכל פון פאַראַכטונג, האָט זי דאָך געקוקט און געהערט גאַנץ רויק.

— כ'גיי פאַראָרדענען, ס'זאָל זיין טיי! — האָט מאַרגאַרי-טע ראַדיאָנאָוונאַ דערקלערט, און נישט איינבייגנדיק דעם קער-פּער, האָט זי זיך אויסגעצויגן אַרויף און איז פאַרשוואונדן גע-וואָרן.

וואַרענקע האָט זיך געזעצט אויף איר אָרט, און אַ וואָרף געטון אויפן פאָטער אַ בליק פול מיט פאָרוואורף.

און דער פּאָלקאָווניק האָט געזשומעט ווי אַ צעקלאַפּטער קאָנטראַבאַס:

איר ווייסט דאָך, געוויס, אז מאַרגאַריטע איז די אַלמנה פון מיין חבר, דעם פּאָדפּאָלקאָווניק לוטשיצקי, וועלכער איז דערהרגעט געוואָרן ביי עסקי־זאַגר? זי האָט מיט אים מיטגעמאַכט דעם פעלדצוג, יאָ! זי איז, פאַרשטייט איר מיך, אַן ענערגישע פרוי. נו, און אָט איז ביי אונדז אין פּאָלק געווען אַ פּאָרוטשניק יאַקאָוולעוו, אַזאַ צאַרט פריילין... אים האָט אַ טערק צעקלאַפּט די ברוסט מיטן פריקלאַד פון דער ביקס. ער האָט באַקומען שווינדזיכט און אַ סוף! און אָט האָט ער געקרענקט און זי האָט אים באַהאַנדלט פינף חדשים! אַ? ווי געפעלט עס אייך? און זי האָט פאַרשטייט איר מיך, אים געגעבן אַ וואָרט נישט חתונה צו האָבן. זי איז געווען דעמאָלט יונג, שיין... אַ זייער עפעקטפולע. אַרום איר האָבן זיך אַרומגעדרייט און שיער נישט איינגענומען די כפרה, גאַנץ חשובע מענער... דער קאַפּיטאַן שמורלאָ, זייער אַ ליבלעכער כאַכאָל איז צוליב איר אַזש געוואָרן אַ שיכור און אַוועקגעוואָרפן דעם פּאָסטן. איך — איך... דאָס הייסט, כ'האָב איר שוין פאָרגעלייגט: — מאַרגאַריטע! האָב פאַר מיר חתונה!... זי האָט נישט געוואָלט... זייער נאַריש, נאָר נאַטירלעך, איידל איז דאָס געווען פון איר זייט. און אָט ווען כ'בין פאַראַליזירט געוואָרן, איז זי געקומען און געזאָגט: דו ביסט איינער אַליין, אויך איך דאָסזעלבע... און אַזוי ווייטער. ריירנדיק הייליק. אַ פריינטשאַפט אויף אייביק און שטענדיק בינדן מיר זיך. זי קומט צופאָרן יעדן זומער, זי וויל אפילו פאַרקויפן איר גוט און זיך באַזעצן דאָ אויף שטענדיק. דאָס הייסט, ביז מיין טויט. איך שעץ עס, נאָר דאָס אַלץ איז לעכערלעך — יאָ? זי פאַרשטייט איר מיך, איז ברוגז, ווען איך דערצייל וועגן דערדאָזיקער פּאָעזיע פון איר לעבן, ווי זי דרוקט זיך אויס. דערוועג נישט, זאָגט זי, מטמא צו זיין די קדשי־קדשים פון מיין האַרצן! אַ! כאַ־כאַ־כאַ! אין תוך אָבער גענומען, וואָס איז דאָס, מ'שטייגס געזאָגט, פאַר אַ קדשי קדשים? אַ פאַרבלענדעניש פון פאַרשטאַנד, טרוימען פון אַ אינסטיטוטקע... דאָס לעבן איז פשוט, נישט וואָר־זע צו האָבן הנאה פון לעבן און דערנאָך שטאַרב צו דער צייט! און איך זעט איר, האָב דורכגעלאָזט דעם טערמין צו שטאַרבן.

שוין לאַנג צייט! דאָס איז ניִשט גוט און איך ווינטש אייך ניִשט אַזעלכעס...

ביי איפּאָליט סערגעיעוויטשן האָט זיך געדרייט דער קאָפּ פון אַליעסאַוּוס דערציילונגען, פון דעם ריח, וואָס ער האָט פאַרשפּרייט אַרום זיך. און וואַרענקע, ניִשט לייגנדיק אויף אים קיין אַכט און ניִשט פאַרשטייענדיק, הפּנים, ווי ווייניק אנגענעם עס איז פאַר אים דער געשפּרעך מיט איר פעטער, האָט אינדערשטיל געשמועסט מיט יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ, וועלכע האָט זי אויסגעהערט אויפמערקזאַם און ערנסט.

— איך לאַד אייך איין טרינקען טיי! — האָט זיך אין דער טיר דערהערט פרוי לוטשיצקעס באַס. — וואַרוואַרע פיר דעם פאָטער!

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט און איז געגאַנגען הינטער וואַרענקען, וועלכע האָט לייכט געשטופּט דעם פאָטעל מיטן פאָטער אין אים.

דער טיי איז געווען צוגעגרייט לויטן ענגלישן שטייגער מיט זייער פיל קאַלטע פאַרבייסעכצער. אַ זייער גרויסער בלוטיקער ראָסטבּיף איז געווען ארומגערינגלט מיט פלעשער וויין און דאָס האָט ביים פאָלקאָווניק אַרויסגערופן אַ הייטער געלעכטער. ער איז געפאָרן צום טיש און אויסשטרעקנדיק צו די פלעשער זיינע ציטערנדיקע ווייכע הענט, וועלכע זענען געווען באַוואַקסן מיט טונקעלע האָר, ה ט ער הויך געלאַכט, צעטרייסלענדיק די לופט פונם גרויסן עס-צימער, וואָס איז געווען אַרומגעשטעלט מיט געפלאָכטענע שטולן.

דאָס טיי טרינקען האָט געדויערט זייער לאַנג און דאָס איז פאַר איפּאָליטן געווען ממש אַן אָפּקומעניש.

דער פאָלקאָווניק האָט די גאַנצע צייט ניִשט אויפגעהערט צו דערציילן מיט זיין הייזעריקער שטים מיליטערישע אַנעקדאָטן. מאַרגאַריטע ראָדיאָנאָוונאַ האָט מיט איר באַס-שטים געמאַכט אירע באַמערקונגען. און וואַרענקע האָט שטיל, נאָר לוסטיק און לעבעדיק, געשמועסט מיט יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ.

ווען וואָס רעדט זי? — האָט זיך אומעטיק געטראַכט אי-

פּאָליט סערגעיעוויטש, וועלכער האָט זיך איצט געפילט ווי אַ קרבן, וואָס איז געבראַכט געוואָרן דעם פּאָלקאָווניק.

אים האָט זיך געדאַכט, אַז היינט לייגט וואַרענקע ווייניק אַכט אויף אים. וואָס איז דאָס — קאָקעטעריי? און ער האָט געפילט, אַז ער איז גרייט אויף איר ברוגז צו ווערן.

נאָר אָט האָט וואַרענקע אַ קוק געטון אינדערזייט, ווו ער איז געזעסן און זיך הילכיק צעלאַכט.

— דאָס האָט די שוועסטער איר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף מיר! — האָט פּאָלקאַנאָוו אויסגעטייטשט איר געלעכטער, נישט צופרידן כמורעדיק די ברעמען.

— איפּאָליט סערגעיעוויטש, איר האָט שוין פאַרענדיקט אייער טיי טרינקען? — האָט וואַרענקע געפרעגט.

— יאָ, שוין געענדיקט.

— איר וועט גיין שפּאַצירן? כ'וועל אייך ווייזן זייער שיינע ערטער!

— קומט. און דו, ליזע, וועסט גיין?

— איך נישט! מיר איז אַנגענעם צו זיצן מיט מאַרגאַריטע ראַדיאָנאַ און מיטן פּאָלקאָווניק.

— כאַ—כאַ—כאַ! אַנגענעם צו שטיין ביים ראַנד פון קבר, ווו מ'וואַרפט אַריין מיין האַלב טויטן גוף! — האָט דער פּאָלקאָווניק שטאַרק געלאַכט — צוּוואָס אַזוי ריידן?

באַלד וועט זי מיך פרעגן: — אייך איז ביי אונדז לאַנגווייליק. — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש געטראַכט, אַרויסגייענדיק מיט וואַרענקען פון די צימערן אין גאָרטן, נאָר זי האָט געפרעגט וועגן גאָר עפּעס אַנדערש.

— ווי געפעלט אייך עפּעס מיין פעטער?

— אָ! — האָט שטיל איפּאָליט זיך אָנגערופן — ער דערוועקט צו זיך אַכטונג!

— אַהאַ — האָט וואַרענקע צופרידן זיך אָנגערופן — אַלע זאָגן דאָסזעלבע. ער איז אַ שרעקלעך מוטיקער מענטש! איר ווייסט, וועגן זיך רעדט ער אַליין נישט, נאָר די מומע לוטשיציקאַיאַ — זי איז דאָך פון איין פּאָלק מ"ט אים — האָט דער-

ציילט, אַז אונטערן גאָרני דובניאַק האָט מען זיין פערד דורכ־
געשאָסן די נאָזלעכער און דאָס פערד האָט זיך מיט אים גע־
לאָזט, פייל־אויסן־בויגן, גלייך אויף די טערקן. די טערקן האָבן
דאַן פונקט געמאַכט אַן אָנגריף און דעם פעטער איז געלונגען
צו פאַרקירעווען דאָס פערד אַזוי, אַז ער איז דורכגעריטן אין
דער לענג פונם פראָנט; דאָס פערד האָט מען נאַטירלעך, דער־
הרגעט, ער איז אומגעפאַלן און אָט — אויף אים לויפן פיר
טערקן... האָט איינער אויף אים אַ שפרונג געטון און אויפגעהויבן
אויף אים דעם פריקלאַד פון דער ביקס, און דאָ טוט דער פע־
טער דעם טערק אַ כאַפּ פאַרן פוס. ער האָט אים אַזוי אַ כאַפּ
געטון פאַרן פוס, אים אומגעוואַרפן און אויסגעשאָסן אין אים
גלייך אין פנים אַריין. און איין פוס האָט ער אַרויסגעצויגן פון
אונטערן פערד, אין דעם לויפן נאָך דריי טערקן און פון אונטן
נאָך און נאָך... און אונדזערע זעלנערלעך לויפן אַנטקייגן מיט
יאַקאָוולעוון... איר ווייסט דאָך שוין וואָס דאָס איז?... דער פע־
טער האָט אַ כאַפּ געטון די ביקס פונם דערהרגעטן טערק האָט
זיך שנעל אויפגעהויבן אויף די פיס — און איז העט אַוועק
פאָרויס! נאָר ער איז געווען אַ שרעקלעך קרעפּטיקער, דאָס האָט
אים שיער נישט אומגעבראַכט פון דער וועלט; ער האָט דער־
לאַנגט דעם טערק אַ קלאַפּ אין קאָפּ און די ביקס איז צעבראָכן
געוואָרן, געבליבן איז אים נאָר די שווערד, נאָר זי איז געווען
אַ שלעכטע און אַ טעמפּיקע, און דער טערק וויל אים שוין דער־
לאַנגען מיטן באַגנעט אין בויך. דאַן האָט דער פעטער אַ כאַפּ
געטון מיט דער האַנט דעם רימען פון ביקס און איז אַוועקגע־
לאָפן אַקעגן זיינע אייגענע, שלעפנדיק מיט זיך דעם טערק.
אין דערזעלבער רגע האָט מען אים פאַרווונדעט אין דער זייט
דורך אַ קויל און דעם האַלדז דורך אַ באַגנעט. ער האָט פאַר־
שטאַנען, אַז ס'איז געקומען אַ סוף צו זיין לעבן, האָט זיך אַ
קער־אום געטון מיטן פנים צום שונא, האָט אַרויסגעריסן די
ביקס ביים טערק און זיך אַ וואָרף געטון אויף זיי — אורא! און
דאָ איז אָנגעלאָפן יאַקאָוולעוו מיט די זעלנערלעך און זיי האָבן
זיך מיט אַזאַ ברען גענומען צו דער אַרבעט, אַז די טערקן האָבן

געמאַכט פליטה. דער פאַטער האָט דערפאַר באַקומען אַ געאָרגי*) גאָר ער איז געוואָרן ברוגז, הלמאי מ'האָט נישט געגעבן קיין געאָרגי איינעם פון די אונטער-אָפיצירן פון זיין פאָלק, ווייל דערדאָזיקער אונטער-אָפיציר האָט אין דעם צוזאַמענשטויס צוויי מאָל געראַטעוועט יעקאָוולעוון און איינמאָל — דעם פאַטער. דער פאַטער איז צוליבדעם געוואָרן אַזוי ברוגז, אַז ער האָט זיך אָבגעזאָגט אָנצונעמען די געאָרגי-אויסצייכנונג. און ווען מ'האָט זיך „מתּיר-נדר" געווען און געגעבן דעם אונטער-אָפיציר דעם געאָרגי — האָט ער דאַן זיין געאָרגי אויך אָנגענומען.

— איר דערציילט וועגן דעמדאָזיקן צוזאַמענשטויס אַזוי, פונקט, ווי איר אַליין וואָלט זיך אין אים באַטייליקט... — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש באַמערקט, איבערשלאָגנדיק איר די רייד.

— יאָ—אָ... — האָט זי אויסגעצויגן, זיפצנדיק און שטשורענדיק די אויגן.—מיר געפעלט די מלחמה.... און איך וועל אַוועק אַלס באַרמהאַרציקע שוועסטער, ווען מ'וועט פירן אַ מלחמה...

— און איך וועל דאַן ווערן אַ סאָלדאַט...

— איר?—האָט זי געפרעגט, באַקוקנדיק זיין פיגור—נו, דאָס טרייבט איר לצנות... פון אייך וואָלט אַרויסגעקומען אַ שלעכטער זעלנער... איר זענט אַ שוואַכער, אַזאַ דאַרער...

ער האָט זיך פון אירע ווערטער געפילט געטראָפן.

— כ'בין גענוג קרעפטיק, גלייבט מיר... — האָט ער דערקלערט, פונקט ווי ער וואָלט איר געוואָרנט.

— גייט שוין! — האָט זי אים רויק נישט געגלייבט.

אין אים האָט זיך אָנגעצונדן אַ משוגענער באַגער, זי אַ באַפּ צו טון אין די אָרעמס און מיט אַלע כּוחות וואָס ער האָט נאָר, זי צוצודריקן צו זיך — אַזוי, אַז טרערן זאָלן אַ שפּריץ טון פון אירע אויגן.

ער האָט זיך שנעל אַרומגעקוקט אַרום זיך, זוכנדיק מיט

---

*) אַ צלם, אַ אויסצייכנונג פאַר טאַפּערקייט.

די פּלייצעס, און באַלד האָט ער זיך פאַרשעמט פאַר זיין דאָזיקן געדאַנק.

זיי זענען געגאַנגען דורכן גאָרטן, איבער דער שטעזשקע, וואָס איז געווען אַרומגעזעצט מיט גלייכע רייען עפּל־ביימער און הינטער זיי, אויפן עק שטעזשקע, האָט זיי געקוקט אין די רוקנס דאָס פענצטער פון הויז.

פון די ביימער זענען געפאַלן עפּל, טויב אַ קלאַפּ טוענ־דיק זיך אָן דער ערד, און ערגעץ, נאָענט פון דאָרט, האָבן זיך געהערט רייד.

איין שטים האָט געפרעגט:

— ער, הייסט עס, איז אויך אַלס חתן געקומען אַהער?

די אַנדערע שטים האָט זיך געבייזערט:

— וואָרט — האָט וואַרענקע אָפּגעשטעלט איר מיטגייער, אַ נעם טוענדיק אים פאַרן אָרבל, — לאָמיר זיך צוהערן, וואָס זיי ריידן וועגן אונדז...

ער האָט אויף איר טרוקן אַ קוק געטון און געזאָגט:

— איך בין נישט קיין בעלן אונטערצוהערן, וואָס די די־נער ריידן...

— און איך האָב עס ליב...—האָט וואַרענקע דערקלערט — אַליין, ווען קיין זייטיקע זענען דערביי נישט פאַראַן, ריידן זיי זייער אינטערעסאַנט וועגן אונדז, פּריצים...

— ס׳קאָן זיין, אַז דאָס איז אינטערעסאַנט, ס׳איז אָבער נישט גוט... — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש אַ לאַך געטון.

— פאַרוואָס? וועגן מיר דערציילן זיי שטענדיק גוטס.

— כ׳גראַטולירי אייך...

ער איז געווען אין דער מאַכט פון אַ בייזן באַגער צו ריידן מיט איר שאַרף, גראָב און זי צו באַליידיקן.

הייגט האָט איר אויפפירונג אים עמפּערט: דאָרט אין די צימערן, האָט זי לאַנג אויף אים נישט געלייגט קיין אַכט, פּונקט ווי זי וואָלט נישט פאַרשטאַנען, אַז ער איז געקומען צופאָרן צוליב איר און צו איר, און נישט צו איר פאַראַליזירטן פאָטער אַן פיס און צו דער איינגעטרוקנטער מומע. דערנאָך, האַלטנדיק, אַ

ער איז געפּערלעך אַ שוואַכער מענטש, האָט זי אָנגעהויבן אויף אים עפּעס קוקן פון אויבן אַראָפּ.

— וואָס באַטייט דאָס אַלץ? — האָט ער זיך געטראַכט — אויב איך געפעל איר נישט, פון דער אויסערלעכער זייט און בין נישט אינטערעסאַנט פון דער אינערלעכער זייט — וואָס־זשע האָט עס זי צו מיר אַזוי געצויגן? אַ פּנים־חדשות — און מער גאָרנישט?

ער האָט נעגלייבט, אַז עס האָט זי געצויגן צו אים און ער האָט געמיינט, אַז ער האָט דאָ צו טון מיט אַ קאָקעטעריע, וועלכע איז געשיקט פאַרבאָרגן אונטער אַ מאַסקע פון תמימות און פּשטות.

ס׳קאָן זיין, אַז זי האַלט מיך פאַר אַ נאַר... און האָפט, אַז איך וועל קלוגער ווערן...

— די מומע איז גערעכט — ס׳וועט רעגענען! האָט וואַרענקע געזאָגט, קוקנדיק אין די מרחקים, — זעט, וואָס פאַר אַ כמאַרע... און ס׳ווערט דושנע, ווי שטענדיק פאַר אַ געוויטער...

— דאָס איז נישט אָנגענעם — האָט זיך איפּאָליט סערגעיעוויטש אָנגערופן — מ׳דאַרף זיך צוריקקערן און וואָרענען די שוועסטער...

— צוואָס?

— כדי נאָך פאַרן רעגן צוריקצופאָרן אַ היים...

— ווער וועט עס אייך אָפּלאָזן? חוצדעם וועט איר נישט באַווייזן צו דערפאָרן איידער דאָס געוויטער וועט זיך אָנהייבן... מ׳דאַרף דאָ איבערוואַרטן.

— און וואָס וועט זיין, אויב דער רעגן וועט זיך פאַרציִען ביז נאַכט

— וועט איר נעכטיקן ביי אונדז — האָט קאַטעגאָריש וואַרענקע געזאָגט.

— ניין, דאָ איז נישט באַקוועם... האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש פּראָטעסטירט.

— גאָט מיינער! צי איז דען טאַקע אַזוי שווער צו פאַררעגנען איין נאַכט אומבאַקוועם?

— נישט מיינע באַקוועמלעכקייטן האָב איך אין זין, נאָר די באַקוועמלעכקייטן פון אַנדערע.

— וועגן אַנדערע זאָלט איר זיך נישט זאָרגן — יעדערער קאָן וועגן זיך אַליין זאָרגן.

זיי האָבן זיך געאַמפּערט און דיסקוטירט, גייענדיק אַזוי ווייטער, און אַנטקעגן זיי האָט זיך איבערן הימל אָנגערוקט אַ טונקעלער וואָלקן און ווייט ערגעץ האָט שוין טויב געוואָרטשעט אַ דונער.

אַ שווערע דושנעקייט האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן אין דער לופט, פונקט ווי דער וואָלקן, וואָס האָט זיך אָנגערוקט, האָט, געדיכט מאַכנדיק די גאַנצע היץ פונם דאָזיקן טאָג, זי געטריבן פאַר זיך. און אין אַ דורשטיקער דערוואַרטונג פון אַ מחיהדיקער פייכטקייט, זענען די בלעטער אויף די ביימער פאַרשטאַרט געוואָרן.

— מיר וועלן צוריקגיין? — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש פאַרגעלייגט.

— יאָ, ווייל ס'איז דושנע... כ'האָב שרעקלעך נישט ליב דעם „ערב־עפּעס", די שעהן און מינוטן פאַר עפּעס וויכטיקס... פאַר אַ געוויטער, פאַר יום־טוב. א. א. וו. דעם געוויטער גופא, ווי דעם יום־טוב גופא — זענען גוט און אָנגענעם, נאָר וואַרטן ביז דאָס וועט זיין, ביז דאָס געוויטער וועט אויסברעכן, אָדער ביז דער יום־טוב וועט אַריינטרעטן — איז לאַנגווייליק. אָט, ווען אַלץ וואָלט געוואָרן מיטאַמאָל... לייגסט זיך שלאָפן — איז דאָן ווינטער, דער פראָסט ברענט; כאַפּסט זיך אויף — ס'איז פרילינג, די זון... אָדער — די זון שיינט און מיטאַמאָל — ווערט פינצטער, ס'דונערט און בליצט און ס'גיסט אַ גאָס־רעגן.

— אפשר ווילט איר, אז אַ מענטש זאָל זיך אויך ענדערן אַזוי פלוצלינג און אומגעריכט? — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש לאַכנדיק, געפרעגט.

— אַ מענטש דאַרף שטענדיק זיין אינטערעסאַנט... — האָט זי טענדענציעז באַמערקט.

— וואָס הייסט עס, זיין אינטערעסאַנט? האָט מיט פאַר־דראָס איפּאָליט סערגעיעוויטש געפרעגט.

— וואָס דאָס הייסט? דאָס הייסט... שווער צו זאָגן, וואָס דאָס מיינט... איך האַלט, אַז אַלע מענטשן וואָלטן געווען אינ־טערעסאַנט, ווען זיי וואָלטן געווען... לעבעדיקער... יאָ לעבעדי־קער! ווען זיי וואָלטן מער געלאַכט, מער געזונגען, געשפּילט... ווען זיי וואָלטן געווען דרייסטער, שטאַרקער... אפילו מיט מער חוצפּה... אפילו, מער גראָב, ווי זיי זענען איצט.

ער האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט אירע דעפיניציעס און זיך געפרעגט:

דאָס רעקאָמענדירט זי מיר מסתמא אַ פּראָגראַם לויט וועלכן איך וואָלט געדאַרפט רעגולירן מיינע באַציונגען צו איר?...

— מענטשן האָבן נישט אין זיך קיין האַסטיקייט... און ס'איז נייטיק, אַז אַלץ זאָל ווערן אָפּגעטון גיך, כדי ס'זאָל זיך לעבן אינטערעסאַנט... — האָט זי אויפגעקלערט איר געדאַנק מיט אַ ערנסט פּנים.

— ווער ווייסט? ס'קאָן זיין, אַז איר זענט גערעכט... האָט שטיל איפּאָליט סערגעיעוויטש באַמערקט... — ד. ה. נישט אינ־גאַנצן, נאַטירלעך, גערעכט...

— פאַרוואָס עפּעס בין איך נישט אינגאַנצן גערעכט? — האָט זי זיך צעלאַכט — אָבער איך בין אינגאַנצן גערעכט, אָדער אינגאַנצן אומגערעכט... אַ גוטע אָדער אַ שלעכטע... אַ שיינע, אָדער אַ מאוסע... אָט אַזוי דאַרף מען חקירן און דעפי־נירן, אָבער נישט אינגאַנצן!... מיר געפעלט שרעקלעך נישט, ווען מ'זאָגט אַ געוויס שיינקער. דאָס איז פּשוט פון פּחדנות זאָגט מען אַזוי... מ'האָט מורא פאַרן אמת — אָט וואָס!

— פאַרשטייט איר מיך אָבער, אַז מיט אַזאַ איינטיילונג אויף צוויי וועט איר זייער פיל מענטשן באַליידיקן!

— מיט וואָס?

— מיט דעם, וואָס דאָס וועט אויסקומען נישט יושרדיק...

— וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָ דידאַקטיקע יושרדיקייט? פּונקט ווי אין איר באַשטייט דאָס גאַנצע לעבן און אָן איר קאָן מען

זיך בשום־אופן נישט באַגיין. ווער באַדאַרף זי, אייער יושרדיקייט?

זי האָט די לעצטע ווערטער אויסגעשריען אַביסל אין כּעס און קאַפּריזנע, און די אויגן האָבן בײַ איר יעדע רגע זיך גע־שטשורעט און געוואָרפן מיט פונקען.

— אַלע מענטשן באַדאַרפן זי, וואַרוואַרע וואַסיליעוונאַ! אַלע, אָנהייבנדיק פונעם פויער... און ענדיקנדיק מיט... אײַך, — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש טוגעסטיש געזאָגט, באַטראַכטנדיק איר אויפגערעגטקייט און זיך באַמיענדיק דערגיין, צוליב וואָס זי איז אויפגערעגט.

— איך דאַרף נישט האָבן קיין גערעכטיקייט! — האָט זי אַנטשידן אָפּגעוואָרפן זײַן מיינונג און אפילו געמאַכט אַ באַווע־גונג מיט דער האַנט, פונקט ווי זי וואָלט עפּעס אָפּגעשטופּט פון זיך. — און זאָל איך זי ווען עס איז באַדאַרפן — וועל איך זי אַליין געפינען און זי אויסנוצן... וואָס זאָרגט איר זיך עפּעס שטענדיק וועגן אַלע מענטשן? און... איר רעדט עפּעס פּשוט צוליב דעם, כּדי מיר צו טון אויפצולהכעיס... ווײַל איר זענט הײַנט אַזאַ ערנסטער, אַזאַ אַנגעבלאָזענער...

— איך? כּדי אײַך צו טון אויפצולהכעיס? צוליב וואָס? — האָט זיך איפּאָליט סערגעיעוויטש געחידוש.

— פון וואַנען זאָל איך עס וויסן, צוליב וואָס איר טוט עס? ס׳קאָן זײַן פון לאַנגווייליקייט... נאָר — בעסער הערט עס אויף! כ׳בין אויף אײַך... אַך, ווען איר וואָלט וויסן, ווי אָנגעלאָדן איך בין! צוליב חתנים האָט מען מיך אַ גאַנצע וואָך געקאָרמעט מיט פאַרשידענע שיינע רייד... באַגאָסן מיך מיט יעדן סם... און מיט אַ שמוציקן חשד... כ׳דאַנק אײַך!

אירע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ פאָספאָרישן גלאַנץ די נאָזלעכער האָבן געציטערט פון אויפרעגונג, וואָס האָט זי מיטאמאָל באַהערשט.

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט מיט אַ נעפּל אין די אויגן און מיט אַ האַסטיק קלאַפּעדיק האַרץ זיך געגומען התלהבותדיק פאַרענטפערן פאַר איר.

— כ׳האָב אייך נישט געוואָלט טון אויפצולהכעיס, מיין ערגוואָרט...

נאָר אין דער זעלבער רגע האָט איבער זייערע קעפּ הויך אַ קראַץ געטון אַ דונער — און מ׳האָט געהאַט דעם איינדרוק, ווי עמעצער עפּעס אַ אומגעהייער גרויסער און אַ גראָב־גוטמוטלעכער האָט אָנגעהויבן הילכיק צו לאַכן.

פאַרטייבט דורכן מעכטיקן קראַץ, האָבן זיי ביידע אַ ציטער געטון און זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע. נאָר באַלד האָבן זיי ווייטער מיט שנעלע טריט זיך געלאָזט גיין אַ היים.

די בלעטער אויף די ביימער האָבן געציטערט און אויף דער ערד איז געפאַלן אַ שאָטן פון דער כמאָרע, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט איבערן הימל, ווי אַ ווייכער סאַמעטענער צודעק.

— אָבער ווי געפעלט אייך, ווי ווייט אונדזער מחלוקה איז אָוועק?... — האָט ווארענקע צו אים געזאָגט — כ׳האָב גאָרנישט באַמערקט, ווי זי האָט זיך אונטערגעגנבעט.

אויפן גאַנעק פון הויז זענען געשטאַנען יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ און די מומע לוטשיצקאַיאַ אין אַ גרויסן שטרויענעם הוט אויפן קאָפּ, און דאָס האָט די מומען צוגעגעבן אַן ענלעכקייט צו אַן אייערבלום.

— ס׳וועט זיין אַ שרעקלעך געוויטער, — האָט זי אַ זאָג געטון מיט איר סוגעסטיוון באַס איפּאָליט סערגעיעוויטשן גלייך אין פּנים אַריין, פּונקט ווי זי וואָלט געהאַלטן פאַר איר דירעקטן חוב אים צו פאַרזיכערן, אַז דאָס געוויטער דערנענטערט זיך, דערנאָך האָט זי צוגעגעבן:

— דער פאַלקאָווניק איז איינגעשלאָפן... — און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

— ווי געפעלט עס דיר? — האָט יעליזאַוועטע סערגעיעווּנאַ געפרעגט, און אַ מאַך געטון מיטן קאָפּ, אָנווייזנדיק אויפן הימל. — ס׳וועט אונדז נאָך אפשר אויסקומען דאָ צו נעכטיקן.

— אויב מיר וועלן קיינעם נישט שטערן...

— וואָס זאָגט איר אויף אים? — האָט וואַרענקע אַ גע-

שריי אויס געטון, קוקנדיק אויף אים פאַרחידושט און שוין נישט מיט רחמנות — ער האָט רק מורא עמעצן צו שטערן, צו זיין נישט יושרדיק... אַך, גאָטעניו! ס'ווייזט אויס, אַז אייך איז זייער לאַנגווייליק צו לעבן... שטענדיק האַלט איר זיך אַליין אין אַ לייצע! און איך האַלט, אַז אויב אייך ווילט זיך עמעצן שטערן־טאָ שטערט, ווילט זיך אייך זיין נישט יושרדיק — טאָ טוט עס. וואָס איז דאָ פאַראַן זיך צוריקצוהאַלטן!...

— גאָט אַליין וועט שוין משפטן, ווער ס'איז גערעכט...— האָט יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ איר איבערגעשלאָגן די רייד, שמייכלענדיק צו איר מיט אַ באַוווסטזיין, אַז זי, יעליזאַוועטע, שטייט העכער פון איר, וואָס שייך דער פעיקייט אויפצופאַסן עפּעס ריכטיק. — כ'מיין, מ'דאַרף זיך באַהאַלטן אונטערן דאַך... און איר?

— מיר וועלן דאָ קוקן אויפן געוויטער — יאָ? — האָט זיך וואָרענקע געווענדט צו איפּאָליט סערגעיעוויטש.

זיך פאַרנייגנדיק פאַר איר, איז ער אויף דעם איינגע־גאַנגען.

— ניין, איך בין נישט קיין בעלנטע אויף גראַנדיעזע דער־שיינונגען אין דער נאַטור... אויב זיי קאָנען אַרויסרופן אַ פיבער אָדער אַ קאַטאַר. מען קאָן דערצו נאָך, קוקן און אָנקווען פון אַזאַ דערשיינונג — דורכן שויב פונם פענצטער!... אַי!

ס'האָט אַ בליץ געטון; די פינצטערניש, וואָס איז צעריסן געוואָרן דורכן בליץ, האָט אַ ציטער געטון. אַ צוויי סעקונדן האָט געהערשט אַ דריקנדיקע שטילקייט, דערנאָך, האָט ווי אַ שאָס, אַ קראַך געטון אַ דונער און זיין ראָלן האָט זיך אַ טראָג געטון איבערן הויז. פון ערגעץ האָט ווילד־משוגע זיך אַ ריס געטון דער ווינט, האָט אונטערגעכאַפּט שטויב פון דער ערד און אַלץ, וואָס ער האָט אויפגעהויבן, האָט זיך אָנגעהויבן דרייען, אויפהייבנדיק זיך אין פאָרם פון אַ סלופּ אינדערהייך. ס'זענען געפלויגן שטרוי־עלעך, בלעטער, פייגעלעך מיט געעפנטע פיסקעלעך האָבן מיט זייער שרייען דורכגעשניטן די לופט, טויב האָבן גערוישט די

בלעטער אויף די ביימער, אויפן אייזן פונם דאַך האָט זיך גע־שאָטן שטויב, מאַכנדיק אַ געדיכטן שאָרך.

וואַרענקע האָט געקוקט אויפן דאָזיקן שפּיל פונם שטורעם דורכן טיר־ווענטל, און איפּאָליט סערגעיעוויטש, מאַרשטעענדיק זיך פונם שטויב, איז געשטאַנען הינטער איר. דער גאַנצער האָט מיט זיך פאַרשטעלט אַ מין קאַסטן, אין וועלכן ס׳איז געווען פינצטער, נאָר ווען ס׳פלעגן זיך אָנצונדן די בליצן, איז די שלאַנקע פיגור פונם מיידל באַליכטן געוואָרן דורך אַ בלויליכן אילוזאָרישן שיין.

— זעט, זעט נאָר! — האָט אירענקע אויסגעשריגן, ווען דער בליץ האָט געריסן די כמאַרע... איר האָט געזען? מ׳האָט דעם איינדרוק, פונקט ווי די כמאַרע זאָל שמייכלען—נישט וואָר? דאָס איז זייער ענלעך צו אַ שמייכל... ס׳זענען פאַראַן אַזעלכע מענטשן, כמורנע, אָנגעבלאָזענע און שווייגנדיקע... שווייגט, שווייגט אַזאַ מענטש און מיטאַמאָל טוט ער אַ שמייכל:—די אויגן צונדן זיך אָן ביי אים, די ציין טוען אַ בליץ... אָט איז ער — דער רעגן!

איבערן דאַך האָבן געפּויקט שווערע גרויסע טראָפּנס, אין אָנהייב זעלטן, דערנאָך אַלץ אָפטער און געדיכטער, און צום סוף — מיט עפּעס אַ וואָיעדיקן גערויש.

— קומט לאָמיר גיין... — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש געזאָגט — איר וועט דורכגענעצט ווערן.

אים איז געווען נישט באַקוועם צו שטיין אַזוי נאָענט פון איר אין דער דאָזיקער ענגער פינצטערקייט. נישט באַקוועם און נישט אַנגענעם. און ער האָט זיך געטראַכט, קוקנדיק אויף איר האַלדז:

— וואָס וואָלט געווען, ווען כ׳וואָלט זי אַ קוש געטון?

ס׳האָט אַ בליץ געטון, באַשיינענדיק אַ האַלבן הימל און ביים שיין פונם בליץ האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש דערזען, אַז וואַרענקע האָט מיט אַ אויסגעשריי פון אַנטציקונג אַ מאַך גע־טון מיט דער האַנט און שטייט אָפּוואַרפנדיק זיך צוריק, פונקט ווי זי וואָלט אונטערגעשטעלט איר ברוסט אונטער די בליצן. ער האָט זי אַ כאַפּ געטון פון הינטן פאַר דער טאַליע און אַרויפלייגנדיק

במעט זיין קאָפּ איר אויף דער פּלייצע, האָט ער זי שווער אָטעמ־דיק, געפרעגט:

— וואָס... וואָס... איז מיט אייך?

— גאָרנישט! — האָט זי אויסגעשריגן מיט פּאַרדרוס, זיך באַפרייענדיק פון זיינע הענט מיט אַ בייגזאַמע און שטאַרקע באַ־וועגונג פונם קערפּער. — גאָט מיינער, ווי איר שרעקט זיך... נאָך אַ מאַנסביל דערצו!

— כ'האָב זיך דערשראָקן פון אייערטוועגן, — האָט ער טויב געענטפערט, אָפּטרעטנדיק אין אַ ווינקל.

דאָס אָנרירן זיך אין איר האָט אים ווי אָפּגעבריט די הענט און אָנגעפילט זיין ברוסט מיט אַ פייער פון באַגערן, וואָס איז שווער איינצוהאַלטן—ז אַרומצוגעמען, אַרומצונעמען שטאַרק, ביז ווייטאָק.

ער האָט אָנגעהויבן פאַרלירן די פעיִקייט צו הערשן אי־בער זיך, און אים האָט זיך געוואָלט אַראָפּניין פון גאַנעק און זיך אַנידערשטעלן אונטערן רעגן דאָרט, וווּ די גרויסע רעגן־טראָפּן האָבן געשמיסן איבער די ביימער ווי מיט קאַנטשיקעס.

— איך גיי אַריין אין שטוב — האָט ער געזאָגט.

— קומט — האָט וואַרענקע נישט צופרידן, מסכים געווען מיטצוגיין און שטיל זיך דורכגליטשנדיק פאַרביי אים, איז זי אַריין אין טיר.

— כאַ—כאַ—כאַ! — האָט זיי באַגעגנט דער פּאָלקאָווניק.— לויט אַ פאַראָרדענונג פונם קאָמאַנדיר איבער די עלעמענטן, זענט איר אַרעסטירט, ביז דער באַפעל וועט אָפּגעשאַפט ווערן? כאַ—כאַ—כאַ!

— אַ שרעקלעכער דונער, — האָט גאַנץ ערנסט די מומע לוטשיצקאַיאַ מיטגעטיילט גוט זיך איינקוקנדיק אינם פּנים פונם גאַסט.

— כ'האָב נישט ליב דידאָזיקע משוגעתן אין דער נאַטור!— האָט זיך יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ אָפּגערופן מיט אַ גרימאַסע פון פאַראַכטונג אויפן פּנים. — געוויטער זאַוויערוכעס — צוואָס איז נייטיק צו פאַרשווענדן אַזאַ מאַסע ענערגיע.

דערשטיקנדיק זיין אויפרעגונג האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש קוים געפונען אין זיך כּוחות רויק צו פרעגן זיין שוועסטער:

— ווי מיינסטו, דאָס איז אויף לאַנג?

— אויף אַ גאַנצע נאַכט, — האָט מאַרגאַריטע ראַדיאָנאָוו־נאַ זיך אָפּגערופן.

— יאָ, העכסט וואַרשיינלעך, — האָט די שוועסטער באַשטעטיקט.

— איר וועט זיך שוין פונדאַנען נישט אַרויסדרייען — האָט מיט אַ געלעכטער וואָרענקע דערקלערט.

פּאָלקאַנאָוו האָט אַ ציטער געטון, פילנדיק עפּעס פּאַטאָלאָס אין איר געלעכטער.

— יאָ, ס׳וועט אויסקומען צו נעכטיקן, — האָט יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ דערקלערט — בייטאָג וועלן מיר נישט פאָרן צוריק דורכן קאַמאָוועער וועלדל, נישט קאַליע מאַכנדיק די קאַטש. אין בעסטן פאַל.

— דאָ איז פאַראַן גענוג צימערן! — האָט די מומע לוטשיצקאַיאַ זיך אָפּגערופן.

— אויב אַזוי... וואָלט איך געבעטן... אַנטשולדיקט מיר!...

דאָס געוויטער ווירקט אויף מיר העסלעך! כ׳וואָלט געוואָלט וויסן, ווי כ׳וועל איבערנעכטיקן, און אַריינגיין אַהין אויף עטלעכע מינוט.

זיינע ווערטער, וועלכע ער האָט אַרויסגערעדט מיט אַ טויבער איבערגעריסענער שטים, האָבן געמאַכט אַן אַלגעמיינע מהומה.

— גאַשטאַטיר־שפּירט! — האָט א ברום געטון די מומע לוטשיצקאַיאַ און א שפּרונג אויף טועגדיק פון אָרט, איז זי פאַרשוונדן געוואָרן.

וואָרענקע האָט זיך אַ צעטראָגענע, אַרומגעשפּרייזט אין צימער מיט אַן אויסדרוק פון פאַרוואונדערונג אויפן פּנים און צו אים געזאָגט:

— באַלד וועל איך אייך ווייזן, ווו אייער צימער איז...

דאָרט איז שטיל...

יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַ איז געווען רויִקער פון אַלע און שמייכלענדיק האָט זי דעם ברודער געפרעגט:

— עס שווינדלט דיר אין קאָפּ?

און דער פּאָלקאָווניק האָט געכריפּעט:

— נאַרישקייטן! ס'וועט אַריבער. מיין חבר, מאַיאָר גאַרטאַלאָיו, וועלכן די טערקן האָבן דערשטאָכן, בעת מיר זענען אַרויסגעקראָכן פון די אָקאָפּעס אויסצושפּירן, איז געווען אַ בריה אַ יונג! אָ, אַ זעלטענער יונג! אַ בראַווער קערל! אונטער סיסטאָוו איז ער געקראָכן אויף די טערקישע באַגנעטן פאַר די סאָלדאַטן, אַזוי רויִק, פּונקט ווי ער וואָלט דיריזשירט מיט טענץ: — ער האָט געשלאָגן, געשניטן די הויט פון די טערקן, געשריגן, צעבראָכן אַ שווערד, האָט אַ כאַפּ געטון עפּעס אַ שטעקן און געהאַקט מיט אים די טערקן. אַ בראַווער מאַן, וואָס איז זעלטן צו טרעפן! און ער פלעגט אויך בערת אַ געוויטער ווערן נערוועזש, ווי אַ פרוי... דאָס איז געווען לעכערלעך! אָט פּונקט ווי איר, פּלעגט ער בלאַס ווערן, זיך וואַקלען, אַך, אָך! אַ מענטש וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן, אַ לעבּיינג איצט שטעלט איר זיך פאָר, ווי אים האָט אַזאַ נערוועזשקייט געפּאַסט.

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט געקוקט, געהערט, זיך אַנטשולדיקט, אַלעמען באַרויִקט און זיך פאַרשאָלטן.

אים האָט טאַקע באמת געשווינדלט אין קאָפּ און ווען די מומע לוטשיצקאַיאַ האָט אים אויסגעשטרעקט עפּעס אַ פלאַקאָן און אַ קאָמאַנדעווע געטון:

— שמעקט! —

האָט ער אַ כאַפּ געטון דעם שפּירט און אָנגעהויבן שטאַרק אַרייַנציען אין זיך מיט די נאָזלעכער זיין שטאַרקן ריח, פילנדיק, אַז דידאָזיקע גאַנצע סצענע איז זייער קאָמיש און דערנידעריקט אים אין וואַרענקעס אויגן.

און אין פענצטער האָט בשעת-מעשה געפּויקט דער רעגן, ס'האָבן אַהין אַרייַנגעקוקט בליצן. אַ דונער האָט געצוווּנגען די שויבן דערשראָקן צו ציטערן און דאָס אַלץ האָט ביים פּאָלקאָוו-

ניק געוועקט די זכרונות וועגן דעם גערויש פון די שלאַכטן וואָס ער האָט מיטגעמאַכט.

אין דער לעצטער טערקישער קאַמפּאַניע... כ'געדענק נישט ווו... איז אויך געווען אַזאַ געוואַלט און גערויש. אַ געוויטער אַ שלאַקס-רעגן, בליצן, אַ שיסעריי, פון סאַלוועס און האַרמאַטן, די אינפאַנטעריע שלאָגט, פאַנאַנדערגעשאָטן... דער פּאָרוטשניק וויאַכירעוו האָט דאַן אַרויסגענומען אַ פלאַש קאָניאַק, דאָס העלדזל פון פלאַש צו די ליפּן — בול-בול—בול!... אַ קויל האָט אַ קלאַפּ געטון אין פלאַש אַריין — צעשמעטערט עס אויף שטיקלעך! דער פּאָרוטשניק קוקט אויפן האַלדז פון פלאַש אין זיין האַנט און זאָגט: דער רוח זאָל עס נעמען, זיי פירן מלחמה מיט פלעשער! כאַ—כאַ—כאַ! זאָג איך צו אים: איר האָט אַ טעות, פּאָרוטשניק, די טערקן שיסן אין די פלעשער, אָבער פירן מלחמה מיט די פלעשער פירט איר! כאַ—כאַ—כאַ! שאַרפזיניק, אַ!

— ס'איז אייך בעסער?—האָט די מומע לוטשיצקאַיאַ פּאָלקאַנאָוון געפרעגט.

ער האָט צונויפגעפּרעסנדיק די ציין, איר געדאַנקט, קוקנדיק אויף אַלעמען מיט אומעטיק-בייזע אויגן און באַמערקנדיק, אַז ווארענקע שמייכלט מיט מיסטרוי און פאַרחידושט אונטערן פּליסטערן פון זיין שוועסטער, וועלכע האָט זיך איינגעבויגן צו איר אויער.

ענדלעך איז אים געלונגען אַוועקצוציין פון דידאָזיקע מענטשן און אַ וואָרף טוענדיק זיך אויף דער אָטאָמאַנע אין קליינעם צימערל, וואָס מ'האָט פאַר אים באַשטימט, האָט ער אונטערן גערויש פון רעגן, אָנגעהויבן צו ברענגען אין אָרדענונג זיינע געפילן.

דער אוממעכטיקער כעס אויף זיך אַליין האָט אין אים געקעמפט מיטן פאַרלאַנג צו פאַרשטיין, ווי אַזוי דאָס איז געשען, וואָס ער האָט פאַרלאָרן די פעיקייט פון זעלבסטבאַהערשונג — צי איז טאַקע אויף אַזוי ווייט אַוועק זיין געפיל צום דאָזיקן מיידל? צי איז ער טאַקע אין איר פאַרליבט? נאָר אים האָט זיך נישט איינגעגעבן צו ברענגען זיין געדאַנק צום לאָגישן סוף;

אין אים האָט געבושעוועט אַ משוגענער שטורעם פון אַ אויפגעבראַכטן געפיל. תחילת האָט ער געהאַט ביי זיך באַשלאָסן איר אַליין צו דערקלערן און הערן, וואָס זי וועט אויף דעם ענטפערן. נאָר באַלד האָט ער דעמדאָזיקן באַשלוס אָפּגעלייגט, דערמאָנענדיק זיך, אַז אים שטייט פאַר אַ נישט געוווּנשטע פליכט אריינצוטרעטן מיט וואַרעמקייט אין געוויסע באַציונגען. און ס'איז דאָך נישט מעגלעך נישט חתונה צו האָבן מיטן דאָזיקן שיינעם פאַרזעעניש!

ער האָט זיך באַשולדיקט אין דעם, וואָס ער איז אין דער הינזיכט אַזוי ווייט אַוועק, וואָס ער איז אין איר אַזוי פאַרליבט און אויך אין דעם, וואָס ער איז נישט גענוג דרייסט לגבי איר.

אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז פולשטענדיק גרייט אים זיך אונטערצוגעבן, און אַז זי שפּילט מיט אים קאַלט, שפּילט, ווי אַ קאָקעטקע.

ער האָט זי אָנגערופן, נאַרישע האַרצלאָזע, חיהדיקע און זיך אַליין, סותר געווען, פאַרטיידיקנדיק זי.

אין די פענצטער האָט דראָענדיק געקלאַפּט דער רעגן און זיי האָבן אויפגעציטערט אונטער די קלעפּ פון די דונערן.

ס'איז אָבער נישטאָ דאָס פייער, וואָס זאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן!

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט זיך, נאָך אַ לאַנגן שווערן קאַמף, איינגעגעבן אַ נעם צו טון אין די הענט אַריין, זיך אַריינקוועטשן אין קלעם פון פאַרשטענדלעכקייט, און אַלע זיינע אויפגעברויזטע געפילן, אַראָפּשטורצנדיק ערגעץ אין זיין האַרצן, האָבן אָפּגעטרעטן זייער אָרט פאַר אַ פאַרשעמטקייט און באַליידיקונג פאַר זיך גופא.

דאָס מיידל, וואָס איז דורך דער פאַרקריפּלטער סביבה אַזוי קאַליע געוואָרן, אַז ס'איז אוממעגלעך געווען זי אויסצובעסערן, וואָס איז נישט צוגענגלעך פאַר די סיגעסטיעס פונם געזונטן פאַרשטאַנד, פעלזן-פעסט אין אירע טעותים און פאַרבלענדזשעניש, — דאָסדאָזיקע מאָדנע מיידל האָט אים, אין משך פון קוים דריי חדשים צייט, פאַרוואַנדלט כמעט אין אַ חיה!

און ער האָט זיך געשפּירט ווי ער איז צוגעדריקט און נידערגעשלאָגן דורך דער חרפּה פונם דאָזיקן פּאַקט.

ער האָט געטון נישט ווייניקער פון דעם, וויפיל ער האָט געקאָנט טון כּדי זי צו מאַכן פאַר אַ מענטשן; אויב ער האָט אָבער נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו טון מער אין דערדאָזיקער הינזיכט, — איז ער אין דעם נישט שולדיק.

נאָר טוענדיק דאָס, וואָס ער האָט געקאָנט, האָט ער געדאַרפט זי פּאַרלאָזן, פון איר אַוועקגיין, און ער איז דעריבער שולדיק וואָס ער איז נישט אַוועק צו דער צייט און האָט איר דערלויבט צו דערוועקן אין אים אַ שענדלעכן אויפריס פון תאווה.

— אַ מענטש, ווייניקער אָרנטלעך, ווי איך, וואָלט אין דעם פאַל אפשר געווען קלוגער פאַר מיר — האָט ער זיך געטראַכט.

דאָ האָט אים שטאַרק אַ שטאָך געטון אַ אומגעריכטער געדאַנק:

לאָמיר זיך נישט נאַרן: צי האַלט דען דיך פון דעם אָפּ די אָרנטלעכקייט? ס'קאָן זיין, אַז דאָס, וואָס האַלט דיך צוריק, איז די מאַכטלאָזיקייט פון געפיל? וואָס וואָלט געווען, ווען נישט דאָס געפיל רעגט מיך אויף, נאָר גאָר די תאווה? צי קאָן איך ליב האָבן בכלל?... צי קאָן איך זיין אַ מאַן, אַ פּאָטער... צי איז אין מיר פאַראַן דאָס, וואָס ס'איז נייטיק פאַר אַזעלכע פליכטן?

טראַכטנדיק אין דערדאָזיקער ריכטונג, האָט ער אין זיך געשפּירט אַ קעלט און עפּעס פּחדאָנישעס, וואָס האָט אים דערנידעריקט.

קורץ דערויף האָט מען אים גערופן עסן אָוונטברויט.

וואַרענקע האָט אים באַגעגנט מיט אַ נייגעריקן בליק און מיט אַ ליבלעכער פראַגע: דאָס קעפּל איז שוין אַריבער?

— שוין אַריבער, כ'דאַנק אייך... — האָט ער טרוקן געענטפערט, זעצנדיק זיך ווייט פון איר טראַכטנדיק פאַר זיך:

— זי קאָן אפילו נישט ריידן: „שוין אַריבער ס'קעפּל"? וואָס איז דאָס פאַר אַ לשון?...

דער פּאָלקאָווניק האָט געדרעמלט, שאָקלנדיק מיטן קאָפּ

און צייטנווייז צוכראָפּנדיק; די פּרויען זעגען געזעסן אַלע דריי אין אַ ריי אויף דער אָטאָמאַנע. דער גערויש פונם רעגן פון יענעם זייט פענצטער איז געוואָרן שטילער, נאָר דערדאָזיקער עקשנותדיקער קלאַנג האָט דייטלעך עדות געזאָגט וועגן דעם פעסטן באַשלוס פונם רעגן צו באַגיסן די ערד אומענדלעך לאַנג.

אין די פענצטער האָט געקוקט די פינצטערקייט, און צימער איז געווען דושנע און דער גערוך פון נאַפט פון דריי אָנגעצונדענע לאָמפּן, צונויפמישנדיק זיך מיטן ריח פון פּאָליקאָווניק, האָט פאַרשטאַרקט די דושנעקייט און די נערוועזע שטימונג פון איפּאָליט סערגעיעוויטש. ער האָט געקוקט אויף וואַרענקעס און זיך געקלערט:

— זי גייט נישט צו צו מיר... פאַרוואָס עפּעס? צי האָט טאַקע יעליזאַוועטע איר נישט מיטגעטיילט... עפּעס נאַריש... מאַכנדיק אַן אויספיר פון אירע באַאָבאַכטונגען איבער מיר?

אין עס־צימער האָט שווער זיך געפּאָרעט די דיקע פּאַקלע. אירע גרויסע אויגן האָבן יעדע רגע אַריינגעקוקט אין גאַסטצימער אויף א־פּאָליט סערגעיעוויטשן, וועלכער האָט שווייגנדיק, גערייכערט אַ פּאַפּיראָס.

— פרייליין! שוין פאַרטיק און גרייט צום אָוונטברויט... — האָט זי מיט אַ זיפץ מיטגעטיילט, פאַמעלעך אַריינשטעלנדיק איר פיגור אין טיר פון עס־צימער.

— קומט עסן... איפּאָליט סערגעיעוויטש, קומט, ביטע. מומע, מ'דאַרף נישט באַאומרויקן דעם פאָטער, זאָל ער דאָ בלייבן און דרעמלען. דאָרט וועט ער ווידער טרינקען...

— דאָס איז קלוג... — האָט יעליזאַוועטע סערגעיעווגאַ באַמערקט.

און די מומע לוטשיצקאַיאַ האָט האַלב אינדערשטיל זיך אָפּגערופן, קוועטשנדיק מיט די פּלייצעס:

— איצט איז דאָס אַלץ שוין שפּעט... וועט ער טרינקען — וועט ער גיכער שטאַרבן. דערפאַר וועט ער מער האָבן הנאה, וועט ער נישט טרינקען — וועט ער אָפּלעבן מיט אַ יאָר מער, אָבער אָפּלעבן ערגער.

— און דאָס איז אויך קלוג... — האָט יעליזאַוועטע סער־געיעוונאַ זיך צעלאַכט.

ביים טיש איז איפּאָליט סערגעיעוויטש געזעסן אין איין ריי מיט וואַרענקען און האָט זיך געפילט, אַז די נאָענטקייט פונם מיידל האָט ווידער אין אים דערוועקט אַ אומרויקייט.

אים האָט זיך זייער געוואָלט זיך צורוקן צו איר אַזוי נאָענט, אַז ער זאָל זיך קאָנען אָנריירן אָן איר קלייד, נאָר, ווי זיין שטייגער איז שוין, האָט ער, זיך אַליין אָבסערווירנדיק, זיך געטראַכט, אַז אין דעם, וואָס עס ציט אים אַזוי צו איר, איז פאַראַן פיל עקשנות פון גשמיות, נאָר ס׳איז נישט פאַראַן קיין כּוח פון רוחניות.

— אַ פויל האַרץ! — האָט ער מיט פאַרביטערטקייט אויס־געשריען פאַר זיך.

און באַלד דערויף האָט ער כּמעט מיט שטאָלץ באַמערקט, אַז אָט האָט ער נישט קיין מורא צו זאָגן דעם אמת וועגן זיך גופא און קאָן פאַרשטיין יעדע וואַקלעניש פון זיין „איך".

פאַרנומען מיט זיך, האָט ער געשוויגן.

וואַרענקע האָט תּחילת זיך געוואונדערט צו אים אָפּט, נאָר באַקומענדיק אַלס ענטפער טרוקענע און איינזילביקע ווערטער, האָט זי, הפּנים, פאַרלאָרן דעם חשק מיט אים צו שמועסן.

ערשט נאָכן אָוונטברויט, ווען זיי זענען צופעליק געבליבן ביידע אַליין, האָט זי אים פּשוט אַ פרעג געטון:

— פאַרוואָס זענט איר עפּעס אַזאַ אומעטיקער? אייך איז אומעטיק, אָדער איר זענט פון מיר נישט צופרידן?

ער האָט געענטפערט, אַז ער פילט נישט קיין אומעט, און, מכּל־שכּן, קיין אומצופרידנקייט מיט איר.

— וואָס־זשע איז מיט אייך? — האָט זי דורכויס געוואָלט וויסן.

— דאַכט זיך, קיין שום באַזונדערס... — איבעריקנס... אויפמערקזאַמקייט איבער דער מאָס צו אַ מענטשן מאַכט צייטנ־ווייז מיד.

— אויפמערקזאַמקייט איבער דער מאָס? — האָט זאַרגזאַם

וואַרענקע איבערגעפּרעגט — וועמענס אויפמערקזאַמקייט, דעם פּאַטערס? די מומע האָט דאָך מיט אייך נישט גערעדט.

ער האָט געפילט, אַז ער ווערט רויט פאַר דערדאָזיקער פּשטות, וואָס האָט פאַר קיין זאַך נישט קיין מורא, אָדער פאַר דערדאָזיקער האָפנונגסלאָזער נאַרישקייט.

און זי, נישט וואַרטנדיק אויף זיין ענטפער, האָט מיט אַ שמייכל אים פאָרגעלייגט:

— הערט אויף צו זיין אומעטיק, אַ? כ׳בעט אייך! כ׳האָב שרעקלעך נישט ליב קיין אָנגעבלאָזענע מענטשן... ווייסט איר וואָס? לאָמיר אַ כאַפּ טון אַ קערטל... איר קאָנט שפּילן אין קאָרטן?

— איך שפּיל שלעכט... און דעם אמת זאָגן, איך האָב נישט ליב דעמדאָזיקן מין פון פאַרלירן אומזיסט די צייט... — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש דערקלערט, כמו אַז ער מאַכט מיט איר שלום.

— איך האָב אויך נישט ליב... נאָר וואָס קאָן מען טון? איר זעט דאָך, ס׳אַראַ לאַנגווייליקייט ביי אונדז הערשט! — האָט זי פאַרביטערט דערקלערט. — כ׳ווייס, אַז איר זענט אַזוי אומעטיק צוליב דעם, וואָס אייך איז לאַנגווייליק.

ער האָט איר אָנגעהויבן פאַרזיכערן אינם היפוך, אַז עס איז אים נישט לאַנגווייליק, און וואָס מער ער האָט גערעדט, אַלס היציקער זענען ביי אים אַרויסגעקומען די ווערטער. ביז ער האָט, ענדלעך פאַר זיך אַליין נישט באַמערקט, געענדיקט.

— אויב איר וועט וועלן, וועט מיט אייך אפילו אין דער מדבר אויך נישט זיין לאַנגווייליק...

— וואָס-זשע דאַרף איך צוליב דעם טון? — האָט זי אונטערגעכאַפּט, און ער האָט געזען, אַז איר פאַרלאַנג אים פריילעך צו מאַכן איז אַ גאַנץ אויפריכטיקער.

איר דאַרפט גאָרנישט טון, — האָט ער געענטפערט, טיף באַהאַלטנדיק אין זיך דאָס, וואָס אים האָט זיך געוואָלט איר ענטפערן.

— ניין, בנאמנות, — איר זענט דאָך אַהער געקומען זיך אָפּרוען, איר האָט אַזוי פיל שווערע אַרבעט, איר דאַרפט האָבן

כוחות, און פאַר אייער קומען אַהער האָט מיר ליזע געזאָגט:— אָט וועלן מיר ביידע העלפן א געלערנטן זיך אָפּרוען און זיך צעשטרייען... און מיר... וואָס קאָן איך טון? באמנות... איך... ווען פון דעם וואָלט איר פּטור געוואָרן פון אייער לאַנגווייליקייט, וואָלט איך גרייט געווען אייך צו קושן!

אים איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן און דאָס גאַנצע בלוט האָט אַזוי שטורמיש אַ שטראָם געטון צום האַרצן, אַז ער האָט זיך אַזש אַ וואַקל געטון.

— פּרובירט... טוט אַ קוש... טוט אַ קוש... האָט ער טויב געזאָגט, שטייענדיק פאַר איר און נישט זעענדיק זי.

— אָהאָ! וואָס זאָגט איר אויף אים? — האָט וואַרענקע זיך צעלאַכט און איז פאַרשווונדן געוואָרן.

ער האָט זיך געלאָזט איר נאָכגיין און זיך אָפּגעשטעלט, זיך אָנכאַפּנדיק פאַר דעם טיר-ברעט, און אַלץ האָט זיך אים געריסן נאָך איר.

אין עטלעכע סעקונדן אַרום האָט ער דערזע דעם פּאָל-קאָווניק — דער אַלטער איז געשלאָפן, אַראָפּבייגנדיק זיין קאָפּ אויף דער פּלייצע און האָט זיס געכראַפּעט. דאָסדאָזיקע כראָפּען זיינס האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון איפּאָליט סערגע-יעוויטש. דערנאָך האָט ער באַדאַרפט זיך איבערצייגן אין דעם, אַז דאָס איינטאָניקע און יאָמערלעכע זיפצן און אָכצן טראָגט זיך נישט פון זיין ברוסט, נאָר פון יענער זייט פענצטער, און אַז דאָס וויינט דער רעגן, און נישט דאָס באַליידיקטע האַרץ. דאַן האָט זיך אין אים אָנגעצונדן אַ צאָרן.

— דו שפּילסט זיך... שפּילסט זיך אַזוי?—האָט ער זיך פאַר זיך געחזרט, צונויפפּרעסנדיק די ציינער, און האָט איר געדראָט מיט עפּעס אַ באַליידיקנדיקער שטראָף. אין זיין ברוסט איז גע-ווען הייס און זיינע פיס און קאָפּ האָבן עפּעס שאַרפע שטיקלעך אייז געשטאָכן...

לוסטיק לאַכנדיק פון עפּעס, זענען אַריינגעקומען די דאַ-מען און, זיי דערזעענדיק, האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש איבער-לעך זיך אויסגעצויגן.

די מומע לוטשיצקאַיאַ האָט געלאַכט אַזוי טויב, אַז ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ביי איר אין ברוסט פּלאַצן עפּעס פענצערלעך. וואַרענקעס פּנים איז געווען באַדעקט מיט אַ כיטרען שמייכל און יעליזאַוועטע סערגעיעוונאַס געלעכטער איז געווען אַ נאַכזיכטיק-איינגעהאַלטענער.

— ס'קאָן זיין אַז זיי לאַכן פון מיר! — איז איפּאָליט סערגעיעוויטש איינגעפאַלן.

דאָס שפּיל אין קאָרטן, וואָס וואַרענקע האָט פאָרגעלייגט, איז נישט פאָרגעקומען, און דאָס האָט איפּאָליט סערגעיעוויטשן געגעבן די מעגלעכקייט אַוועקצוגיין צו זיך אין צימער אַריין, אַנטשולדיקנדיק זיך, דערמיט, וואָס ער פילט זיך נישט מיט אַלעמען.

אַרויסגייענדיק פון גאַסט-צימער,' האָט ער אויף זיין רוקן געפילט דריי בליקן און האָט געוווסט, אַז זיי אַלע דריי דריקן אויס, אַז זיי קאָנען נישט פאַרשטיין וואָס מיט אים איז.

ער האָט זיך פאַר דעם נישט געשעמט, פול מיט באַגער, זיך נוקם צו זיין אינם מיידל, זי צו דערנידעריקן דערפאַר, וואָס זי האָט זיך דערלויבט אַזעלכע שטיקלעך זי צווינגען צו וויינען און אַליין צו קוקן אויף איר און לאַכן פון אירע טרערן.

זיינע געפילן האָבן אָבער לאַנג נישט געקאָנט פאַרבלייבן אויף דער מדרגה פון אַזאַ היציקייט, ער איז געוווינט אונטערצווואַרפן זייער ברויזן די קראַפט פון פאַרשטאַנד און פלעגט זיי שטענדיק אויסדריקן שוין אָפּגעקילטע.

זיין אייגנליבע איז געווען צערייצט ביז וויטאָק דורך דער איבערצייגונג, אַז זי שפּילט מיט אים אַ שפּיל; און צוזאַמען מיט דעם איז שוין געוואַקסן דער באַשלוס, וואָס איז געווען פאַרטייבט דורך דער איבערגעלעבטער סצענע, אָפּצוזאָגן דעמדאָזיקן מיידל דורך דעם, וואָס ער וועט נישט לייגן קיין שום אַכט אויף איר שיינקייט. ס'איז נייטיק איר גיבן צו פילן, וואָס פאַר אַ קליינע באַדייטונג זי האָט אין זיינע אויגן, — דאָס וועט זיין נוצלעך פאַר איר, נאָר דאָס דאַרף פאַר איר זיין אַ לעקציע און גישט קיין נקמה, נאַטירלעך.

אַזעלכע אַרגומענטן פלעגן אים שטענדיק אַביסל באַרויקן,

צאָר איצט איז אין זיין ברוסט געווען עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז אומעגלעך געווען צו באַזייטיקן, עפּעס שווערס אין אים האָט זיך גלייכצייטיק געוואָלט און נישט געוואָלט באַשטימען די דאָזיקע אויסטערלישע, כמעט קרענקלעכע עמפּינדונג:

— פאַרשאָלטן זאָלן זיין די געפילן וועלכע האָבן נישט קיין נאָמען! — האָט ער אין זיך אויסגעשריגן.

און אַ טראָפּן וואַסער, פאַלנדיק פון ערגעץ אויף דער פּאָדלאָגע, האָט איינטאָניק אויסגעפרעגט:

— טאַק... טאַק...

אָפּזיצנדיק אַ שעה צייט אין אַ צושטאַנד פון ק אַ מ ף מיט זיך אליין, אין א בחינמדיקער שטרעבונג צו פאַרשטיין דאָס וואָס ס'איז געבליבן אומפאַרשטענדלעך און איז געווען שטאַרקער פון דעם אַלץ, וואָס ער האָט יאָ פאַרשטאַנען, — האָט ער באַשלאָסן זיך צו לייגן און איינשלאָפן, כדי מאָרגן אָפּוועקצופאָרן פון דאַנען, פריי פון אַלץ, וואָס האָט געבראָכן און דערנידעריקט. נאָר ליגנדיק אויפן געלעגער, האָט ער נישט ווילנדיק, זיך פאָרגעשטעלט וואַרענקען אַזוי, ווי ער האָט זי געזען אויפן גאַנעק, מיט הענט וואָס זענען אויפגעהויבן ווי עמעצן אַרומצונעמען און אַרומאָרמען, מיט אַ ברוסט, וואָס האָט געציטערט פון הנאה ביים שיין פון די בליצן. און ווידער האָט ער געטראַכט וועגן דעם, אַז ער וואָלט לגבי איר געווען דרייסטער... און האָט זיך איבערגעריסן, פאַרענדיקנדיק דעמדאָזיקן געדאַנק אַזוי:

...ווען ער וואָלט אַזוי געהאַנדלט, וואָלט ער זיך דאַן אָנגעהאָנגען אויפן האַלדז אַ זייער אַ שיינע געליבטע (אַז זי איז זייער אַ שיינע — קאָן וועגן דעם קיין צוויי מיינונגען נישט זיין) וועלכע וואָלט אָבער גלייכצייטיק געווען אַ שרעקלעך אומבאַקוועמע, שווערע און נאַרישע געליבטע, מיט אַ כאַראַקטער פון אַ ווילדער קאַץ און מיט דער גראָבסטער תאווה'קייט, — דאָס איז געוויס...

נאָר פּלוצלינג, צווישן די דאָזיקע מחשבות, באַשיינט דורך אַ פאָרגעפיל. האָט ער אַ ציטער געטון מיטן גאַנצן גוף, איז שנעל אויפגעשפּרונגען אויף די פיס און, צולויפנדיק צו דער

טיר פון זיין צימער, האָט ער זי אויפגעשלאָסן. דערנאָך האָט ער, שמייכלענדיק, זיך ווידער געלייגט אויפן געלעגער און אָנגעהויבן קוקן אויף דער טיר, טראַכטנדיק פאַר זיך מיט האָפעַנונג און אַנציקונג:

— דאָס טרעפט... אַזעלכעס קומט פאָר...

ער האָט ערגעץ געלייענט, ווי אַזוי דאָס איז אַמאָל געשען: זי איז אַריינגעקומען אינמיטן דער נאַכט און זיך אָפּגעגעבן, נישט פרעגנדיק פון גאָרנישט, און גאָרנישט פאָדערנדיק, פשוט, כּדי איבערצולעבן דעם מאָמענט.

וואַרענקע, — אין איר איז דאָך פאַראַן עפּעס געמיינזאַמעס מיט דער העלדן פון דערדאָזיקער דערציילונג, — זי קאָן אויך אַזוי טון. אין איר ליבלעכן אויסגעשריי: „וואָס זאָגט איר אויף אים”? — האָט, קאָן זיין, געקלונגען אַ צוזאָג, וואָס ער האָט נישט גוט אופגעכאַפּט מיטן אויער? און אָט וועט זי פּלוצלינג קומען, אין ווייסן, ציטערנדיק אינגאַנצן פון בושה און באַגער...

ער האָט זיך עטלעכע מאָל אויפגעהויבן פון געלעגער, זיך צוהערנדיק צו דער שטילקייט אין שטוב, צום גערויש פון רעגן פון יענער זייט פענצטער, פאַרקעלטערנדיק זיין הייסן גוף. נאָר אַלץ אַרום איז געווען שטיל און אין דער שטילקייט האָט זיך נישט געהערט דעם באַגערטן קלאַנג פון פאָרזיכטיקע טריט.

— ווי אַזוי וועט זי אַריינגיין? — האָט ער געטראַכט און זיך זי פאָרגעשטעלט אויף דער שוועל פון דער טיר מיט אַן אַנטשידן און שטאָלץ פּנים.

זיכער, זי וועט אים שטאָלץ אָפּגעבן איר שיינקייט... דאָס וועט זיין אַ מתּנה פון אַ קעניגין. אָדער ס׳קאָן זיין, אַז זי וועט זיך פאַר אים אָפּשטעלן מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, אַ פאַרשעמטע, מיט טרערן אין די אויגן. אָדער זי וועט זיך גאָר פּלוצלינג באַווייזן, מיט אַ שטילן נעלעכטער איבער זיינע צרות און ליידן, וועלכע זי ווייסט, און פלעגט שטענדיק באַמערקן, נאָר אים נישט אַרויסגעוויזן, אַז זי ווייסט וועגן דעם, כּדי אים צו פּייניקן און זיך צו פאַרשאַפן הנאה.

אין אַזאַ צושטאַנד, נאָענט צו משוגעת, שילדערנדיק זיך

אין זיין דמיון תאווהדיקע בילדער און זיך צערייצנדיק מיט זיי אַלץ מער די נערוון, — האָט איפּאָליט סערגעיעוויטש נישט באַמערקט, ווי דער רעגן האָט אויפגעהערט און אַז אין פענצטער פון זיין צימער האָבן געקוקט די שטערן.

ער האָט געוואַרט צו דערהערן טריט, טריט פון אַ פרוי, וועלכע טראָגט אים הנאה און גליק. נאָר קיין טריט האָבן זיך נישט געהערט אין דער שלעפעריקער שטילקייט. צייטנווייז, און נאָר אויף אַ קורצע רגע, איז די האָפענונג אַרומצוגעמען דאָס מיידל אויסגעלאָשן געוואָרן; דעמאָלט האָט ער אינם פאַרשטאַרקטן קלאַפּ פון זיין האַרץ געהערט אַ פאַרוואורף פאַר זיך און האָט אָנערקענט, אַז דער צושטאַנד וואָס ער לעבט איצט איבער, איז אים פרעמד, איז פאַר אים שענדלעך, קרענקלעך און העסלעך.

די אינערלעכע וועלט פונם מענטשן איז אָבער אַ צו קאָמפּליצירטע און פילפּאַכיק, אַז עפּעס איינס זאָל קאָנען שטענדיק און שטאַנדהאַפטיק איינהאַלטן אין גלייכגעוויכט אַלע שטרעבונגען, דעריבער איז אין לעבן פון יעדן יחיד פאַראַן אַ תהום, אין וועלכן ער מוז אומפאַרמיידלעך אַריינפאַלן, ווען ס'וועט אויף דעם קומען די צייט.

און דורך אַ ביטערער איראָניע פון די כוחות, וואָס פירן אָן מיטן לעבן, פאַלן אַריין אהין טיפער און ווערן צעניזקט שטאַרקער — די פאַרזיכטיקע מענטשן.

ביז פאַר טאָג האָט ער געזעדט פון היץ, געפּייניקט פון ליידנשאַפט, און ווען די זון איז שוין געהאַט אויפגעגאַנגען, — האָבן זיך דערהערט טריט.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן געלעגער, אַ ציטערדיקער, מיט אָנגעצונדענע אויגן, און געוואַרט און געפילט, אַז ווען זי וועט זיך פאַר אים באַווייזן, — וועט ער נישט זיין בכוח איר צו זאָגן אפילו אַ וואָרט פון דאַנקבאַרקייט.

און די טריט, לאַנגזאַמע און שווערע, האָבן זיך דערנענטערט צו דער טיר...

און אָט האָט זיך די טיר שטיל געעפנט... איפּאָליט סער-

געיעוויטש האָט זיך מאכטלאָז אראָפּגעלאָזט אויף די קישנס און פאַרמאַכנדיק די אויגן, איז ער פאַרשטאַרט געוואָרן.

— כ'האָב אייך אפשר אויפגעוועקט? כ'האָב געדאַרפט אייערע שטיוול... און די הויזן... — האָט מיט אַ פאַרשלעפּערטן קול געזאָגט די דיקע פּאָקלע, פּאַמעלעך, ווי אַן אָקס, צוגייענדיק צום געלעגער.

זיפצנדיק, גענעצנדיק און שטופנדיק אַהין און אַהער דאָס מעבל האָט זי גענומען זיינע מלבושים און איז אַוועק, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ קוך-ריח.

ער איז לאַנג געלעגן, צעקלאַפּט און פאַרניכטעט, גלייכגילטיק באַמערקנדיק אין זיך, ווי ס'ווערן פּאַמעלעך פאַרשווונדן די שפּליטערן פון יענע בילדער, וועלכע האָבן אַ גאַנצע נאַכט אים געמאַטערט און געציפּט זיינע נערוון.

די דיקע פרוי איז ווידער געקומען מיט זיינע אויסגערייניקטע מלבושים, האָט זיי אַוועקגעלייגט און איז אַוועקגעגאַנגען, טיף אָפּזיפצנדיק.

ער האָט זיך אָנגעהויבן אָנטון, אַליין נישט ווייסנדיק, צוּוואָס ער דאַרף עס טון אַזוי פרי.

דערנאָך, נישט טראַכטנדיק, האָט ער באַשלאָסן צו גיין זיך באָדן אין טייך, און דאָס האָט אַביסל אים לוסטיקער געמאַכט.

טרעטנדיק פאָרזיכטיק איבער דער פּאָדלאָגע, איז ער פאַרבייגעגאַנגען פאַרן צימער אין וועלכן ס'האָט זיך געהערט דאָס שטאַרקע כראָפּען פונעם פּאָלקאָווניק, דערנאָך איז ער פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַ פאַרמאַכטער טיר פון עפּעס אַ צימער.

ער האָט זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט פאַר דערדאָזיקער טיר, נאָר גוט זיך איינקוקנדיק אין איר האָט ער דערפילט, אַז דאָס איז נישט יענע טיר.

און ענדלעך, איז ער אַ האַלב שלאָפעדיקער, אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן און איז איבער דער שמאָלער סטעזשקע אַוועק ווייטער, ווייסנדיק, אַז זי וועט אים ברענגען צופירן צום טייך.

ס'איז געווען ליכטיק און פריש; די שטראַלן פון דער זון האָבן נאָך נישט פאַרלאָרן זייערע ראָזיקע פאַרבן פונעם אויפגאַנג.

די פייגעלעך האָבן לעבהאַפטיק געפּלאַפּלט איינס מיטן אַנדערן, אָפּפּליקנדיק די קאַרשן פון די צווייגן.

אויף די בלעטער האָבן געציטערט די רעגן־טראָפּן, ווי אמתע בריליאַנטן, אַראָפּפאַלנדיק אויף דער ערד מיט בלאַנקענדיקע טרערן, זענען זיי איינע נאָך דער אַנדערער פאַרשווינדן געוואָרן. די ערד איז געווען פייכט, זי האָט אָבער איינגעשלונגען די גאַנצע פליסיקייט, וואָס איז געפאַלן אויף איר אַ גאַנצע נאַכט. און אין ערגעץ איז נישט געווען צו זען קיין בלאָטע און קיין קאַלוזשעס.

אַלץ אַרום איז געווען פריש און ריין — פּונקט ווי אַלץ איז די נאַכט נעבוירן געוואָרן און אַלץ איז געווען שטיל, און אומבאַוועגלעך, פּונקט ווי דאָס אַלץ האָט זיך נאָך נישט איינגעוווינט מיטן לעבן אויף דער ערד און זעענדיק דאָס ערשטע מאָל די זון, האָט עס שווייגנדיק באַוווּנדערט איר ווונדערבאַרע שיינקייט.

איפּאָליט סערגעיעוויטש האָט געקוקט אַרום זיך, און דאָס ווינדעלע פון שמוץ, וואָס האָט אַרומגעוויקלט זיין מוח און נשמה אין דערדאָזיקער נאַכט, האָט אים ביסלעכווייז באַפרייט, אָפּטרעטנדיק דאָס אָרט פאַרן ריינעם ווייען פונם נייגעבוירענעם טאָג. פול מיט זיסע און מחיהדיקע ריחות.

אָט איז דער טייך נאָך אַ ביסל אַ ראָזיקער און גאָלדענער אין די שטראַלן פון דער זון. דאָס וואסער אַביסל טריב פונם רעגן, שפּיגלט שוואַך אָפּ אין אירע כוואַליעס דאָס גרינס פון די ברעגעס. ערגעץ נאָענט פּליעסקעט זיך אַ פיש און דאָסדאָזיקע פּליעסקען און דער געזאַנג פון די פייגל — זענען אַלץ קלאַנגען, וועלכע שטערן די שטילקייט פונם פרימאָרגן. ווען ס'וואָלט נישט געווען פייכט, וואָלט מען זיך געקאָנט לייגן אויף דער ערד, דאָ ביים טייך, אונטערן צודעק פונם גרינס, און ליגן ביז וואַנען די נשמה וועט זיך נישט באַרויקן פון די איבערגעלעבטע אויפרעגונגען.

איפּאָליט סערגעיעוויטש איז געגאַנגען אין דער לענג פון ברעג, וועלכער איז געווען אילוזאָריש אויסגעשניטן מיט זאַמדי-

קע קאָפּן און קליינע גאָלפן, אַרומגערינגלט מיט גרינס, און האָבן כמעט יעדע פינף טריט פאַר אים געעפנט אַ נײַ בילד.

גייענדיק שטיל ביים סאַמען וואַסער, האָט ער געוווּסט אַז אויף אים וואַרט אַלץ נײַס און נײַס אין דערדאָזיקער פּאַנאָראַמע. און ער האָט גענוי באַקוקט די ליניעס פון יעדן באָלף און די פיגורן פון די ביימער, וואָס זענען געשטאַנען איבער זיי אײַנגעבויגן, פּונקט ווי ער וואָלט גענוי וויסן, מיט וואָס עס צייכנט זיך אויס די אָדער יענע אײַנצלהייט פונם בילד פון יענעם בילד, וואָס איז געבליבן הינטער אים.

נאָר פּלוצלינג איז ער פאַרבלענדט שטיין געבליבן.

פאַר אים איז, ביזן גאַרטל אין וואַסער, געשטאַנען וואַרענקע. זי איז געשטאַנען, אײַנבייגנדיק דעם קאָפּ און אויסקוועטשנדיק מיט די הענט די נאַסע האָר. איר קערפּער איז געווען ראָזיק פון קעלט און די זון־שטראַלן. אויף איר האָבן געגלאַנצט טראָפּן וואַסער, ווי זילבערנע שיפּן. די טראָפּן וואַסער, פּאַמעלעך זיך אַראָפּקייקלענדיק איבער אירע פּלייצעס און ברוסט, זענען אַראָפּגעפאַלן אין וואַסער אַרײַן, און איידער זיי זענען אַהין אַראָפּגעפאַלן, האָט יעדער פון זיי לאַנג געבלאַנקט אויף דער זון, פּונקט ווי אים וואָלט זיך נישט געוואָלט שיידן מיטן קערפּער, וועלכן ער האָט אָפּגעוואַשן. און פון אירע האָר האָט זיך געגאָסן וואַסער, דורכגייענדיק דורך די ראָזיקע פינגער פונם מיידל, האָט זיך געגאָסן מיט אַ צאַרטן קלאַנג, וואָס האָט געלאַטשעט דאָס אויער.

ער האָט אויף איר געקוקט מיט אַנציקונג, מיט פּיעטעט, ווי אויף עפּעס הייליקס — אַזוי ריין און האַרמאָניש איז געווען די שיינקייט פונם דאָזיקן מיידל מיט איר בליענדיקן כּוח פון יוגנט, און ער האָט נישט געשפּירט קיין אַנדערע באַגערן, אַ חוצדעם באַגער אויף איר צו קוקן.

איבער זײַן קאָפּ, אויף אַ צווייג פון אַ ניסנבוים, האָט געזונגען און געיאָמערט אַ נאַכטיגאַל, נאָר פאַר אים זענען די גאַנצע שיינקייט פון דער זון און אַלע קלאַנגען געווען אינם דאָזיקן מיידל צווישן די כוואַליעס. און די כוואַליע האָט שטיל געגלעט

איר קערפּער, שטיל און ליבלעך אַרומגייענדיק אַרום איר אין זייער פרידלעכע שטראָמען.

נאָר דאָס גוטס איז פּונקט אַזוי קורץ ווי דאָס שיינס, און דאָס, וואָס ער האָט געזען, — האָט ער געזען קוים עטלעכע סעקונדן, ווייל דאָס מיידל האָט פּלוצלינג אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט אַ צאָרנדיקן געשריי האָט זי זיך האַסטיק אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער ביז האַלדז.

דידאָזיקע באַוועגונג אירע האָט זיך אָפּגערופן אויף זיין האַרצן — דאָס האַרץ האָט ביי אים, אַ ציטער טוענדיק, אויך ווי אַריינגעפאַלן אין קעלט.

דאָס מיידל האָט אויף אים געקוקט מיט בלאַנקנדיקע אויגן און איר שטערן איז געוואָרן דורכגעשניטן דורך אַ בייזן פאַלד, וועלכער האָט פאַרקריפּלט איר געזיכט מיט אַן אויסדרוק פון שרעק, פאַראַכטונג און צאָרן. ער האָט געהערט איר אויפגערעגט זיך בייזערדיק קול:

— אַוועק... גייט אַוועק! גאָט איז מיט אייך! ווי שעמט מען זיך עס נישט!...

נאָר אירע ווערטער זענען דערפלויגן צו אים פון דער-ווייטנס, נישט קיין דייטלעכע און אַזעלכע, וואָס האָבן אים גאָר-נישט פאַרבאָטן. און ער האָט זיך איינגעבויגן צום וואַסער אויס-שטרעקנדיק פאָרויס די הענט קוים זיך האַלטנדיק אויף די פיס, וועלכע האָבן געציטערט פון דער אָנשטרענגונג איינצוהאַלטן זיין אומנאַטירלעך אויסגעבויגענעם קערפּער, וועלכער האָט געברענט אין די ענויים פון ליידנשאַפט. ער האָט אינגאַנצן, מיט יעדן אָטאָם פון זיין נשמה געשטרעבט צו איר און אָט איז ער ענד-לעך אַ פאַל געטון אויף די קני, כמעט אָנרירנדיק זיך מיט זיי אינם וואַסער.

זי האָט מיט רוגזה אַ געשריי געטין, געמאַכט אַ באַוועגונג צו שווימען, נאָר איז געבליבן שטיין, און האָט טויב און פחדימדיק אַ זאָג געטון:

— גייט אַוועק!... כ׳וועל קיינעם נישט זאָגן...

כ׳קאָן נישט... — האָט ער געוואָלט ענטפערן, נאָר

זיינע ציטערדיקע ליפן האָבן נישט אַרויסגערעדט די דאָזיקע ווערטער, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין כוח אַרויסצורייִדן אַ וואָרט.

— היט זיך דו! אוועק פונדאַנען! — האָט דאָס מיידל אַ געשריי געטון. — געמיינער יונג, נידערטרעכטיקער...

וואָס זענען פאַר אים געווען די דאָזיקע געשרייען?

ער האָט איר געקוקט אין די אויגן אַריין מיט זיינע טרוקן ברענענדיקע אויגן און, שטייענדיק אויף די קני, האָט ער אויף איר געוואַרט.

און וואָלט געוואַרט, ווען ער וואָלט אפילו געוווּסט, אַז איבער זיין קאָפּ האָט עמעץ אויפגעהויבן אַ האַק, אים צו צעשמעטערן דעם שאַרבן.

— אָ! דו עקלהאַפטער כלב... נו, כ'וועל דיר שוין... — האָט דאָס מיידל מיט עקל אַ שעפּטש געטון און פּלוצלינג זיך אַ וואָרף געטון פון וואַסער אויף אים.

זי איז געוואַקסן אין זיינע אויגן, געוואַקסן, בלישטשענדיק מיט איר שיינקייט, — אָט איז זי אינגאַנצן, ביז די פינגער פון די פיס, פאַר אים. אַ שיינע אַ צאָרנדיקע; ער האָט עס געזען און געוואַרט אויף איר מיט אַ גיריקן ציטער. אָט האָט זי זיך צו אים אָנגעבויגן... ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט נאָר אַרומגענומען האָט ער... די לופט. און אין דער זעלבער צייט האָט אַ קלאַפּ איבערן פנים מיט עפּעס נאַס און שווערס אים פאַרבלענדט און אַ שטויס אָפּ געטון צוריק.

ער האָט זיך אָנגעהויבן צו רייבן די אויגן — אַ נאַסער זאַמד איז געווען אונטער זיינע פינגער און אויף זיין קאָפּ, פּלייצעס באַקן, האָבן זיך געשאָטן קלעפּ, נאָר די קלעפּ האָבן ביי אים אַרויסגערופן נישט קיין ווייטאָק, נאָר עפּעס אַנדערש און פאַרדעקנדיק מיט די הענט דעם קאָפּ, האָט ער עס גיכער געטון מעכאַניש איידער באַוווּסטזיניק. ער האָט געהערט אַ בייז געצאָמער און געוויין... אומגעוואָרפן, ענדלעך, דורך אַ שטאַרקן קלאַפּ אין ברוסט, איז ער אומגעפאַלן אויפן רוקן. מ'האָט אים

מער נישט געשלאָגן. ס׳האָט זיך דערהערט אַ שאָרך פון די קוס־טעס, וועלכער איז באַלד ווי פאַרשטאַרט געוואָרן...

אומגעהייער לאַנג זענען געווען די סעקונדן פון בייזן שווייגן, וואָס איז אַנטשטאַנען נאָכדעם, ווי דער שאָרך. האָט אויפגעהערט.

דער מענטש איז אַלץ געלעגן אומבאַוועגלעך, דערדריקט פון זיין שאַנד און, פול מיט אַ אינסטינקטיוון באַגער זיך צו באַהאַלטן פון דער חרפה, האָט ער זיך געטוליעט צו דער ערד.

עפנענדיק די אויגן, האָט ער דערזען דעם בלויען הימל אָן אַ שיעור אַ טיפן, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער הימל גייט פון אים שנעל אַוועק אינדערהייך, העכער און העכער... פון דעם איז אים געוואָרן אַזוי שווער צו אָטעמען, אַז ער האָט אָנגעהויבן זיפצן און פאַמעלעך פאַרזונקען געוואָרן ערגעץ, ווו ס׳איז שוין נישט געווען קיין שום עמפינדונגען.

אַזוי איז ער אָפּגעלעגן ביז ס׳איז אים נישט געוואָרן קאַלט.

ווען ער האָט געעפנט די אויגן האָט ער דערזען וואַרענ־קען, איינגעבויגן איבער אים דורך אירע פינגער איז אים אין פנים אַריין געפלאָסן וואַסער.

ער האָט געהערט איר שטים:

... וואָס, — גוט אַזוי... וויאַזוי וועט איר קומען צו אונדז אין הויז אין אַזאַ צושטאַנד ?... איינגאַנצן אַ מיאוסער, שמוציקער, נאַסער און אָפּגעריסענער... אָך, שלימזלניק איינער!... זאָגט כאָטש, אַז איר האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון ברעג אין וואַסער אַריין... אָך, ס׳איז אַ חרפה!... כ׳בין דאָך דאָן פעיק געווען צו דערהרגע־נען... ווען ס׳וואָלט מיר אין האַנט אַריינגעפאַלן עפּעס אַנ־דערש:

און זי האָט נאָך פיל גערעדט, נאָר דאָס אַלץ האָט לגמרי נישט פאַרמינערט און נישט פאַרגרעסערט דאָס, וואָס ער האָט געפילט.

און ער האָט גאָרנישט געענטפערט אויף אירע ווערטער ביזוואַנען זי האָט אים נישט געזאָגט, אַז זי גייט אַוועק.

דאַן האָט ער זי אין דער שטיל געפרעגט:

— איר... מער... וועל איך אייך שוין נישט זען?

און ווען ער האָט דאָס געפרעגט, האָט ער זיך דערמאָנט און פאַרשטאַנען, אַז ער וואָלט איר געדאַרפט זאָגן:

— זייט מיר מוחל...

נאָר ער האָט נישט באַוויזן דאָס צו זאָגן, ווייל זי האָט אַ מאַך געטון אויף אים מיט דער האַנט און איז האַסטיק פאַרשוונדן געוואָרן צווישן דיביימער.

ער איז געזעסן, זיך אָנשפאַרנדיק מיטן רוקן צום שטאַם פון בוים אָבער צו עפּעס אַנדערש און האָט טעמפּ געקוקט, ווי ביי זיינע פיס איז געפלאָסן דאָס טריבע וואַסער פון טייך.

און דאָס וואַסער איז געפלאָסן פּאַמעלעך... פּאַמעלעך... פּאַמעלעך...

ע נ ד ע

מאַלוואָ

דער ים האָט געלאַכט.

אונטערן לייכטן הויך פונם אומגעהויער הייסן ווינט האָט דער ים געציטערט און, באַדעקנדיק זיך מיט קליינע קרייזלעך פון בלעזלעך, וואָס האָבן בליענדיק העל אָפּגעשפּיגלט די זון, האָט ער מיט טויזנטער זילבערנע שמייכלען, געשמייכלט צום בלויען הימל.

אין טיפן שטח צווישן ים און הימל האָט זיך געטראָגן אַ פריילעך און רוישיק פּאַטשעריי פון די כוואַליעס, וואָס זענען אַרויפגעלאָפן, איינע נאָך דער אַנדערער, אויפן משופּע־דיקן ברעג פון דער זאַמדיקער לאַנד־צונג.

דער דאָזיקער קלאַנג פונם כוואַליעס־שפּיל און דער בלענ־דענדער גלאַנץ פון דער זון, וואָס האָט זיך טויזנטער מאָל אָפּ־געשפּיגלט אין צובלאָזטן ים, האָבן זיך האַרמאָניש צוזאַמענ־געגאָסן אין אַ אומאויפהערלעכער באַוועגונג, פול מיט לעבע־דיקער פרייד. די זון איז געווען גליקלעך, וואָס זי האָט געלויכטן; דער ים — וואָס ער האָט אין זיך אָפּגעשפּיגלט די טריומפירנדע שיין.

דער ווינט האָט צאַרטיק געגלעט די מעכטיקע אַטלאַסענע ברוסט פונם ים, דער ים האָט זי געוואַרעמט מיט זיינע הייסע שטראַלן, און, פאַרשלאָפן אָפּזיפצנדיק אונטער דער צערטלעכער קראַפט פון די דאָזיקע לאַסטשערייען, האָט ער אָנגעזעטיקט די הייסע לופט מיטן זאַלציקן ריח פון די דאַמפן, וואָס ער האָט פון זיך אַרויסגעלאָזט. די גרינלעכע כוואַליעס האָבן, אַרויפלויפנדיק אויפן געלן זאַמד, אויף אים אַראָפּגעוואָרפן דעם

ווייסן שוים פון זייערע פּרעכטיקע גזשיוועס, דער שוים יז
שטיל, קוים צו הערן, צושמאָלצן געוואָרן אויפן הייסן זאַמד
און אים פייכט געמאַכט.

די שמאָלע משופּעדיקע און לאַנגע לאַנד-צונג האָט אויס-
געזען ווי זייער אַ גרויסער טורעם, וואָס איז פון ברעג אַריינ-
געפאַלן אין ים אַריין. איינשטעכנדיק זיך מיט אַ שאַרפן
שפּיץ אין גרענעצלאָזן וואַסער-וויסטע, וואָס האָט זיך געשפּילט
מיט דער זון האָט דער דאָזיקער טורעם פאַרלוירן זיין פונ-
דאַמענט העט, העט אין דערווייטנס, ווו דער מענטער און
הייסער נעפּל, האָט אין זיך באַהאַלטן די ערד. פון דאָרט
איז מיטן ווינט געקומען צופליען אַ שווערער ריח, וועלכער
איז געווען אומפאַרשטענדלעך און געהאַט אין זיך עפּעס
באַליידיקנדעס דאָ צווישן דעם וויסטן ריינעם ים, אונטער
דעם בלאָען, לויטערן הימל.

אינם זאַמד ביים ברעג, וועלכער איז געווען ווי באַזייט
מיט פיש-שופּן, זענען געשטאַנען אַריינגעשטעקט הילצערנע
שטאַנגען, און אויף זיי זענען געהאָנגען נעצן, וואַרפנדיק פון
זיך אַ פּאַיענטשינע פון דינע שאָטנס. עטלעכע גרויסע שיפ-
לעך און איין קליינע זענען געשטאַנען אין אַ שורה אויפן
זאַמד, האַרט ביים ברעג און די כוואַליעס, אָנלויפנדיק אויפן
ברעג, האָבן ווי געלאָקט די שיפלעך צו זיך, אין ים אַריין.
שטאַנגען, רודערס גרויסע קנוילן שטריק, קויבערס און פעסער
האָבן זיך אין אַ אומאָרדנונג געוואַלגערט אויפן ברעג און
צווישן זיי איז געשטאַנען אַ בויד, אויפגעשטעלט פון שטענגלעך,
קאָרע-ברעטער און ראַגאַזשעס.

פאַרן אַריינגאַנג פון בויד האָבן אויף אַ סענקעוואַטן
שטעקן געטאָרטשעט, מיט די פּאָדעשווע אַרויף צום הימל, אַ
פּאָר שטיוול. און איבער דעם גאַנצן דאָזיקן תהו ובהו האָט
זיך אויפגעהויבן אַ לאַנגער סלופּ מיט אַ רויטער שמאַטע אויף
זיין עק, וועלכע האָט געפלאַטערט פונם ווינט.

אין שאָטן פון אַ שיפל איז געלעגן וואַסילי ליעגאָסטיעוו,
דער סטרוזש אויף דער לאַנד-צונג, וואָס האָט מיט זיך פאָר-

געשטעלט אַ פּאָר-פּאַסטן פון די פישערייען, וואָס האָבן געהערט צום סוחר גרעביענטשיקאָוו. ער איז געלעגן אויף דער ברוסט און האַלטנדיק זיין קאָפּ אין די דלאָניעס, האָט ער אָנגע-שטרענגט געקוקט אין דער וויטקייט פון ים, אויף אַ קוים באַמערקבאַרן ברעג-פּאַס. דאָרט אויפן וואַסער האָט געשי-מערט אַ קליין שוואַרץ פּינטעלע, און וואַסילן האָט הנאה גע-טאָן צו זען, ווי דאָס דאָזיקע פּינטעלע איז אַלץ גרעסער גע-וואָרן, זיך דערנענטערנדיק זיך צו אים. ער האָט צוזאַמענ-געצויגן די אויגנלעפּלעך, נישט קענענדיק קוקן מיט אָפענע אויגן אויף דאָס העלע שפּיל פון די זונען-שטראַלן אין די כוואַליעס, און האָט צופרידן געשמייכלט:—דאָס פאָרט מאַלוואַ. זי וועט קומען צופאָרן, וועט זיך הילכיק פאַנאַנדערלאַכן אַזוי, אַז די ברוסט אירע וועט אָנהייבן פאַרפירעריש זיך צו הייבן, זי וועט אים אַרומנעמען מיט אירע שטאַרקע, אָבער ווייכע אָרעמס, וועט אים אויסקושן יעדען עב־ און מיטן קלינקעדיקן קול, שרעקנדיק די מעוועס, וועט זי אָנהייבן דערציילן נייעס, וואָס איז פאָרגעקומען דאָרט, אויף יענעם שטיק ברעג, זיי וועלן זיך אָפּקאָכן אַ גוטע פיש-יאָך, מאַכן אַ כוסה, וועלן זיך וואַל-גערן אויפן זאַמד, רעדנדיק און שטיפנדיק, מעשה פאַרליבט פאָרל. דערנאָך, ווען ס'וועט ווערן פינצטער, וועלן זיי אויפקאָכן דעם טשייניק טיי, וועלן זיך אָנטרינקען מיט טיי צובייסנדיק מיט געשמאַקע בייגל און זיך לייגן שלאָפן.... אַזוי קומט פאָר יעדן יום-טוב. גאַנץ פרי וועט ער זי אָפּפירן צוריק צו יענער זייט ברעג, איבערן ים, וואָס איז נאָך דאַן שלעפעריק און איינגעהילט אין אַ פאַרטאָגיקן פרישן נעפּל. זי ווערט, דושימענדיק, זיצן אויפן רודער און ער וועט וועסלעווען און קוקן אויף איר. קאָמיש זעט מאַלוואַ דאַמאָלס אויס, קאָמיש און מלא חן, ווי אַ זאַטע קאַץ. ס'קען זיין, אַז זי וועט זיך אַראָפּגליטשן פון בענקעלע אויף דער דנאָ פונם שיפל און וועט דאָרט איינשלאָפן, זיך צונויפדרייענדיק, אין אַ קנויל. זי טוט עס אַזוי אָפט.

דעם דאָזיקן טאָג זענען אַפילו די מעוועס געוועזן פאַר-

מאַטערט פון דער שטאַרקער היץ. זיי זיצן שורותווייז אויפן זאַמד, געעפנט די שנאָבלען און אַראָפּלאָזנדיק די פליגלען, אָדער זיי שאָקלען זיך פויל אויף די כתאַליעס, אָן געשרייען, אָן זייער גיריקער מוגטערקייט.

אונטערן הייסן לאַסטשען פון דער זון האָט זיך אַזוי תאוהדיק געהויבן די ברוסט פונם ים. און אין דער לופט איז געווען פונאַנדערגעגאָסן אַ באַרוישנדע מאַטקייט...

וואַסילין האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין שיפל איז נישט מאַלוואַ אַליין, נאָר נאָך עמיצער. געוויס האָט סעריאָזשקא ווי-דער זיך צו איר צוגעטשעפּעט? וואַסילי האָט זיך שווער אַ קער אום געטון אויפן זאַמד, זיך אַנידערגעזעצט און פאַרשטעלנדיק מיט דער דלאָניע די אויגן, האָט ער שטאַרק אומצופרידן, אָנ-געהויבן זיך איינצוקוקן, — ווער איז דער אַנדערער, וואָס פאָרט מיט מאלוועַן? מאַלוואַ זיצט אויפן רודער און קאָמאַנדעוועט. דער רודערער — איז נישט סעריאָזשקאַ, ער ווערסלעוועט שטאַרק, אָבער פאַרטאַטשיש. און ווען דאָס וואָלט געווען סעריאָזשקאַ, וואָלט מאַלוואַ נישט געקאָמאַנדעוועט.

— ע!... — האָט וואַסילי אומגעדולדיק אַ געשריי געטון.

די מעוועס אויפן ברעג האָבן אַ ציטער געטון פונם דאָ-זיקן אויסגעשריי און זענען געוואָרן וואַכזאַם.

— ע!... — ע!... — האָט זיך פונם שיפל דערטראָגן מאַלוועס קלינגעדיקע קול.

— מיט וועמען ביסטו דאָרט?

— אַלס ענטפער האָט זיך דערטראָגן אַ געלעכטער.

— דו קליפּה איינע! — האָט וואַסילי נישט הויך זי אויסגעזידלט און באַליידיקט אָפּגעשפּיגן.

אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט וויסן, ווער עס פאָרט דאָרט מיט איר, און צונויפדרייענדיק אַ פּאַפּיראָס, האָט ער עקשנותדיק געקוקט אויפן נאַקן און רוקן פונם מאַנספּער-שוין, וואָס האָט געווערסלעוועט, שנעל זיך דערנענטערנדיק צו אים.

אין דער לופט האָט זיך געהערט אַ שטאַרק פליעסקען

פונם וואַסער אונטער די שטאַרקע שטויסן פון די וועסלעס. און דער זאַמד האָט געסקזשיפּיעט אונטער די באָרוועסע פיס פונם וועכטער, וועלכער האָט געקעמפּט מיט דער אומגעדולדי־קער נייגעריקייט.

— ווער איז דאָס מיט דיר? — האָט ער אַ געשריי גע־טון, ווען ער האָט שוין דערקענט דאָס שמייכעלע, וואָס איז אים גוט באַקאַנט אויף מאַלוועס שײנעם און פולן פּנים.

— האָב צייט... ווערסטו אים מסתמא דערקענען! — האָט זי זיך אָפּגערופן מיט אַ שמייכל.

דער, וואָס האָט געוועסלעוועט, האָט זיך אַ קער אום געטאָן מיטן פּנים צום ברעג, און לאַכנדיק, אַ קוק געטון אויף וואַסילין.

דער וועכטער האָט אָנגעכמורעט די ברעמען, זיך דער־מאָנענדיק, ווער קען עס זיין דער דאָזיקער בחור, וואָס קומט אים פאָר אַזוי באַקאַנט.

— טו אַ קלאַפּ שטאַרקער! — האָט מאַלוואַ אַ קאָמאַנדע געטאָן.

דאָס שיפל האָט זיך מיט אַ שוואונג כמעט ביז העלפט איינגעשניטן אין זאַמד אַריין צוזאַמען מיט אַ כוואַליע און, אַ שאָקל טוענדיק זיך אָן אַ זייט, איז עס געבליבן שטיין, און די כוואַליע האָט לאַכנדיק, זיך צוריק אַראָפּגעקייקלט אין ים אַריין. דער, וואָס איז געפאָרן מיט מאַלוועס, איז אַרויסגע־שפּרונגען אויפן ברעג און, צוגייענדיק צו וואַסילין, האָט ער געזאָגט:

— גוט מאָרגן, פאָטער!

— יאַקאָוו! — האָט וואַסילי אויסגעשריגן מיט אַ אונטער־דריקטן קול, מער פאַרחידושט, ווי דערפרייט.

זיי האָבן זיך אַרומגענומען און צוקושט צו דריי מאָל אין די ליפּן און באַקן און נאָך דעם האָט זיך אויף וואַסיליס פּנים די פאַרוווּנדערונג צונויפגעמישט מיט פרייד און פאַר־לעגנהייט.

— יאָ, י... כ׳שטיי אַזוי ביים ברעג און קוק אויף דעם

שיפל... יאָ... און דאָס האַרץ בייסט עפּעס... אָ, דו... ביזט הייסט עס גאָר און איך קוק: כ'מיין אַז דאָס איז סעריאָזשקאַ, צום סוף ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז דאָס איז נישט סעריאָזשקאַ, אַז דאָס ביזטו גאָר!

וואַסילי האָט מיט איין האַנט געגלעט די באָרד און מיט דער אַנדערער געמאַכט אין דער לופטן. אים האָט זיך געוואָלט אַ קוק טון אויף מאַלוועַן, נאָר אויף זיין פּנים זענען געווען אָנגעשטעלט די שמייכלענדע אויגן פון זיין זון און פון זייער גלאַנץ האָט וואַסילי זיך דערשפּירט אין אַ פאַרלעגנהייט. דאָס געפיל פון זעלבסטצופרידנקייט דערפאַר, וואָס ער האָט אַזאַ געזונטן און שיינעם זון, האָט אין אים געקעמפט מיט אַ געפיל פון פאַרלעגנהייט צוליב דער, אָנוועזנהייט פון דער געליבטער זיינע. ווי צומישט, האָט ער נישט געוווסט וואָס צו טאָן און, שטייענדיק פאַר יאַקאָוון, זיין זון, האָט ער אים געשטעלט פראַגן איינע נאָך דער אַנדערער, נישט דערוואַרטנדיק זיך קיין ענטפער אויף זיי. אין זיין קאָפּ האָט זיך אַלץ אַזוי מאָדנע צוזאַמענגעפּלאָנטערט און באַזונדערס אומבאַקוועם האָט ער זיך דערפילט, ווען מאַלוואַ האָט צו אים שפּאָטיש אַ זאָג געטאָן:

— הער שוין אויף זיך צו טאָפּטשען אויף איין אָרט ווי אַ גולם... פון פרייד! פיר אים אַריין אין בויד און זיי אים מכבד מיט עפּעס, גיב אים עפּעס אין מויל אַריין...

ער האָט זיך אַ קער אום געטאָן צו איר. אויף אירע ליפּן האָט געשפּילט אַ שפּאָטיש שמייכל און אינגאַנצן איז זי דאַן געווען, — אַ רונדע, אַ ווייכע און אַ פרישע, ווי שטענדיק, נאָר גלייכצייטיק — עפּעס גאָר אַ נייע, נישט די זעלבע מאַלוואַ, ווי עפּעס גאָר אַ פרעמדע. אירע גרינלעכע אויגן האָבן אַרומגעוואַנדלט פונם פאָטער אויפן זון און צוריק און מיט אירע ווייסע קליינע ציין האָט זי געגריזשעט קאַוועַנע־קערנדלעך.

יאַקאָוו האָט אויך מיט אַ שמייכל זיי ביידע אָנגעקוקט און אַלע דריי האָבן געשוויגן עטלעכע רגעס, וועלכע זענען פאַר וואַסילין געווען אַביסל נישט אָנגענעם.

— אָט באַלד, תיכּף! — האָט וואַסילי מיט אַמאָל זיך אָנ־געהויבן צו איילן און זיך געלאָזט גיין צו דער בויד, — גייט ערגיץ אַוועק פון דער זון איר וועט דאָך צעשמאָלצן ווערן...' און איך וועל גיין ברענגען וואַסער... מיר וועלן קאָכן אַ פיש־יויך: כ'וועל דיך, יאַקאָוו, מכבד זיין מיט אַזאַ פיש־יויך, — שוין איינמאָל אַ פיש־יויך!... איר... וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? — איר זעצט זיך דאָ צו, מאַכט זיך באַקוועם און איך וועל די רגע צוריקקומען...

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן פון דער ערד ביי דער בויד אַ קעסעלע, איז שנעל ערגעץ אַוועק צווישן די נעצן און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער גראָער מאַסע פון זייערע פאַלדן.

מאַלוואַ און זיין זון זענען אויך אַוועק צו דער בויד.

— נו, ווויל בחור'ל, האָב איך דיך, הייסט עס צוגע־שטעלט צום פאָטער, — האָט מאַלוואַ געזאָגט — און פאַרשנ־דיק באַקוקט פון דער זייט יאַקאָווס דיקע פיגור.

ער האָט אַ דריי געטאָן צו איר זיין פּנים מיטן געקרייזלט טונקל־בלאָנד בערדל און אַ בליץ־טועגדיק מיט די אויגן, זיך אָפּגערופן:

— יאָ, מיר זענען געקומען צופאָרן... ווי גוט דאָ איז... ס'אַראַ ים!

— אַ ברייטער ים... יאָ... אַיאָ דער פאָטער איז שטאַרק אַלט געוואָרן?

— ניין. נישט אַזוי. כ'האָב געמיינט, אַז ער זעט שוין אויס גראָער, נאָר ער האָט נאָך ווייניק גראָע האָר... און בכלל איז ער נאָך — אַ שטאַרקער...

— וויפל, זאָגסטו, איז שוין זייט ווי איר האָט זיך נישט געזען?

— אַ יאָר פינף, געוויס... ווען ער איז אַוועק פון דאָרף — בין איך נאָך דאַן נישט אַלט געווען קיין זיבעצען יאָר...

זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין בויד אַריין, ווו ס'איז גע־ווען דושנע און פון די ראָגאָזשעס האָט זיך געטראָגן אַ ריח

פון געזאַלצענע פיש.ביידע האָבן זיך אָנידערגעזעצט: יאַקאָוו — אויף אַ גראָבן אָפּגעהאַקטן קלאָץ און מאַלוואַ — אויף אַ פּאַק זעק. צווישן זיי ביידן איז געשטאַנען אַ פּאַס, וואָס איז געווען איבערגעשניטן אין דער ברייט און איר דנאָ ד. ה. איר אונטערשטער טייל האָט געדינט וואָס־לין אַלס טיש. אָנידערזעצנדיק זיך, האָבן זיי אַ קוק געטאָן איינער אויפן אַנדערן און נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט.

— הייסט עס, אַז דו ווילסט דאָ אַרבעטן? — האָט מאַלוואַ אַ פרעג געטאָן.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן... כ׳ווייס אַליין נישט... אויב ס׳וועט זיך עפּעס געפונען אַרבייט, וועל איך גערן אַרבעטן.

— ביי אונדז וועט זיין אַרבעט! — האָט מאַלוואַ זיכער צוגעזאָגט, אַרומטאַפּנדיק אים אַלץ מיט אירע גרינע, סודותפול האַלב צוגעמאַכטע אויגן.

ער אָבער האָט אויף איר נישט געקוקט אָפּרייבנדיק מיטן אַרבל פון זיין העמד זיין שווייסיק פּנים.

מיטאַמאָל האָט זי זיך צולאַכט.

— די מאַמע האָט דאָך געוויס מיט דיר מיטגעשיקט גרוסן און באַפעלן פאַרן טאַטן?

יאַקאָוו האָט אַ קוק געטאָן אויף איר, זיך אָנגעכמורעט און קורץ אָפּגעענטפערט:

— נאַטירלעך... וואָס איז דען?

— גאָר נישט, וואָס זאָל זיין! — האָט זי געלאַכט.

איר געלעכטער איז יאַקאָוון נישט געפעלן — ער האָט אים ווי גערייצט... יאַקאָוו האָט זיך אָפּגעקערט פון דער דאָזיקער פרוי און זיך אָנגעהויבן דערמאָנען, וואָס זיין מוטער האָט אים אָנגעזאָגט.

באַגלייטנדיק אים ביז פון יענער זייט דאָרף, האָט די מוטער זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ פּאַרקאַן און האָט גיך גערעדט, פינטלענדיק אָפּט מיט די טרוקענע אויגן:

— זאָג אים דאָרט, יאַשאַ... זאָג אים, אום גאָטעס ווילן, — טאַטע!... די מאַמע איז דאָרט אַליין, ס׳זענען שוין אַריבער

פינף יאָר, און זי איז דאָרט נאָך אַלץ אַליין! זי ווערט אַלט!...
זאָג אים, יאַקאָווושקאַ, למען השם. אינגיכן וועט דיין מאַמע ווערן אַ זקנה... אַלץ אַליין, אַליין! עלנד ווי אַ שטיין שטענדיק איז זי פאַרהאַרעוועט, האַלט אין איין אַרבעטן. אום גאָטעס ווילן, זאָג אים, דערצייל אים...

און דערנאָך האָט זי זיך שטיל, אָן ווערטער צעוויינט, באַהאַלטנדיק איר פּנים אין פאַרטוך.

דאַן האָט יאַקאָוו אויף איר נישט געהאַט קיין רחמנות, אָבער איצט האָט ער יאָ מיט איר מיטלייד... און אַ קוק טוענדיק אויף מאַלווען, האָט ער אָנגעבלאָזן צונויפגעצויגן די ברעמען, גרייט איר גוט אויסצוזידלען.

— נו, אָט בין איך שוין צוריק! — האָט וואַסילי אויסגעשריגן, אַריינקומענדיק אין בויד מיט אַ צאַפּלדיקן פיש אין איין האַנט און מיט אַ מעסער אין דער אַנדערער.

ער האָט שוין ווי עס איז גובר געווען זיין פאַרלעגנהייט, פאַרבאָרגנדיק עס טיף אין זיין האַרצן, און איצט האָט ער אויף מאַלווען און זיין זון געקוקט צופרידן און רויק, אָבער אין זיינע באַוועגונגען האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ נישט נויטיקע איילעניש און צוטראַגנקייט, וועלכע זענען אים שטענדיק געווען פרעמד.

— אָט וועל איך באַלד אָנצינדן אַ שייטער פייער... און וועל קומען צו אייך... און מיר וועלן שמועסן! יאָ! אַך, יאַקאָוו, האַ? ס'אַראַ וואוילער יונג דו ביזט עס געוואָרן, אַ בהורל קיין עין הרע אויסגעוואַקסן! אַ יונג מיט ביינער!

און ער איז ווידער ערגיץ אַוועק פון בויד.

מאַלוואַ האָט נישט אויפגעהערט צו גריזשען די קאָווענעקערנדלעך און נישט זשענירנדיק זיך, באַקוקט יאַקאָוון, און ער האָט זיך באַמיט אויף איר נישט צו קוקן, כאָטש דאָס האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט, און ער האָט זיך פאַר זיך געטראַכט:

— דאָ, ווייזט אויס, לעבט מען גוט און זאַט... דערפאַר

איז זי אַזאַ גלאַטע, זעט אַזוי גוט אויס און דער טאַטע אויך.

דערנאָך, — אַזוי ווי דאָס שווייגן האָט אים זשענירט — האָט ער זיך אָנגערופן הויך אויפן קול:

— דאָס קלומעקל האָב איך איבערגעלאָזט, אין שיפל... מ׳דאַרף גיין עס אַרויסנעמען פון דאָרט!

ער האָט זיך נישט איילנדיק אויפגעהויבן פון אָרט און איז אַרויס אין דרויסן און אויף זיין זייט איז אין בויד אַריינגעקומען וואַסילי און איינבייגנדיק זיך צו מאַלוועז, האָט ער אָנגעהויבן שנעל און ברוגז:

— צו וואָס ביזטו געקומען צופאָרן מיט אים? צו וואָס האָסטו עס געדאַרפט? וואָס וועל איך אים זאָגן וועגן דיר, ווען ער וועט פרעגן, ווער דו ביזט און וואָס דו געהערסט מיר אָן?

— כ׳בין געקומען צופאָרן און געגוג! — האָט מאַלוואַ קורץ אָפּגעענטפערט.

— אַך דו... נאַרישע קאַטשקע איינע! בראַיעט שטענדיק אַרום און טוט אָפּ אַזעלכע נאַרישקייטן. וואָס זאָל איך איצט טון? אָבער ביי דיר, איז אפשר רעכט, איך זאָל אים באַלד דערציילן ווער דו ביזט און אין וואָס ס׳אַרא באַציונגען מיר זענען, אים דערציילן וועגן דעם, בעת אין דער היים האָב איך איבערגעלאָזט אַ ווייב! זי איז דאָך זיין מוטער... האָסט עס געדאַרפט האָבן אין זין!

— צו וואָס האָב איך געדאַרפט וועגן דעם טראַכטן! גייט עס מיר אָן? וואָס איז, כ׳האָב אפשר מורא פאַר אים? אָדער פאַר דיר אפשר? — האָט זי געפרעגט, זשמורנדיק מיט פאַראַכטונג די גרינע אויגן אירע — אָבער קאָמיש איז געווען ווי דו ביזט פאַר אים צומישט געוואָרן, נישט געוווסט, וואָס צו טון! אַך ווי לעכערלעך דאָס איז מיר אויסגעקומען!

— ס׳איז דיר אויסגעקומען לעכערלעך! אָבער ווי קומט עס מיר אויס? וואָס זאָל איך טון?

— האָסט געזאָלט וועגן דעם פריער טראַכטן און דאָס צעמען אין אַכט!

— צי האָט מיר געקאָנט איינפאַלן, אַז דער ים וועט אים פלוצלונג אַהער אַרויסוואַרפן?

דער זאַמד האָט געסקושיפּעט אונטער יאַקאָווס פיס און זיי ביידע האָבן איבערגעריסן דעם געשפּרעך. יאַקאָוו האָט געבראַכט אַ לייכט קלומעקל, האָט עס אַ וואָרף געטאָן אין ווינקל און קרומלעך מיט נישט קיין גוטע אויגן האָט ער אַ קוק געטאָן אויף מאַלוועך.

זי איז שטאַרק געווען פאַרטון אין קייען די קערנדלעך פון די קאַווענעס, און וואַסילי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן קלאָץ, אַ רייב געטאָן מיט די הענט די קני און מיט אַ צוטראָגן שמייכל האָט ער אָנגעהויבן:

— ביסטו, הייסט עס, אַראָפּגעקומען אַהער... ווי איז דיר דאָס איינגעפאַלן?

— אַזוי... מיר האָבן צו דיר געשריבן...

— ווען? כ׳האָב קיין שום בריוו נישט באַקומען!...

— וואָס איך הער? מיר האָבן אָבער געשריבן...

— פאַרפאַלן געגאַנגען, אַפּנים, דער בריוו, — האָט וואַסילי זיך גענומען צום האַרצן — וואָס זאָגסטו אויף דעם? צו אַלדע רוחות!... אַ?... ווען מ׳דאַרף — ווערט עס גאָר פאַרפאַלן...

— ווי באַלד אַזוי, הייסט עס, ווייסטו נישט, ווי אונדז איז די גאַנצע צייט געגאַנגען? — האָט יאַקאָוו געפרעגט אַ קוק טוענדיק מיסטרויאיש אויפן פאָטער.

— פון וואַנען זאָל איך עס וויסן? קיין בריוו האָב איך דאָך נישט באַקומען!

דאַן האָט אים יאַקאָוו דערציילט, אַז ביי זיי איז געפגרט דאָס פערד, אַז גלאָך אָנפאַנג פעברואַר האָבן זיי אויפגעגעסן דאָס גאַנצע ברויט פון זייער תּבואה. קיין היי האָט אויך נישט געסטייעט, די קו איז שיעור נישט געפגרט פון הונגער. זיי האָבן זיך ווי נישט איז, קוים מיט צרות דורכגעשלאָגן ביז אַפּריל

און דערנאָך באַשלאָסן אַזוי: יאַקאָוו זאָל נאָך דער צייט פון אַקערן מאַכן אַ נסיעה צום פאָטער, אויף צו פאַרדינען ביי אים עפּעס, אויף דריי חדשים, ביז דער צייט פון שניט. ווענן דעם האָבן זיי אים, וואַסילין, אָנגעשריבן, דערנאָך האָבן זיי פאַרקויפט דריי שעפסן, געקויפט ברויט און היי, און אָט איז יאַקאָוו געקומען צו פאָרן.

— אַזוי גאָר — האָט וואַסילי אויסגעשריגן — אַ-זוי... און וואָס האָט איר... כ'האָב דאָך אייך געשיקט געלט...

— ס'אַראַ געלטער דאָס זענען געווען מ'שטיינס געזאָגט! מיר האָבן רעמאָנטירט די שטוב... מאַריען חתונה געמאַכט... אַן אַקער האָב איך געקויפט... ס'איז דאָך שוין פינף יאָר אַוועק... פינף יאָר צייט אַוועק!

— יאָ! נישט געקלעקט, הייסט עס אויף חיונה? אַזוי... אָ, די פיש-יויך וועט מיר אויסלויפן! — ער האָט זיך אַ הויב אויף געטאָן און אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן.

צווזעצנדיק זיך אויף די איינגעבויגענע פיס פאַרן שייטערהויפן, איבער וועלכן ס'איז געהאָנגען דאָס קעסעלע, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן צו זידן, אַראָפוואַרפנדיק דעם שוים אין פייער אַריין, — האָט וואַסילי זיך פאַרטיפט אין שווערע מחשבות.

אַלץ, וואָס דער זון האָט אים דערציילט, האָט נישט איבעריק שטאַרק אים גערירט, נאָר ס'האָט געבוירן אין אים אַ נישט אַנגענעם געפיל צו זיין ווייב און צו יאַקאָוון. אַזויפיל געלט האָט ער זיי שוין איבערגעשיקט אין משך פון דידאָזיקע פינף יאָר און זיי האָבן, טראָץ דעם, זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן, ווי אַזוי צו פירן די ווירטשאַפט און ווי אַזוי נישט צו לעבן אין דחקות, ווען נישט מאַלוואַ, ווען זי וואָלט דאָ נישט געזעצן, וואָלט ער יאַקאָוון עפּעס געזאָגט. אייגנווייליק אָן דעם טאַטנס ערלויבניש, אַוועקצוגיין פון דאָרף — אויף דעם איז יאָ געווען שכל — און געבן זיך אַן עצה, ווי אַזוי צו פירן די ווירטשאַפט, האָט ער נישט געקאָנט. און די דאָזיקע ווירטשאַפט, וועגן וועלכע וואַסילי, פירנדיק עד היום אַן אָנגענעם און לייכט לעבן, האָט זייער זעלטן געדענקט; האָט

איצט מיטאַמאָל אים דערמאָנט אָן זיך, ווי וועגן אַ גרוב אָן אַ דנאָ, אין וועלכער ער האָט פינף יאָר כסדר געוואָרפן זיין געלט, — זי האָט אים דערמאָנט ווי וועגן עפּעס איבעריגעס אין זיין לעבן, ווי וועגן אַ זאַך, וואָס ער דאַרף לגמרי נישט. ער האָט אַ זיפץ געטאָן, מישנדיק מיט אַ לעפל די יויך אין קעסל.

אינם גלאַנץ פון דער זון איז דאָס קליין געלבלעך־פייער פון שייטערהויפן געוועזן אַזאַ קלאָגליכעס, אַזאַ בלאַסעס. בלאָע און דורכזעענדיקע שטרעמעלעך רויך האָבן זיך געצויגן פון שייטערהויפן צום ים, אַנטקעגן די שפּריצן פון די כוואַליעס. וואַסילי האָט זיך צו דעם צוגעקוקט און געטראַכט וועגן זיין זון, וועגן מאַלוואַן און וועגן דעם, אַז מיט יאַקאָווס אָנקומען וועט אים זיין ערגער צו לעבן, — ער וועט שוין נישט קאָנען לעבן אַזוי פריי, ווי ביז איצט... געוויס האָט זיך יאַקאָוו שוין אָנגעשטויסן, ווער די דאָזיקע מאַלוואַ איז און אין וואָסאַראַ באַציונגען זיי געפונען זיך...

און זי איז געזעסן אין ביידל, אַריינברענגענדיק אין פאַרלעגנהייט דעם בחור מיט אירע חוצפהדיקע און אַרויסרופנדע אויגן, אין וועלכע ס'האָט, נישט ווערנדיק אויף קיין רגע אפילו פאַרשוואונדן, געשפּילט אַ שמייכל.

— האָסט דאָך מסתמא איבערגעלאָזט אין דאָרף אַ כלה? — האָט זי פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן, אַריינקוקנדיק יאַקאָוון אין פּנים אַריין.

— ס'קען זיין, אַז כ'האָב איבערגעלאָזט, טאָ איז וואָס? — האָט יענער נישט גערן געענטפערט, און זיך האָט ער מאַלוואַן אויסגעזידלט.

— אַ שיינע? — האָט זי נאַכלעסיק געפרעגט.

יאַקאָוו האָט געשוויגן.

— וואָס שווייגסטו? ... אַ שענערע פאַר מיר, אָדער נישט?

ער האָט איר אַ קוק געטאָן אין פּנים אַריין נישט ווילנדיק דאָס טאָן: באַקן האָט זי געהאַט ברוינע, פולע, ליפּן זאַפטיקע, און איצט זענען זיי געווען האַלב געעפנט דורכן העזה־

דיקן שמייכל און האָבן אויפגעציטערט. די ראָזאָווע ציצן-בלויקע, וואָס זי האָט געטראָגן איז עפּעס באַזונדערס שען אויף איר געלעגן, אויסצייכנענדיק אירע רונדע פּלייצעס און די הויכע פּלאַסטישע ברוסט. ס׳האָבן אים אָבער נישט געפעלן אירע כיטרע האַלב-צוגעמאַכטע גרינע און לאַכעדיקע אויגן.

— פאַרוואָס רעדסטו אַזוי? — האָט ער, אַ זיפץ טוענדיק איר געזאָגט מיט אַ בעטנדיקער שטים, הגם ער האָט געוואָלט מיט איר רעדן שטרענג און ערנסט.

— ווי-זשע דען דאַרף מען רעדן? — האָט זי זיך צולאַכט.

— דו לאַכסט... פון וואָס לאַכסטו?

— פון דיר לאַך איך.

— פון מיר? וואָס קען איך דיר אָנגיין, און וואָס איז דאָ פון מיר וואָס צולאַכן? — האָט ער באַליידיקט און פאַרשעמט געפרעגט און ווידער אַראָפּגעלאָזט די אויגן אונטער איר בליק.

האָט אים נישט געענטפערט.

יאַקאָוו האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס זי געהערט זיך אָן זיין פאָטער, און דאָס האָט אים געשטערט צו רעדן מיט איר פריי. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, און דאָס האָט אים נישט איבערראַשט: ער האָט געהערט, אַז מענטשן, וואָס לאָזן זיך אַוועק אין פרעמדע מקומות צו זוכן אַרבעט און פרנסה, לעבן דאָרט אַ גוטן טאָג, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ געזונטן מענטשן, ווי דער פאָטער זיינער, וואָלט געווען שווער זיך צו באַגיין אָן אַ פרוי אַזאַ לאַנגע צייט. נאָר, טראָץ דעם, האָט ער זיך געפילט אומבאַקוועם אי לגבי איר, אי לגבי זיין פאָטער. און, חוץ דעם האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיין מוטער, — אַ פרוי אַן אויסגעמאַטערטע, אַ מורמלדיקע, אַן אָנגעבלאָזענע, וואָס אַרבעט דאָרט אין דאָרף, איבער די כחות, לעבט אין דחקות און ווערט עלטער פון טאָג צו טאָג.

— ס׳יויכל איז פאַרטיק! — האָט וואַסילי מיטגעטיילט, אַריינקומענדיק אין בויד, — ברענג אַקאָרשט די לעפל, מאַלוואַ!

יאַקאָוו האָט אַ קוק געטאָן אויפן פּאָטער און אַ טראַכט געטאָן:

— ס׳זעט אויס, אַז זי איז ביי אים אָפּט, באַלד זי ווייסט ווו עס ליגן די לעפּל!

געפונענדיק די לעפּל, האָט זי געזאָגט, אַז מ׳דאַרף צוגיין צום ים זיי אויסוואַשן, און אַז אין רודער-טייל פון שיפּל האָט זי ליגן אַ פלאַש בראָנפן.

דער פּאָטער און דער זון האָבן איר נאָכגעקוקט, ווען זי איז אַוועק אויסוואַשן די לעפּל, און בלייבנדיק זאַלבעצווייט, האָבן זיי געשוויגן און אַ היבשע ווײַלע נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט.

— ווי אַזוי האָסטו זיך מיט איר באַגעגנט? האָט וואַסילי געפרעגט.

— איך האָב זיך געפרעגט אויף דיר אין קאַנטאָר און זי איז דאָרט גראָד דאַמאָלט געווען... און זי זאָגט צו מיר: איידער צו גיין צופוס איבערן זאַמד. וועלן מיר בעסער פאָרן מיטן שיפל, איך פאָר אויך צו אים, צו דעם טאַטן דײַנעם. אַזוי אַרום זענען מיר געקומען צו פאָרן אַהער.

— אַ—זוי... און איך פלעג אָפטער זיך פאַרטראַכטן: ווי זעט דאָרט איצט אויס מיין יאַקאָוו?

דער זון האָט גוטמוטיק אַ לאַך געטאָן אין פּאָטערס פּנים און דאָס דאָזיקע געלעכטערל האָט וואַסילין צוגעגעבן מוט.

— וואָס זאָגסטו, ס׳אַראַ נקבה דאָס איז?

— יאָ... — האָט יאַקאָוו אומבאַשטימט און נישט קלאָר געענטפערט, פינטלענדיק מיט די אויגן.

— שווער, ברודערקע, גובר צו זיין דעם רוח! — האָט וואַסילי געזאָגט, אַ מאַך טוענדיק מיט די הענט — מ׳איז דאָך נישט מער, ווי אַ זינדיקער מענטש... כ׳האָב אין אָנפאַנג געליטן... כ׳קען נישט! אַ רגילות... איך בין אַ מענטש אַ פאַרהייראַטער- חוץ דעם, פאַרריכט זי מיר אַ מלבוש און נאָך אַ זעלכע זאַכן... און בכלל... אַך, ברודערקע! פון אַ פרוי, ווי פונם

טויט, וועסטו אין ערגעץ נישט אַנטלויפן. — האָט וואַסילי אויפ־ריכטיק, פאַרענדיקט זיין ערקלערונג.

— וואָס גייט עס מיר אָן? — האָט יאַקאָוו געזאָגט — דאָס איז דיין זאַך, — איך בין נישט דיין ריכטער.

און אין זיך האָט ער זיך געטראַכט:

— יאָ, דערציי̈ל דער באָבן: אַזעלכע ווי זי, וועט דיר שוין באַלד גיין פאַרריכטן די הויזן... יאָ, הויזן וועט זי דיר פאַריכטן... דערציי̈ל דער באָבן...

— מ׳דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז איך בין אינגאַנצן אַלט פינף און פערציק יאָר... קאָסטן קאָסט זי מיר ווייניק, זי איז דאָך נישט מיין ווייב... — האָט וואַסילי ווייטער זיך פאַרענט־פערט פאַר זיין זון.

— געוויס... — האָט יאַקאָוו צוגעבאָמקעט און זיך גע־טראַכט:

— אָבער רעד מיר נישט איין, אַז זי קאָסט דיר אַפּ ווייניק.

מאַלווא איז געקומען מיט אַ פלאַש בראָנפן און אַ בינטל בייגל אין די הענט, און זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט עסן די יויך. זיי האָבן געגעסן שווייגנדיק, די ביינער האָבן זיי אָפּ־געשמאָטשקעט הויך און אַרויסגעשפּיגן פון מויל אויפן זאַמד צו דער טיר. יאַקאָוו האָט געגעסן פיל און זשעדנע; דאָס איז אַ פּנים, געפעלן מאַלווען: זי האָט ליבלעך געשמייכלט, קוקנדיק, ווי ס׳בלאָזן זיך אָן זיינע אָפּגעברענטע באַקן און ווי ס׳באַוועגן זיך שנעל זיינע פּייכטע, גרויסע ליפּן. וואַסילי האָט געגעסן שלעכט, ער האָט זיך אָבער באַמיט צו מאַכן אַן אָנשטעל, אַז ער איז שטאַרק פאַרנומען מיטן עסן, — דאָס האָט ער געדאַרפט טאָן, כדי ער זאָל, אָן אַ שטערונג, נישט באַמערקט פאַר מאַלווען און זיין זון, קענען טראַכטן וועגן זיינע באַ־ציונגען צו זיי; ווי אַזוי יעדן פון זיי צו באַהאַנדלען.

די פריילעכע און ליבלעכע מוזיק פון די כוואַליעס האָבן איבערגעשלאָגן די רויבערישע און טריומפירנדע געשרייען פון די מעוועס. די היץ איז שוין געוואָרן נישט אַזוי אומערטרעגלעך

און איןביידע איז שוין אַריינגעפֿלויגן אַ קאַלטער לופֿט-שטראָם, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט אַ מונטערדיקן ריח פֿון ים.

נאָך דער געשמאַקער יויך און עטליכע פּאָרציעס שנאַפּס, זענען יאַקאָווס אויגן געוואָרן פֿאַרנעפּלט און זיך אָנגעהויבן, ווי פֿון זיך אַליין צוצומאַכן. ער האָט אָנגעהויבן טעמפּיק צו שמייכלען, צו גרעפּסן, גענעצן און קוקן אויף מאַלווען... אַז וואַסילי האָט געפֿונען פֿאַר נויטיק אים צו זאָגן:

— לייג זיך דאָ צו, יאַשוטקאַ, ביז ס'וועט פֿאַרטיק ווערן די טיי... אַז די טיי וועט פֿאַרטיק ווערן, וועלן מיר דיך אויפֿוועקן.

— כ'קען זיך צו לייגן, — איז יאַקאָוו איינגעגאַנגען אויפֿן פּאַטערס פֿאָרשלאַג, האָט זיך אַנידערגעלייגט אויף די זעק, — און... איר ווו... כאַ — כאַ — כאַ — ! ווו ט'איר זיך..? כאַ, כאַ, כאַ..

פֿאַרשעמט דורך זיין געלעכטער, איז וואַסילי אין דער גיך אַרויסגעגאַנגען פֿון בויד און מאַלוואַ האָט אונטערגעקוועטשט די ליפּן, צונויפֿגעצויגן די ברעמען און געענטפֿערט יאַקאָווען:

— וווהין מיר וועלן גיין, — איז נישט דיין עסק! ווער ביסטו דאָס אַזוינס דו זאָלסט האָבן רעכט זיך צו מישן אין פֿרעמדע עסקים? ביזט דאָך נאָך גאָר אַשנעק, בחורל!... — און איז אַרויסגעגאַנגען.

— איך, איך בין אַ שנעק? גוט! — האָט יאַקאָוו איר נאָכגעשריגן — וואַרט נאָר, וואַרט... כאַ, כאַ, כאַ!.. כ'וועל דיר שוין ווייזן! גוט! וואָס זאָגט אויף איר? ווי, געפֿעלט עס אייך? אַ מאַמזעל, בעוונותינו הרבים!

ער האָט נאָך געוואָרטשעט אַ ביסל און איז איינגעשלאָפֿן מיט אַ שכורן און זאַטן שמייכל אויף דעם רויט געוואָרענעם פּנים.

וואַסילי האָט אַריינגעשטעקט אין זאַמד דריי פּלאָקען, פֿאַראייניקט זייערע אייבערשטע עקן, אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף זיי אַ ראָגאָזשע און האָט שאַפֿנדיק אַזוי פּשוט אַ שאָטן, זיך אַנידערגעלייגט אין אים, פֿאַרוואַרפֿנדיק די הענט איבערן קאָפּ און קוקנדיק אין הימל. ווען מאַלוואַ איז צו אים צוגעגאַנגען

און זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן זאַמד לעבן אים, האָט ער אַ קער־געטון צו איר זיין פּנים און האָט דערזען אויף אים, אַז וואַ־סילי פילט זיך באַליידיקט און איז אומצופרידן.

— נו, אַלטעטשקער, — וואָס הערט זיך? האָט זי געפרעגט זיך צולאַכנדיק, — וואָס, ביזט זיך נישט איבעריק משמח מיטן בן־אָק, אַזוי?

— ער... לאַכט פון מיר, מאַכט פון מיר חוזק... און צו־ליב וועמען? צוליב דיר אַליך — האָט וואַסילי ברוגז זיך אָפּגערופן.

— אַזוי, צוליב מיר גאָר? — האָט זי זיך ממזריש גע־וווּנדערט.

— ווי דען זשע? געוויס...

— אָ, דו נעביכל איינער! וואָס זשע טוט מען ווייטער? אפשר אויפהערן קומען צו דיר, הא? גוט: כ׳וועל מער נישט קומען.

— זע נאָר, ס׳אַראַ מכשפה דאָס איז! האָט וואַסילי איר פאַרגעוואָרפן.

— אָ איר שלעכטע מענטשן פיינט! ער לאַכט, דו לאַכסט אויך פון מיר...ביידע האָבן זיך אויף מיר אָנגעלייגט, מיר נמאס צו מאַכן דאָס לעבן. איר זענט מיר דאָך די נאָענסטע! און פאַרוואָס לאַכט איר, טייוולאָנים! — ער האָט זיך אומגע־קערט אָן אַזייט און איז פאַרשוויגן געוואָרן.

און זי, אַרומנעמנדיק מיט די הענט די קני, האָט שטיל זיך געהוידעט מיטן קערפּער, באַקוקנדיק אָנגעשטרענגט מיט אירע גרינע אויגן דעם בלענדענדן לוסטיקן ים און שמייכ־לנדיק מיט איינעם פון יענע טריומפירנדע שמייכלען, וועלכע פאַרמאָגט אַזוי פיל יעדע פרוי, וואָס פאַרשטייט דעם כּח פון איר שיינקייט.

אַ זעגלשיף האָט זיך געגליטשט איבערן וואַסער, ווי אַ גרוי־סער פלומפּער פויגל, ווייט אין די מרחקים פון ים. דאָס שיף איז געווען ווייט פונם ברעג און האָט זיך געטראָגן נאָך ווי־טער, אַהין, וווּ ים און הימל האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין

גאַנצעס — און אַ בלאָער אומענדלעכקייט, וואָס האָט געלאָקט צו זיך דורך איר טריומפירנדע שטילקייט.

— וואָס שווייגסטו, ? — האָט וואַסילי געפרעגט.

— כ׳טראַכט... — האָט מאַלוואַ געזאָגט.

— וועגן וואָס אַ שטייגער

— אַזוי.. האָט זי אַצי געטאָן מיט די ברעמען, און שווייגנדיק אַביסל, צוגעגעבן: דיין זון איז אַוווילער בחור..

— נו, איז וואָס ? — האָט וואַסילי מיט אייפערזוכט אויסגעשריגן.

— איז וואָס ? מאַלאַ וואָס...

— זע נאָר, דו ! — האָט ער זי אָפּגעמאָסטן מיט אַשטרענגן בליק, פול מיט חשד. — מאַך זיך נאָר נישט נאַריש. אמת טאָקע, אַז איך בין אַ רויקער, נאָר זע, נישט אַרויסצורופן דעם בער פונם וואַלד, זע מיך נישט צו רייצן... יאָ !

ער האָט צוזאַמענגעפרעסט די ציינער, צונויפגעביילט די פויסטן און פאָרטגעזעצט זיינע וואָרנונגען :

— היינט, באַלד ווי דו ביסט נאָר געקומען צו פאָרן, האָסטו באַלד אָנגעהויבן צו שפּילן אין עפּעס... כ׳פאַרשטיי עס נאָך נישט דערוויילע... נאָר, געדענק, ווען כ׳וועל דיך פּאַקן, וועט דיר שוין קיין צרות נישט פעלן ! דיינע שמייכעלעך זענען עפּיס אַזעלכע מאָדנע... פאַר מיר אַזעלכע פרעמדע... און אַלץ אַזעלכ׳ס... כ׳ווייס אייך, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט אַ פרוי... ווען עס טרעפט עפּעס... וואָס מ׳דאַרף דאַן טאָן מיט איר...

— שרעק מיך נישט, וואַסיאַ..מאַך מיר נישט קיין קאַפּוּלער אָנצוהערעניש.. — האָט זי גלייכגילטיק און נישט קוקנדיק אויף אים, געבעטן.

— זע-זשע ! שפּיל נישט מיט פייער...

— און די שרעק מיך נישט...

— כ׳וועל דיר אויסברעכן די ביינער, ווען דו וועסט אָנהייבן זיך אויפפירן נישט אָרענטלעך... — האָט וואַסילי געדראָאָט.

וערנדיק אַליין מער אין כּעס, — כ׳וועל דיר מאַכן ברוי און בלוי..
— וועסט שלאָגן? — האָט זי זיך אַ קער געטון צו אים, קוקנדיק מיט נייגיריקייט אים אין אויפגערעגטן פּנים אַריין.
— זעט נאָר די גרעפּין מיינע!... יאָ, כ׳וועל דיר גוט אויסברעכן די ביינער... כ׳וועל דיר אונטערהאַקן די זייטן, מאַכן פון דיר אַ קופּע אַש...
— וואָס מיינסטו עפּעס. איך בין דיין ווייב אפשר, אַז דו זאָלסט מיך קאָנען שלאָגן? — האָט באַלערנט און רויק מאַלוואַ געפרעגט און, נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף אַן׳ענטפער, פאָרטגעזעצט: זע דו האָסט זיך איינגעוווינט צו שלאָגן דיין ווייב אָן שום סבה, סתם אַזוי, מיינסטו אפשר מיך אויך אַזוי צו באַהאַנדלען? אָבער רעד זיך נישט איין, ברודערקע, אַז דאָס וועט זיין מעגליך. אַ נעכטיקער טאָג, איך בין פריי, פון קיינעם נישט אפּהענגיק, כ׳בין אַליין פאַר זיך אַ פריציטע, האָב פאַר קיינעם נישט קיין מורא און הער אַלעמען ווי דעם קאָטער. אָבער דו, דו האָסט דאָך מורא אַפילו פאַר דיין זון. אַ חרפּה געווען ממש צוצוזען, ווי ער האָט זיך געטאָפּטשעט און געדרייט אַרום דעם זון זיינעם. און דו דראָסט מיר נאָך?
און זי האָט מיט פאַראַכטונג אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ און איז פאַרשוויגן געוואָרן.
אירע קאַלטע, גרינגשעציקע ווערטער האָבן דערשטיקט וואַסיליס צאָרן און פאַרדרוס. קיין מאָל האָט ער זי נאָך נישט געזען אַזאַ שענע, ווי איצט, און ער האָט, קוקנדיק אויף איר, זיך געוווּנדערט, ווי בילד-שען זי איז.
— זעט נאָר זעט, ווי זי האָט זיך צובריקעוועט, ס׳אַראַ פּסק זי האָט געענטפערט... — האָט ער געזאָגט, בייזערנדיק זיך און אויפגערעגט גלייכצייטיק נישט קענענדיק זיך אָנקוועלן פון איר.
— און אָט וואָס כ׳וועל דיר נאָך זאָגן האָט מאַלוואַ אָנגעהויבן: — דו האָסט זיך באַרימט פאַר סעריאָזשקען, אַז איך קאָן אָן דיר נישט לעבן, ווי מ׳קען נישט לעבן אָן ברויט.. נישט גוט האָסטו געטאָן... ס׳קען זיין, אַז נישט דיך האָב איך

ליב און נישט צו דיר גיי איך, נאָר אַז איך ליב בלויז דאָס-דאָזיקע אָרט... — זי האָט ברייט אַ פיר געטאָן מיט איר האַנט אַרום זיך — מעגליך, אַז מיר געפעלט נאָר בלויז, וואָס דאָ איז פוסט: ים און הימל און קיין שום נידערטרעכטיקע מענטשן זענען דאָ נישטאָ. און וואָס דו געפינסט זיך דאָ — דאָס איז מיר אַלץ איינס. דאָס איז אַ מין אָפּצאָל פאַרן אָרט... וואָלט דאָ געווען סעריאָזשקע, — וואָלט איך געגאַנגען צונ'אים, וועט דאָ זיין דיין זון — וועל איך צו אים גיין... און נאָך בעסער וואָלט געווען, ווען קיינער פון אייך וואָלט דאָ נישט געווען... נמאס און מיאוס זענט איר מיר געוואָרן... נאָר ווען איך וועל מיט מיין שענקייט ווען, — וועל איך צו יעדער צייט, זיך אויסקלויבן אַ מאַנספּערשוין, אַזעלכן, וועלכן איך דאַרף צו האָבן... און נישט אַזוינעם ווי דו...

— אַזוי גאָר?! האָט משוגע וואַסילי אַ שיפּע געטאָן און זי פלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן פאַר האַלדז. — אַזוי גאָר?

ער האָט זי אָנגעהויבן צו טרייסלען, אַרומגעכאַפּט מיט אַ ווילדן כעס, נאָר זי האָט זיך נישט אָפּגעשלאָגן צוריק און זיך נישט אַרויסגעריסן פון זיינע הענט, הגם איר פּנים איז אַלץ מער רויט געוואָרן און די אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט. זי האָט פּשוט אַרויפגעלעגט אירע ביידע הענט אויף זיין האַנט, וואָס האָט איר געשטיקט דעם האַלדז, און עקשנותדיק אים געקוקט אין פּנים אַריין.

— אַזוי, אַזאַ חיה ביסטו? אַ ז ע ל כ ע ס גאָר שטעקט אין דיין טרייפענער נשמה, דו מכשפה איינע! — האָט וואַסילי מיט הייזעריקן קול געשריען, אַלץ מער און מער משוגע ווערנדיק פון כעס — און זי האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, די פּאַסקודסטווע, געהאַט אַזעלכע מאַרשמאַכענע אויגן, מיך נאָך אַרומצונעמען, צו לאַשטשען... וואַרט אַקאָרשט כ'וועל דיר שוין וויזן! וועסט זיך שוין אויסבעטן אַ שוואַרץ יאָר אויף זיך!

ער האָט זי צוגעבויגן צו דער ערד און מיט הנאה איר דערלאַנגט אַ קלאַפּ איבערן האַלדז איינס צוויי... דערלאַנגט מיט זיין שווערן פעסט צוזאַמענגעבוילטן פויסט. אים האָט הנאה

געטאָן, ווען זיין האַנט איז פון שווונג אַ פּאַל געטאָן אויף איר פולן עלאַסטישן האַלדז.

— נאַ! אָט האָסטו דיר!... וואָס, קליפּה, וואָס וועסטו איצט זאָגן? — האָט ער טריומפירנדיק געפרעגט און זי אַ שליידער אָפּ געטאָן פון זיך.

נישט אַרויסלאָזנדיק קיין זיפץ אפילו, אַ שווייגעדיקע און רויקע, האָט זי אַ פּאַל געטאָן אויפן רוקן מיט צופלאָשטע האָר אויפן קאָפּ, אַ רויטע און—דאָך אַ שיינע. אירע גרינע אויגן האָבן געקוקט אויף אים פון אונטער די וויהעס און געברענט מיט אַ קאַלטער, בייזער שנאה. אָבער ער, אָפּלאָזנדיק זיך פון אויפרעגונג און אַנגענעם צופרידן מיטן אויסגאַנג פון זיין צאָרן, האָט נישט געזען איר בליק און ווען ער האָט מיט טריומף און פאַראַכטונג אויף איר אַ קוק געטאָן — האָט זי שטיל געשמייכלט.

תּחילת האָבן אירע פולע ליפּן קוים אַ צוק געטאָן, דערנאָך האָבן זיך אָנגעצונדן די אויגן, אויף אירע באַקן האָבן זיך באַוויזן חן-גריבלעך און זי האָט זיך צולאַכט. וואָסילי האָט, אַ העכסט פאַרחידעשטער געקוקט אויף איר, ווי זי האָט געלאַכט אַזוי הויך און צופרידן, פּונקט, ווי ער וואָלט זי גאָר נישט געשלאָגן.

— וואָס איז מיט דיר... טייוול! — האָט ער אומרויק אַ געשריי געטאָן, אַ ציטערנדיק זי גראָב פאַר דער האַנט.

— וואַסקאַ! דאָס האָסטו מיך געשלאָגן? — האָט זי שטיל פליסטערנדיק אים געפרעגט.

— איך... ווער דען זשע?

ער האָט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר אַזוינס, געקוקט אויף איר און נישט געוווסט, וואָס ער זאָל איצט טאָן. דערלאַנגען איר אפשר נאָך אַ קלאַפּ? נאָר דער כּעס איז אים שוין אָפּגעגאַנגען, ז׳ין שוין איינגעשטילט און זיין האַנט האָט זיך שוין אויף איר נישט אויפגעהויבן.

— הייסט עס באַלד אַזוי... אַז דו האָסט מיך ליב? —

האָט זי ווידער געפרעגט און פון איר פּליסטערן איז אים גע־וואָרן הייס.

— גוט... קליפּה! — האָט ער בייז אַ זאָג געטאָן — אָט אַזוי דאַרף מען זיך מיט דיר באַגיין!

— וואסקא! איך האָב דאָך געמיינט, אַז דו האָסט מיך שוין נישט ליב... כ׳טראַכט מיר: אָט איז איצט צו אים גע־קומען דער זון צו פאָרן... ער וועט מיך שוין געוויס אַרויס־טרייבן צוליבן זון... פאַריאָגן פון זיך...

און זי האָט אַלץ געלאַכט מיט אַ משוגעהדיקן, צו הויכן געלעכטער.

— דו נאַרישע מויד איינע! — האָט וואַסילי געזאָגט, און נישט ווילנדיק געלאַכט — דער זון... סאַראַ דעה האָט ער מיר צו זאָגן? וואָס האָב איך פאַר אים מורא?

ער האָט דערפילט, ווי זיין געוויסן הייבט אים אָן צו בייסן פונם אומרעכט, וואָס ער איז בנוגע איר נאָר וואָס באַגאַנגען; ער האָט אויף איר רחמנות געקריגן, נאָר דערמאָ־נענדיק, וואָס זי האָט גערעדט, האָט ער ווידער שרענג אָנגעהויבן:

— דער זון האָט דאָ קיין שייכות נישט... און וואָס כ׳האָב דיך געשלאָגן, — ביסטו אַליין שולדיק: צוואָס האָסטו מיך גערייצט?

— כ׳האָב דאָך עס געטאָן בפיוון... געוואָלט דיך אויס־פּרוּוון, זען צו דו האָסט מיך טאַקע באמת ליב.

זי האָט באַרויקנדיק אַ לאַך געטאָן און זיך צוגעטוליעט צו אים מיט דער פּלייצע.

ער האָט אַ וואָרף געטאָן אַ בליק צום בוידל און זי אַרומגענומען.

— אַך, דו נאַרעלע דו... געוואָלט אויספּרוּוון! צו וואָס פּרוּוון? אָט האָסטו דיר אויסגעפּרוּווט.

— ס׳מאַכט נישט אויס! — האָט מאַלוואַ מיט אַ זיכערן טאָן זיך אָפּגערופן, האַלב צומאַכנדיק די אויגן, — כ׳בין נישט

ברוגז... דו האָסט דאָך מיך געשלאָגן, ליב האָבנדיק, פון ליבע, הייסט עס? און איך וועל דיך דערפאַר באַלוינען...

זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, איינשטעכנדיק אין אים די אויגן, האָט אַ ציטער געטאָן, און אַראָפּלאָזנדיק די שטים, האָט זי איבערגעחזרט:

— אַי, ווי איך וועל דיך דערפאַר באַלוינען, וועסט שוין זען, סאַראַ באַלוינונג דאָס וועט זיין...

וואַסילי האָט אין די דאָזיקע ווערטער דערהערט אַ צו־זאָג, וואָס איז אים געווען אַנגענעם, דער דאָזיקער צוזאָג האָט אים זיס אויפגערעגט און, צופרידן שמייכלענדיק, האָט ער זי געפרעגט:

— ווי אַזוי?... זאָג, נו?!

— וועסט שוין זען, — האָט מאַלוואַ רויק געזאָגט;

זי האָט זייער רויק דאָס אַרויסגערעדט, נאָר די ליפּן האָבן איר אַ צוק געטאָן.

— אַך, דו טייבעלע מיינס! — האָט וואַסילי אַ געשריי אויסגעטאָן און שטאַרק זי אַ דרוק געטאָן מיט הענט פון אַ מענטש, וואָס איז פאַרליבט. — דו ווייסט: נאָך דעם, ווי, כ'האָב דיך געשלאָגן, ביסטו מיר געוואָרן נאָך פיל טייערער! באמונות! נאָך נענטער... אָבער ווי אַזוי?

מעוועס האָבן זיך געטראָגן איבער זיי. דער ליבלעכער ווינט האָט פונם ים געבראַכט שפּריצן פון כוואַליעס כמעט צו זייערע פיס און דער כסדרדיקער געלעכטער פונם ים האָט געקלונגען אַזוי באַרויקנדיק.

— אָ, איר מענשלעכע מעשים! וואָס מענטשן זענען מסוגל אָנצוטאָן! — האָט וואַסילי פריי אָפּגעאָטעמט: און, פאַר־טראַכטנדיק זיך, געצערטלט די פרוי, וואָס האָט זיך צו אים צוגעטוליעט. — מאָדנע ווי די וועלט איז איינגעאָרדנט: דאָס, וואָס איז עבירהדיק, איז זיס. דו, מאַלוואַ, פאַרשטייסט זיך נישט אויף אַזעלכע זאַכן... אָבער איך, ווען איך קלער אַמאָל אַריין אין דעם און פאַרטראַכט זיך מכוח אונדזער לעבן, — כאַפּט מיך ממש אָן אַ שרעק. באַזונדערס ביינאַכט... ס'ווילט

זיך דעמאָלט נישט שלאָפֿן... טוסט אַ קוק פֿאַר זיך זעסטו — ים און דו ביזט איינער אַליין. און ווערסט דעמאָלט אין דיינע אייגענע אויגן אַזאַ קליינינקער, אַ קליינינטש־קער און ס'דאַכט זיך, אַז די ערד אונטער דיר שאָקלט זיך און קיינער, קיין לעבעדיקע נשמה, חוץ דיר, געפֿינט זיך נישט אויף איר. וואָלסטו כאָטש אין אַזאַ צייט דאָ געווען... זאַלבעצווייט, וואָלט מיר אפשר דאַן נישט געווען אַזוי שרעקלעך...

מאַלוואַ איז פֿאַרמאַכנדיק די אויגן, געלעגן ביי אים אויף די קני און געשוויגן. וואַסיליס גראָבלעך, אָבער עלט פּנים, ברוין פֿון דער זון און ווינט, איז געווען איינגעבויגן איבער איר און זיין גרויסע אָפּגעבלאַקעוועטע באָרד האָט איר געקיצלט דעם האַלדז. מאַלוואַ האָט נישט געמאַכט קיין באַוועגונג, בלויז די ברוסט אירע האָט זיך געהויבן הויך און גלייך. וואַסיליס אויגן האָבן דאָ געבלאָנדזשעט אין ים, און זיך אָפּגעשטעלט אויף דער דאָזיקער ברוסט, וואָס איז אַזוי נאָענט צו אים. ער האָט צו איר גערעדט מכּח דעם ווי לאַנג ווייליק ס'איז צו לעבן איינער אַליין, ווי אומערטרעגלעך שווער עס זענען די שלאָפֿלאָזע נעכט, פֿול מיט פֿינצטערע מחשבות וועגן לעבן. דערנאָך האָט ער זי אָנגעהויבן צו קושן אין די ליפּן, איילנדיק זיך צו טשמאָקנדיק מיט זיינע ליפּן אַזוי הויך, פּונקט ווי ער וואָלט געגעסן אַ הייסע, שטאַרק באַפֿעטעטע, קאַשע.

אַ שעה דריי האָבן זיי דאָ פֿאַרבראַכט, און ווען די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבן זיך אַראָפּלאָזן אין ים, האָט וואַסילי מיט אַ לאַנגווייליקער שטים געזאָגט:

— איצט וועל איך גיין אויפֿקאָכן טיי... באַלד וועט מסתּמא דער גאַסט זיך אויפֿכאַפּן.

מאַלוואַ האָט מיט אַ פֿוילער באַוועגונג פֿון אַ צוצערטעלטער קאַץ זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט, ער איז נישט גערן אויפֿגעשטאַנען און אַוועק צו דער בויד. מאַלוואַ האָט, קוים אויפֿהייבנדיק די וויהעס, אים נאָכגעקוקט און האָט אַ זיפֿץ

געטאָן אַזוי, ווי עס זיפצן מענטשן פון דער משא, וואָס זיי טראָגן אויף זיך און וואָס האָט זיי שטאַרק אויסגעמאַטערט.

ס׳איז אַריבער נאָך אַ שעה צייט און זיי אַלע דריי זענען שוין געזעסן אַרום שייטערהויפן,ביים זידיקן טשייניק און האָבן פירנדיק אַ געשפּרעך, געטרונקען טיי.

די זון האָט שיין באַפּאַרבט דעם ים מיט לעבעדיקע פאַרבן, די גרינלעכע כוואַליעס האָבן אונטער דער כשופ-דיקער קראַפט פון אירע שטראַלן געבלאַנקט אין פּורפּור. און אין אַ צערטלעכן קאָליר פון אַ רויז.

זופנדיק טיי פון אַ ווייטן ליימענעם קרוגעלע, האָט וואַסיל אויסגעפרעגט זיין זון וועגן דאָרף און אַליין זיך דערמאָנט וועגן דעם דאָזיקן דאָרף. מאַלווא האָט, נישט אַריינמישנדיק זיך, צוגעהערט צו זייער פּאַמעלעך זיך אַנטוויקלענדער דבורים.

— לעבן, הייסט עס, די פויערימלעך אונדזערע?

— לעבן ווי נישט איז... — אויך מיר מ׳שטיינס געזאָגט אַ לעבן — האָט יאַקאָוו געענטפערט.

— וואָס, מ׳שטיינס געזאָגט, דאַרף אונדזער אַ מענטש האָבן? אַ שטיבל און ברויט צו דער זעט... און אין אַ יום-טוב אַ גלאָז שנאַפּס... יאָ. נאָר די צרה איז, וואָס אַפילו אַזעלכע קליינינקייטן האָבן מיר אויך נישט... צי וואָלט איך דען אַוועק אַהערצו, ווען מ׳וואָלט געקאָנט אויסקומען אין דער היים און דאָרט האָבן אויף חיונה? אין דאָרף בין איך זיך אַליין אַ בעל-הבית, אַ מענטש צוגלייך מיט אַלע... אָבער דאָ וואָס בין איך? — אַ משרת...

— דערפאַר אָבער איז דאָ דאָס לעבן אַ זאַטערער און די אַרבעט אַ לייכטערע... — האָט יאַקאָוו זיך אָפּגערופן.

— ווייס איך, וואָס דו זאָגסט! די אַרבעט אַ לייכטערע... כאַ, כאַ, כאַ... ווער׳ס דיר געזאָגט? אָפטמאָל טרעפט זיך אַז די ביינער נאָגן דיר, ווי זיי וואָלטן געוועזן צוגעקוועטשט... און בכלל, דער חילוק פון דאָ און דאָרט איז, וואָס דאָ אַרבעטסט דו פאַר אַ פרעמדן, און דאָרט — פאַר זיך גופא.

אין זיך האָט וואַסילי מסכים געווען מיט די אויספירונגען פון זיין זון: — אין דאָרף זענען דאָך באמת דאָס לעבן און די אַרבעט שווערערע, ווי דאָ, — יאָ, נאָר אים האָט זיך עפּעס נישט געוואָלט, אַז יאַקאָוו זאָל וועגן דעם וויסן, און ער האָט האַרב זיך אָפּגערופן:

— האָסטו דען געציילט די היגע שכירות? ווייסטו דען וויפיל מ׳צאָלט אונדז פאַר אונדזער שווערע אַרבעט? אין דאָרף, ברודערקע...

— איז ווי אין אַ גרוב — פינצטער און ענג, — האָט זיך אַריינגעמישט מאַלוואַ, אַ לאַך טוענדיק. — און באַזונדערס דאָס ווייבעריש לעבן — זענען בלויז טרערן.

— דאָס ווייבעריש לעבן איז אומעטום דאָס זעלבע... און דאָס ליכט איז אומעטום דאָס זעלבע, איין און די זעלבע זון אומעטום... — האָט וואַסילי זיך אָנגעכמורעט, אַ קוק טוענדיק אויף מאַלוואַן.

— ניין דאָס איז נישט אמת! — האָט זי באַגייסטערט אַ געשריי געטאָן.

— אין דאָרף, למשל, וויל איך יאָ, צי וויל איך נישט — מוז איך חתונה האָבן, און חתונה געהאַט, ווערט די פרוי אַ אייביקע שקלאַפן: נעם שוועסטרל, אַראָפּ דעם שניט פון די פעלדער, וועב, האָדעווע די בהמות און האָב קינדער... מיט איין וואָרט, די גאַנצע שווערע לאַסט אויף אירע פּלייצעס. וואָס׳אַראַ שכר באַקומט זי פאַר דאָס אַלץ? וואָס בלייבט איבער אויף פאַר איר חלק אין דאָרפישן גן-עדן? בלויז קלעפּ פון דעם מאַן און זידלערייַ...

— נישט בלויז קלעפּ... — האָט איר איבערגעשלאָגן וואַסילי.

— און דאָ בין איך... — האָט זי ווייטער געזאָגט, נישט הערנדיק וואַסילין — דאָ בין איך קיינעמס נישט. אַ פרייער ווי אַ מעווע! וווהין איך וועל ווילן, אַהין וועל איך אַוועקפליען! קיינער וועט מיר נישט פאַרצוימען דעם וועג... קיינער וועט מיר נישט טשעפּען!..

אין ווען עמיצער וועט דיך יאָ פאַרטשעפּען? — האָט וואַסילי מיט לאַכנדיק און מיט אַ דערמאַנענדיקן טאָן, גע־פרעגט.

דאַן וועל איך זיך שוין מיט אים אָפּרעכענען ווי ס'געהער צו זיין — האָט מאַלוואַ שטיל געענטפערט און די אויגן אירע, וואָס האָבן זיך געהאַט אָנגעצונדן מיט אַ באַזונדער פייערל, זענען אויסגעלאָשן געוואָרן.

וואַסילי האָט זיך נאַכזיכטלעך צולאַכט.

— אַך, דו... ביזט אַ בריה, אַ געראָטענע, אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז דו ביזט גלייכצייטיק אַ שוואַכע! רעדסט נאַרישקייטן, ווי אַלע ווייבער. אין דאָרף איז אַ פריי אַ מענטש, וואָס איז נויטיק פאַרן לעבן... און דאָ איז זי גלאַט אַזוי... אויף צו באַלעווען זיך בלויז, לעבט זי אויף גאָטס וועלט... און, פארשוויגן ווערנדיק, אַ ווײַלע, האָט ער צוגעגעבן:

— פאַר דער עבירה, פאַרן זינד...

ווען זייער געשפּרעך האָט זיך איבערגעריסן, האָט יאַקאָוו, אָפּזיפּצנדיק, פאַרטראַכט געזאָגט:

— נישטאָ, דאַכט זיך, קיין סוף צו דעם דאָזיקן ים...

אַלע דריי האָבן אַ קוק געטאָן אויף דער ים-וויסטע, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט פאַר זיי אָן אַ ברעג אין אַ סוף.

— אָבער ווען דאָס אַלץ וואָלט געווען יבשה! — האָט יאַקאָוו אויסגעשריגן, אַמאָל טועדיק ברייט מיט דער האַנט. — און נאָך, שוואַרץ-ערד דערצו!... מ'וואָלט עס צואַקערט! ווי וואָלט פון דעם געווען אַ תּכלית! שעפּן גאָלד וואָלט מען דאַן פון דעם געקאָנט.

— אַזוי גאָר! — האָט גוטמוטיק וואַסילי זיך צולאַכט, אַ קוק טועדיק מיט אַן פאַראָבירנדיקן בליק, אויף זיין זונס פּנים, וואָס איז אַזש רויט געוואָרן פון דער קראַפט, מיט וועלכער ער האָט אויסגעדרוקט זיין „פרומען" באַגער. וואַסילי איז געווען אָנגענעם צו הערן און זען אין זיין זונס ווערטער אַ ליבע צו דער מוטער-ערד, און ער האָט געטראַכט, אַז די

דאָזיקע ליבע וועט, ס'קען זיין, אין גיכן און קאַטעגאָריש אַ רוף טאָן יאַקאָוון פון די נסיונות פונם פרייען לעבן דאָ אויף דעם ברעג פון ים — צוריק אין דאָרף אַריין, און ער וואַסילי וועט דאַן בלייבן ווייטער מיט מאַלוועז און אַלץ וועט אַוועק־גיין לויטן אַלטן סדר...

— דאָס האָסטו, יאַקאָוו, גוט געזאָגט! ביזט גאַנץ גע־רעכט. ריכטיק בנאמנות! פאַר אַ פויער איז אַ דאָס גאַנץ גוט. אַ פויער איז שטאַרק דורך דער ערד: כל זמן ער איז אויף דער ערד — איז ער לעבעדיק, — האָט ער זיך אָבער פון איר אָפּגעריסן — איז ער אַ פאַרפאַלענער! אַ פויער אָן ערד איז ווי אַ בוים אָן וואָרצלען; צו דער אַרבעט טויג אַזאַ בוים, אָבער לעבן לאַנג קאָן ער נישט — ער ווערט פאַרפוילט! און חוץ דעם, האָט אַזאַ בוים נישט אין זיך זיין קיין וואַלדישער שיינקייט — ער איז אָפּגעריסן, אָפּגעהובלט... זעט אויס נישטיק!... יאָ, יאַקאוו, דו האָסט גאַנץ גוט געזאַגט וועגן דעם פויער און דער ערד...

און דער ים האָט אַריינגעמענדיק בני לבני, די זון אין זיין שויס אַריין, — זי מקבל פנים געווען מיט אַ פריינדלע־כער מוזיק פון די כוואַליעס, וואָס זענען געווען באַפאַרבט מיט אירע אפשידס־שטראַלן און וווּנדערבאַרע קאָלירן אומגע־הויערע רייכע — ניואַנסן. די געטלעכע קוואַל פון ליכט, וואָס שאפט דאָס לעבן, האָט זיך דאָ געזעגנט מיטן ים דורך אַ שיין רעדנדער האַרמאָניע פון אירע פאַרבן, כדי ערגעץ ווו, ווייט פון די דריי מענטשן, וואָס האָבן אויף זיי געקוקט אויפצוּוועקן די שלאָפנדיקע ערד דורכן פריידיקן גלאַנץ פון די פרימאָרגן־שטראַלן..

— ווען איך זע, ווי די זון גייט אונטער, פיל איך, ווי די נשמה, וואָלט זיך אין מיר צוגאַנגען... עפּעס פיל איך אַזאַ זיסע און קלעמעדיקע בענקשאַפט.. יאָ, ווי מיר האָבן אַ גאָט אויף דער וועלט! — האָט וואַסילי געזאָגט, וועגנדיק זיך צומאַלוועז.

זי האָט גאָרנישט געענטפערט. יאַקאָווס בלאָע אויגן האָבן געשמייכלט, אַרומוואַנדערנדיק אין דער ווייטקייט פונם

ים. לאַנג האָבן אַלע דריי פאַרטראַכט געקוקט אַהין, ווו ס'זענען זיך צוגאַנגען און אויסגעלאָשן געוואָרן די לעצשע מינוטן פון יענעם טאָג. פאַר זיי האָבן געטליעט די קוילן אונטערן טשיי-ניק טיי. הינטער זיי האָט די נאַכט איבערן הימל שוין פאַנאַנדערגעוויקלט אירע שאָטנס. דער געלער זאַמד איז געוואָרן פינצטער. די מעוועס זענען ערגיץ פאַרשווונדן געוואָרן, — אַלץ אַרום איז געוואָרן אַזוי שטיל, טרוימעריש-צערטלעך... און אַפילו די כסדר אומרויקע כוואַליעס, אַרויפלויפנדיק אויפן זאַמד פונם ברעג, האָבן שוין געקלונגען נישט אַזוי פריילעך און רוי-שיק, ווי בייטאָג.

— וואָס זיץ איך? — האָט מאַלוואַ געזאָגט — מ'דאַרף גיין.

וואַסילי האָט זיך אַ קרום געטאָן און געכאַפּט אַ קוק אויף דער זון.

— וווהין איילסטו זיך? — האָט ער זי אומצופרידן אַ פרעג געטאָן, — וואַרט... אַט וועט אויפגיין די לבנה...

— וואָס מיר לבנה? אַזוי האָב איך אויך נישט קיין מורא... נישט ס'ערשטע מאָל גיי איך אַוועק פון דאַנען ביי-נאַכט!

יאַקאוו האָט אַ קוק געטאָן אויפן פאָטער און צוגעזשמורעט די אויגן, פאַרבאַרגנדיק דעם חוזק-שמייכל, וואָס האָט אין זיי געבליצט; דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אויף מאַלוואַן, — זי האָט אויף אים אויך אַ קוק געטאָן — און ער האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם.

— וואָס זשע, אויב דו ווילסט דורכאויס גיין, טאָ גיי זיך דיר געזונטערהייט. האָט וואַסילי געזאָגט, אַ צופרידענער און לאַנגווייליקער.

— זי איז אויפגעשטאַנען, געזאָגט אַ גוטע נאַכט און איז פאַמעליך אַוועקגעגאַנגען האַלטנדיק זיך האַרט ביים ברעג, און די כוואַליעס, אונטערקייקלנדיק זיך איר אונטער די פיס, האָבן ווי געשטיפט מיט איר. אויפן הימל האָבן צוטערנדיק זיך אָנ-געצונדן שטערן — זיינע גילדענע בלומען. מאַלוואַס העלע

בלוזקע איז, דערווייטערנדיק זיך פון וואַסילין און זיין זון, בלייך געוואָרן אין דער טונקלקייט.

ליבער מיינער... גיכער גיי!

יאָ-אַך! דריק זיך צו צו מיין ברוסט! —

האָט מאַלוואַ אָנגעהויבן צו זינגען מיט אַ הויכער שאַרפער שטים.

וואַסילין האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַז זי וואַרט עמיצן. ער האָט מיט אַ שטאַרקן פאַרדרוס אויסגעשפּיגן, טראַכטנדיק זיך:

— דאָס טוט, זי בכוון... זי רייצט מיך, די מכשפה!

— וואָס זאָגסטו אויף איר? זי זינגט גאָר... — האָט וואַסילי אַ שמייכל געטאָן.

זי איז פאַר זייערע אויגן אין דער טונקלקייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גראָער פלעק.

זאָל דיר נישט זיין קיין שאָד מיינע ברוסטן,

די צוויי ווייסע שוואַנען!

— ס'איז הייס! — האָט וואַסילי מעלאַנכאָליש געזאָגט, פאַרנדיק זיך אין זאַמד. — שוין דאַכט זיך נאַכט... און דאָך הייס: ס'אַרע פאַרשאָלטן געגנט...

— דאָס איז... דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס דער זאַמד האָט זיך אָנגעוואַרעמט אין משך פון טאָג... — האָט יאַקאָוו, אָפּקערנדיק זיך אָן זייט און ווי שטאַמלענדיק, געזאָגט.

— וואָס?... דאַכט זיך, אַז דו מאַכסט חוזק נישט אַזוי? — האָט ברוגז דער פאָטער געפרעגט.

— איך — האָט יאַקאָוו תמימותדיק געפרעגט — פון וועמען?

— אין דעם גייט'ס דאָך טאַקע, ס'איז נישטאָ פון וואָס און פון וועמען צו לאַכן...

און זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן.

און דורך דעם גערויש פון די כוואַליעס האָבן זיך צו זיי דערטראָגן זיפצן אָדער — שווער געווען דייטלעך צו דערקענען-צערטלעך-רופנדע געשרייען.

* *

ס'זענען אַריבער צוויי וואָכן און ווידער איז געווען אַ זונטיק, און ווידער האָט וואַסילי לעגאָסטיעוו, ליגנדיק אויפן זאַמד ביי זיין בויד, געקוקט אויפן ים און געוואַרט אויף מאַל-וואַן. דער וויסטער ים האָט געלאַכט, שפּילנדיק זיך מיט דער אָפּגעשפּיגלטער זון, ס'זענען געבוירן געוואָרן מחנות כוואַליעס, כדי אַרויפצולויפן אויפן זאַמד און אַראָפּוואַרפנדיק אויף אים דעם שוים פון זייערע גזשיוועס, ווידער אַראָפּצו-לויפן אין ים אַריין און דאָרטן זיך צוגיין. אַלץ איז געווען דאָסזעלבע, ווי פאַר צוויי וואָכן זונטיק. נאָר וואַסילי, וועלכער פלעגט פריער וואַרטן אויף זיין געליבטער מיט אַ רויקער זי-כערקייט, האָט אויף איר היינט געוואַרט מיט אומגעדולד. פאַר-אַכטאָגן זונטיק איז זי נישט געקומען, — היינט וועט זי שוין זיין. ער האָט נישט געצווייפלט, אַז זי וועט קומען צופאָרן, נאָר אים האָט זיך געוואָלט זען זי וואָס גיכער. יאַקאָוו וועט היינט נישט שטערן: אייערנעכטן איז ער געקומען צופאָרן נאָך געלט צוזאַמען מיט אַנדערע אַרבעטער און האָט געזאָגט, אַז זונטיק פרי וועט ער פאָרן אין שטאָט אַריין כדי זיך צו קויפן דאָרט העמדער. ער האָט באַקומען אַ שטעל אין אַ פיש-אונטער-נעמונג מיט שכירות פון פופצן רובל אַ חודש. ער איז שוין עטלעכע מאָל געפאָרן כאַפּן פיש און איצט האָט ער אויסגע-זען מונטער און פריילעך. פון אים האָט, ווי פון אַלע, וואָס האָבן צו טון מיט פיש, זיך געטראָגן אַ ריח פון געזאַלצענע פיש און ווי אַלע אַרבעטער, איז ער געווען שמוציק און גע-גאַנגען קריעה בליעה. וואַסילי האָט ביים געדאַנק וועגן זיין זון אַ זיפץ געטאָן.

ער קאָן נאָך דאָ קאַלי ווערן... ווערן אַ הולטיי... — האָט וואַסילי זיך געטראַכט — דאַן, אפשר, וועט ער שוין נישט וועלן זיך צוריקקערן אין דאָרף... און מיר וועט אויסקומען אַליין...

אַ חוץ מעוועס, האָט מען אין ים קיינעם נישט געזען. דאָרט, ווו דער ים האָט זיך אָפּגעטיילט פון דעם הימל דורך

אַ דינעם פּאַסיקל פון זאַמדיקן ברעג, האָבן זיך פון צייט צו צייט אויפן דאָזיקן פּאַסיקל באַוויזן קליינע שוואַרצע פּונקטן, זיך באַוועגט אויף יענעם אָרט און פאַרשווונדן געוואָרן. דאָס שיפל, מיט וועלכן מאַלוואַ האָט געזאָלט קומען צו פאָרן, האָט מען נאָך אַלץ נישט געזען, כאָטש ס'איז שוין געווען האַלבער טאָג: די זון־שטראַלן זענען שוין געפאַלן אין ים אַריין כמעט פּערפּענדיקולער, פון אויבן אַראָפּ. אין דערדאָזיקער צייט פלעגט מאַלוואַ פריער, ביז פאַר צוויי וואָכן, שוין פון לאַנג אָן דאָ זיין...

צוויי מעוועס האָבן זיך אין דער לופט געיאָגט איינע נאָך דער אַנדערער און זיך געשלאָגן אַזוי, אַז פעדערן זענען פון זיי געפלויגן אין די לופטן; זיי האָבן צאָרנדיק און אויפגעבראַכט געשריגן און זייערע געשרייען האָבן געריסן דאָס פריילעכע ליד פון די כוואַליעס, דאָס שטענדיקע ליד, וואָס האָט זיך אַזוי האַרמאָניש צונויפגעגאָסן מיט דער פייערלעכער שטילקייט פונם שיינענדיקן הימל, אַז ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס זענען טענער פון אַ פריילעכן שפּיל פון די זונען־שטראַלן אינם טאַל פונם ים.

דיביידע מעוועס, וואָס שלאָגן זיך, פאַלן אַראָפּ אין ים אַריין און דאָרט שלאָגן זיי זיך ווייטער, שרייען צאָרנדיק און אויפגעבראַכט פון ווייטיק און פאַרדרוס, דערנאָך הייבן זיי זיך ווידער אויף אין די לופטן, יאָגנדיק איינע די אַנדערע... און זייערע חברטעס — אַ גאַנצע מחנה — כאַפּן בשעת מעשה פיש, ווי זיי וואָלטן גאָר נישט באַמערקט דעמדאָזיקן פאַרביטערטן קאַמף. זיי כאַפּן פיש, מאַכנדיק קאָזשעלקעס אינם גרינלעכן דורכזעיקן וואַסער, וואָס שפּילט זיך מיט זיי.

וואַסילי קוקט אויף די מעוועס און אים איז אומעטיק אויפן האַרצן. צוואָס שלאָגן זיי זיך? — טראַכט ער זיך דאַן — צי איז דען פאַראַן אַ סבה דערביי? די זעלבע טבע האָבן די מענטשן אויך: האָבן אויך ליב איינער דעם אַנדערן צו שטערן. איינער קלייבט זיך אויס אַ שטיקל, נעמט עס פאַרצערן, דאָ לויפט שוין אָן אַן אַנדערער און באַמיט זיך אים אַרויסצורייסן

דאָס שטיקל פון די ציין, פון האַלדז; — צו וואָס? אין לעבן פעלן דאָך נישט אויס אַזעלכע שטיקער, פאַר אַלע־מען! צוװאָס אָפּנעמען ביים מענטשן דאָס, וואָס ער האָט שוין גענומען פאַר זיך?... אָפּטמאָל קומט פאַר אַזאַ קאַנקורירער־קאַמף צוליב אַ פרוי: איינער האָט אַ כּרוי און דער אַנדערער נעמט זי ביי אים אַוועק, נאָרט זי אויס ביי אים. צוװאָס אַוועק־נעמען, צוװאָס דאַרף מען עס טון, ווײַבאַלד אויף דער וועלט זע־נען פאַראַן פיל פרייע פרויען, וואָס געהערן צו קיינעם נישט? דאָס אַלץ איז נישט גוט און פאַרביטערט די באַרויקטע דאָס לעבן...

דער ים איז געװען וויסט. דער באַקאַנטער טונקע־לער פלעק האָט דאָרט, ווייט ביים ברעג, זיך נאָך אַלץ נישט באַוויזן...

— דו פאָרסט נישט? — האָט װאַסילי זיך געטראַכט — פאָרסט נישט — דאַרף מען נישט! און ווי האָסטו געמיינט?... געמיינט אפשר, אַז איך וועל זיך ס'לעבן נעמען, אַז דו וועסט נישט קומען?...

און מיט געפיל פון פאַראַכטונג האָט ער אַ שפּיי געטאָן אין דער ריכטונג פונם ברעג.

דער ים האָט געלאַכט.

װאַסילי איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועק צו דעם ביידל האָבנדיק בדעה זיך צו קאָכן מיטאָג, ער האָט זיך אָבער דער־מאָנט, אַז ער וויל נישט עסן, זיך צוריקגעקערט אויף זיין אָרט און זיך ווידער דאָרט אַנידערגעלייגט.

— וואָלט כאָטש סעריאָזשקאַ געקומען צופאָרן? אַ רוח אין זיינע ביינער אַריין! — האָט ער אין זיך אויסגעשריגן — און האָט זיך געצווונגען צו טראַכטן וועגן סעריאָזשקען. — דאָס איז אַ בחורעץ אַ פייער. אַן אמתער סם־המות. ער לאַכט פון אַלעמען אויף אַלעמען וואַרפט ער זיך מיט פויסטן. אַ גע־זונטער, קען לייענען און שרייבן, אַ דערפאַרענער... אָבער אַ שכּור. מיט אים האָבן צו טאָן איז אַזוי פריילעך... פרויען גייען ממש אויס פאַר אים. און כאָטש ער האָט זיך דאָ נישט

לאַנג באַוויזן אין אונזערע מקומות — לויפן זיי אים אַלע נאָך.
איין מאַלוואַ האַלט זיך פון אַזאַ פון דערווייטן... זי קומט נאָך
אָבער אַלץ נישט. וואָס איז מיט איר? אַ רוח אין איר מאַמעס
טאַטן אַריין! אפשר איז זי אויף אים ברוגז געוואָרן דערפאַר,
וואָס ער האָט זי געשלאָגן? אָבער צי איז דען דאָס פאַר איר
אַ נייעס? ווער שלאָגט דען נישט קיין פרוי? אַנדערע שלאָגן
נאָך שטאַרקער ווי ער. ער וועט איר שוין איצט ווייזן, ווער
עלטער איז, ער וועט איר שוין אָנברעכן די ביינער אַזוי, אַז
זי וועט שוין האָבן צו געדענקן...

טראַכטנדיק אַזוי וועגן זיין זון, וועגן סעריאָזשקען און
מער פאַר אַלץ, וועגן מאַלוואַן, האָט זיך וואַסילי געפּאָרעט
אויפן זאַמד און אַלץ געוואַרט... די אומרויִקע שטימונג איז אים
אומבאַמערקט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרדעכטיקע מחשבה,
נאָר ער האָט אויף דערדאָזיקער מחשבה זיך נישט געוואָלט
אָפּשטעלן... און פאַרבאָרגנדיק פון זיך זיין חשד און פאַרדרוס,
האָט ער פאַרבראַכט די צייט ביז'ן אָוונט, דאָ אויפהייבנדיק זיך
דאָ אַרומגייענדיק איבערן זאַמד, דאָ ווידער זיך צו-
לייגנדיק. דער ים איז שוין געוואָרן פינסטער און ער האָט נאָך
אַלץ געקוקט אין זיין ווייטקייט, וואַרטנדיק אויף דעם שיפל.
אָבער מאַלוואַ איז דעם זונטיק טאַקע נישט געקומען
צופאָרן.

וואַסילי האָט זיך געלייגט שלאָפן און מיט אַ שווערן גע-
מיט געשאָלטן זיין שטעל, וואָס ערלויבט אים נישט צו פאַר-
לאָזן דעם ברעג און שמידט אים צו צו דעם דאָזיקן זאַמדיקן
אָרט. און ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים איינשלאָפן, איז
ער אָפּט אויפגעשפּרונגען פון זיין געלעגער — דורכן דרעמעל
האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט ווייט, ווייט פון דאַנען
וועסלעס פּאַטשן אין וואַסער, איינער האָט געהאַט דעם איינ-
דרוק, אַז אַ שיף רודערט אין ים. דאַן האָט ער צוגעלייגט די
הענט, ווי אַ שירעם צו זיינע אויגן און אָנגעשטרענגט זיך
אומגעקוקט אין פינצטערן טריבן ים.

אויף יענער זייט ברעג, אויפן אָרט, ווו ססטייט די פי-

שעריי, האָבן געבערענט צוויי שייטערהויפן, אויפן ים האָט מען קיינעם נישט געזען.

— געדענק מכשפה — האָט וואַסילי געדראָט... און דער-נאָך איז ער פאַרזונקען געוואָרן אין אַ טיפן שלאָף.

יאַקאָוו איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי, ווען די זון האָט נאָך נישט אַזוי שטאַרק געברענט און פונם ים האָט גע-בלאָזן אַ פריש מונטערדיק ווינטל. ער איז אַרויסגעגאַנגען פון באַראַק צום ים זיך וואַשן, און צוגייענדיק צום ברעג, האָט ער דערזען מאַלוואַן. זי איז געזעסן אויפן הינטערשטן טייל פון אַ גרויסער באַרקע, וואָס איז געווען צוגעבונדן צום ברעג און אַראָפּלאָזנדיק איבערן אויסערן באָרט די פיס, האָט זי זיך פו-באַנדערגעקעמט די נאַסע האָר.

יאַקאָוו האָט זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעהויבן קוקן אויף איר מיט נייגיריקע אויגן.

איר קאָרטונענע בלוזע, וואָס איז געווען נישט צוגע-שפּילט איבער דער ברוסט, האָט זיך אַרונטערגעגליטשט פון דער פּלייצע, און די דאָזיקע פּלייצע איז געווען אַזאַ ווייסע, געשמאַקע און רייצנדע אַז ס׳איז ממש געווען אַ נחת אויף איר צו קוקן.

די כוואַליעס האָבן זיך געקלאַפּט אָן דעם אינטערשטן טייל פון דער באַרקע און מאַלוואַ האָט זיך דאָ אַ הויב אויף געטאָן איבערן ים, דאָ זיך אַראָפּגעלאָזט אַזוי נידעריק, אַז אירע נאַקעטע פיס האָבן זיך כמעט אָנגערירט און אנגע-טונקען אינם וואַסער.

— האָסט זיך געבאָדן? — האָט יאַקאָוו זי געפרעגט.

זי האָט אַ קער געטאָן צו אים דאָס פּנים, געכאַפּט אַ קוק אויף די פיס און זיך ווידער גענומען פונאַנדערקעמען די האָר.

— יאָ כ׳האָב זיך געבאָדן. וואָס ביסטו עפּעס אַזוי פרי אויפגעשטאַנען?

— דו ביסט דאָך נאָך פריער פאַר מיר אויפגעשטאַנען.

וואָס האָסטו צו נעמען פון מיר אַ ביישפּיל?

יאַקאָוו האָט גאָרנישט געענטפערט.

— אויב דו וועסט פירן אַ לעבן לויט מיין שטייגער, וועט זיין אַ קלאָג צו דיינע יאָרן... — האָט זי געזאָגט.

— גאָר אַזוי? זע נאָר, ס'אַראַ שרעקליכע דאָס איז! — האָט יאַקאָוו געענטפערט מיט אַ געלעכטער און, איינבויגנדיק זיך צום וואַסער, האָט ער זיך גענומען אַרומוואַשן.

ער האָט אָנגענומען, וואַסער מיט די זשמעניעס און זיך געפּליעסקעט אינם פּנים, אָכצנדיק פון דער שטעכעדיקער פרישקייט, וואָס ער האָט פון דעם געפילט. דערנאָך האָט ער זיך אַרומגעווישט מיטן אונטערשטן טייל העמד און מאַלוועז אַ פרעג געטאָן:

— פאַרוואָס שרעקסטו מיך שטענדיק אַזוי?

— פאַרוואָס קוקסטו מיך אָן שטענדיק? האָט זי מיט אַ פראַגע אָפּגעענטפערט

יאַקאָוו האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, ער זאָל האָבן ווען ס'איז געקוקט אויף איר מער און אַנדערש, ווי אַנדערע פרויען, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער פישעריי. נאָר איצט האָט ער פלוצלונג אַ זאָג געטאָן צו מאַלוועז:

— זאָג, ווי אַזוי זאָל איך אויף דיר נישט קוקן. אַז דו ביסט אַזאַ... באַטאַמטע און דערוועקסט אַזאַ אַפּעטיט. וואָס זאָל איך טון?

— וואַרט נאָר, וואַרט, אָט וועט דיין טאַטע זיך דערוויסן וועגן דיינע מיאוסע געוווינהייטן און וועט דיר אַזוי אָנברעכן די ביינער, אַז דו וועסט שוין האָבן צו געדענקען און פאַרלירן דעם אַפּעטיט.

און ממזריש און חוצפּדיק האָט זי ביי דידאָזיקע ווערטער אים געקוקט אין פּנים אַריין.

יאַקאָוו האָט זיך צולאַכט און איז אַריינגעקראָכן אין באַרקע. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, פון וועלכע מיאוסע געוווינהייטן זי האָט אַקאָרשט גערעדט, נאָר ווי באַלד זי האָט וועגן דעם פאָרט גערעדט, האָט ער הייסט עס, אויף איר טאַקע יאָ געקוקט שאַרף און אָנגעשטרענגט אַליין דאָס

נישט באַמערקנדיק... און אים איז עפּעס געוואָרן אַנגענעם און לוסטיק.

— וואָס מיר טאַטע? — האָט ער געזאָגט צוגייענדיק צו איר איבער דער דעק פון דער באַרקע — וואָס סטראַשעסטו מיך מיטן טאַטן? ער האָט דען דיך אַוועקגעקויפט, וואָס?

אַנידערזעצנדיק זיך לעבן איר, האָט ער נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון איר נאַקעטן אַקסל, פון דער האַלב אַנטבלויזטער ברוסט, פון איר גאַנצער פיגור, — אַזאַ פרישער און שטאַרקער, וואָס האָט געשמעקט מיט ים.

— זע נאָר ס'אַראַ ליאַלקע זי איז! — האָט ער אַ אַנטציקטער אויסגעשריגן, נאָכדעם ווי ער האָט זי געניי באַקוקט.

— נישט פאַר דיר אָבער... — האָט זי קורץ ערקלערט, נישט קוקנדיק אויף אים און נישט ברענגנדיק אין אָרדנונג אויף זיך איר צו פרייען קאָסטיום.

יאַקאָוו האָט אַ זיפץ געטאָן.

פאַר זיי איז אין שטראַלן פון דער פרימאָרגן-זון געלעגן אויסגעשפּרייט דער ענדלאָזער ים. די קליינע שטיפערישע כוואַליעס, וואָס ווערן געבוירן דורך צאַרטן הויך פונם ווינט, זאָבן זיך שטיל געקלאַפּט אָן דער באָרד פון דער באַרקע. ווייט אין ים האָט זיך, ווי ראַץ אויף זיין אַטלאַס-ברוסט, געזען דאָס שטיק יבשה פונם לאַנד-צונג. פון דאָרט האָט זיך אין ווייכן אונטערגרונד פונם בלאָען הימל אויפגעהויבן אַ סלופּ און זיך אין אים אַריינגעשטאָכן ווי אַ דינער שטריך, און מ'האָט געזען ווי אויפן אויבערשטן עק פונם סלופּ האָט אין ווינט געפלאַטערט אַ רויטע שמאַטע.

— יאָ, בחורל... — האָט מאַלוואַ אָנגעהויבן, נישט קוקנדיק אויף יאַקוואָן. — איך בין ווי דו האָסט געזאָגט, אַ באַטעמטע, אָבער נישט פאַר דיר... און קיינער האָט מיך נישט אַוועקגעקויפט... כ'בין נישט קיין אייגנטום פון וועמען ס'איז... און דיין טאַטע האָט אויף מיר נישט קיין שום רעכטן און קיין — שליטה. כ'לעב אַליין פאַר זיך... און דו קריך נישט צו מיר, ווייל איך וויל נישט שטיין צווישן דיר און וואַסילין...

קיין מחלוקה און פאַרשידענע קריגערייען וויל איך נישט, כ'בין אויף דעם נישט קיין בעלעבקע... סט'פאַרשטאַנען?

וואָס ווילסטו פון מיר? — האָט זיך יאַקאָוו צו איר געוואונדערט — כ'טשעפּע דאָך דיר נישט... כ'האָב עס סתם אַזוי!

— מיך אָנצירירן קענטו נישט האָבן די העזה — האָט מאַלוואַ געזאָגט.

זי האָט עס געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַזאַ פאַראַכטונג און גרינגשעצונג צו יאַקאָוון, אַז ער האָט זיך באַלד דערפילט באַליידיקט, אי אַלס מאַנספּערשוין אי אַלס מענטש. אים האָט אַרומגעכאַפּט אַ היציקס כמעט בייז געפיל און די אויגן האָבן זיך ביי אים אָנגעצונדן.

— אַזוי? כ'קען נישט האָבן די העזה, זאָגסטו? האָט ער אַ געשריי געטאָן, צוריקנדיק זיך צו איר —

— יאָ, דו קענסט נישט האָבן די העזה!

— אַזוי? און וואָס וועט זיין, אַז כ'וועל דיך יאָ אָנרירן? אַז כ'וועל יאָ האָבן די העזה?

— אַנו, אַדרבה פּרוּוו ריר מיך נאָר אָן?...

— וואָס וועט דאַן זיין?

— וועסט פון מיר באַקומען אַזאַ שטויס און נאַקן אַז דו, וועסט זיך תיכף אַראָפּפאַלן און זיך איבערקערן אין וואַסער אַריין!

— אנו, לאָמיר זען!

— אדרבה, טו מיך נאָר אַ ריר!

ער האָט זי אָפּגעמאָסטן מיט ברענעדיקע אויגן און פּלוצלונג זי אַריינגעכאַפּט פון דער זייט מיט די שטאַרקע ידים, צודריקנדיג איר די ברוסט און פּלוצלונג, פונם אָנרירן זיך צו איר הייסן און שטאַרקן קערפּער האָט ער זיך אינגאַנצן אָנגעצונדן און זיין האַלדז האָט ווי אָנגעהויבן זיך שטיקן.

— אַזוי! נו... שלאָג! נו... וואָס?

— לאָז אָפּ, יאַשאַ! — האָט זי הויך געזאָגט פּרובירנדיק זיך צו באַפרייען פון זיינע אויפגעציטערטע שטאַרקע הענט.

— און דו האָסט געוואָלט מיר דערלאַנגען איבערן נאַקן?

— לאָז מיך אָפּ! געדענק: דו װעסט חרטה האָבן, דו מאַכסט זיך נאָך ערגער.

— נו, שרעק מיך נישט אָן! אך, דו, מאַלינע, ביז דאָך מחיה, װי אַ מאַלינע.

ער האָט זיך צוגעקװעטשט צו איר און זיך אײַנגעזויגן מיט די גראָבע ליפּן אין איר רויטער באַק.

זי האָט היציק זיך צולאַכט, האָט שטאַרק אַ כאַפּ געטאָן יאַקאָװן פֿאַר די הענט און פּלוצלונג, מיט אַ שטאַרקער באַװעגונג פֿון גאַנצן קערפּער, זיך אַ װאָרף געטאָן פֿאָרויס. בײדע, אײנער בײם אַנדערן אין די אָרעמס, זענען זײ אין אַ שװערער מאַסע אַראָפּגעפֿאַלן אין װאַסער אַרײַן און פֿאַרשװוּנדן געװאָרן אין שוים און אין די שפּריצן. דערנאָך האָט זיך אויפֿן צערודערטן װאַסער באַװיזן יאַקאָװס נאַסער קאָפּ מיט אַ דערשראָקענעם פּנים, און נעבן אים, האָט װי אַ מעװע, אויפֿגעטײכט מאַלװאַ. יאַקאָװ האָט פֿאַרצװײפֿלט געאַרבעט מיט די הענט, האָט צוקלאַפּט אַרום זיך דאָס װאַסער, געװאָיעט און געברומט, מאַלװאַ איז מיט אַ הויכן געלעכטער געשװוּמען אַרום אים און, פֿלעסקנדיק אים גלײַך אין פּנים אַרײַן זשעמעניעס געזאַלצענע װאַסער, האָט זי זיך אַרונטערגעלאָזט אונטערן װאַסער און דאָ אַרויפֿגעשװוּמען, האַלטנדיק זיך אָן אַ זײַט פֿון יאַקאָװן און באַמיענדיק זיך אויסצומײַדן זײַנע גראָבע פּאַכנדע הענט.

— דער רוח זאָל דיך נעמען! — האָט יאַקאָװ אַ געשרײ געטאָן סאָפּנדיק. — כ'װעל דאָך דערטרונקען װערן! גענוג!... כ'שװער דיר... כ'װעל דערטרונקען װערן! דאָס װאַסער... איז ביטער... אך. דו... כ'װער דערטרונקען!

נאָר זי האָט אים שוין אָפּגעלאָזט און, מאַכנדיק מיט די הענט, מעשה מאַנספּערשוין, איז זי געשװוּמען צום ברעג. דאָרט איז זי פֿלינק װידער אַרויפֿגעקלעטערט אויף דער באַרקע, האָט זיך אַװעקגעשטעלט אויפֿן רודער און, לאַכנדיק, האָט זי געקוקט אויף יאַקאָװן, װעלכער איז אײליק צוגעשװוּמען צו איר.

די נאַסע מלבושים, צושטייענדיק צו איר קערפּער, האָבן בולט אויסגעטיילט זיינע עלאַסטישע פאָרמען, פון די קני ביז די אַקסלען, און יאַקאָוו, צושווימנדיק צום שיפל און אָנכאַפּנ-דיק זיך פאַר דעם מיט דער האַנט, האָט איינגעשטאָכן זיינע גיריקע אויגן אויף די דאַזיקע נאַסע, כמעט נאַקעטע פרוי, וואָס האָט פון אים לוסטיק געלאַכט, האַלטנדיק זיך ביי די זייטן.

— נו, קריך שוין אַרויס... דו ים-הונט איינער! — האָט זי געזאָגט אַלץ לאַכנדיק נאָך און, אַנידערשטעלנדיק זיך אויף די קני, האָט זי אים דערלאַנגט איין האַנט און מיט דער אַנ-דערער זיך אָנגעשפּאַרט אינם בארט פונם שיפל.

יאַקאָוו האָט אַ כאַפּ געטאָן איר האַנט און מיט אַ התלהבות אַ געשריי געטאָן:

— נו... איצט האַלט זיך! כ'וועל דיך... אויסבאָדן!

ער האָט זי געשלעפּט צו זיך שטייענדיק ביז די אַקס-לען אין וואַסער; די כוואַליעס זענען אַריבערגעלאָפן איבער זיין קאָפּ, און צוקלאַפּנדיק זיך אינם שיפל, האָבן זיי געשפּריצט מאַלוועץ אין פּנים אַריין, זי האָט געזשמורעט די אויגן, הילכיק געלאַכט און מיט אַמאָל, אַ קוויטש טוענדיק, איז זי אַריינ-געשפּרונגען אין וואַסער אַריין און אומגעוואָרפן יאַקאָוון מיט דער שווערקייט פון איר קערפּער.

און זיי האָבן ווידער אָנגעהויבן צו שטיפן, ווי צוויי גרויסע פיש אין גרינלעכן וואַסער, שפּריצנדיק איינער אויפן אַנדערן. סאָפּנדיק, ריטשנדיק און טויכנדיק.

די זון האָט לאַכנדיק אויף זיי געקוקט, די פענצ-טער-שויבן און די געביידעס פון די פישערייען האָבן אויך געלאַכט, אָפּשפּיגלנדיק די זון. ס'האָבן גערוישט די כוואַליעס, וועלכע יאַקאָוו און מאַלוועס שטאַרקע הענט האָבן צוקלאַפּט, און די מעוועס, באַאומרויקט פון דער דאַזיקער שטיפעריי, האָבן זיך מיט דורכדרינגנדע געשרייען זיך געטראָגן איבער זייערע קעפּ, וואָס פלעגן פאַרשווינדן ווערן אונטערן אָנלויף פון די כוואַליעס...

ענדלעך זענען זיי ביידע מיד געוואָרן, אָנשלינגנדיק זיך מיט וואַסער, זענען זיי אַרויסגעקראָכן אויפן ברעג און זיך אַנידערגעזעצט אָפּרוען אויף דער זון.

— טפו! — האָט יאַקאָוו אָפּגעשפּיגן, מאַכנדיק אַ זויער פּנים — פּע, אַ שלעכט וואַסער! דערפאַר איז דאָ פאַרהאַן אַזוי פיל וואַסער!

— שלעכט׳ס און עקלהאַפּטעס איז שטענדיק דאָ איבער־געוויג אויף דער וועלט... בחורים, למשל... גאָט אין הימל — ס׳אַראַ גרויסע צאָל! — האָט מאַלוואַ געלאַכט, אויסקוועטשנדיק ס׳וואַסער פון אירע האָר...

האָר האָט זי געהאַט טונקעלע הגם נישט קיין לאַנ־גע, נאָר געדוכטע און קרייזלדיקע.

— דערפאַר טאַקע, ווייזט אויס, האָסטו זיך אויסגעקליבן דעם אַלטן — יאַקאָוו בייסיק אַ זאָג געטאָן, אַ שטופּ טוענדיק זי מיטן עלנבויגן אין דער זייט.

— פאַרהאַן אַלטע, וואָס זענען בעסער פאַר יינגע...

— ווי באַלד דער פאָטער איז אַ גוטער איז דאָך דער זון אַ בעסערער פאַר אים.

— וואָס זאָגט איר אויף אים! ווי האָסטו זיך עס אויס־געלערנט אַזוי באַרימען?

— מיר האָבן מיידלעך אין דאָרף אָפּט געזאָגט, אַז איך בין גאָר נישט קיין שלעכטער בחור.

— פיל פאַרשטייען זיי, די מיידלעך. פרעג בעסער ביי מיר...

— און דו ווער ביסטו? ביסטו דען נישט קיין מיידל?

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים אָנגעשטרענגט, ער האָט מאוס געלאַכט. דאַן איז מאַלוואַ מיטאַמאָל געוואָרן ערנסט און מיט פאַרדרוס אים געזאָגט.

— כ׳בין געווען אַ מיידל, נאָר... געטאָן נישט איידל: גע־בוירן אַ קינד!

— געזאָגט שען, אָבער געהאַנדלט נישט פיין, — האָט יאַקאָוו זיך הילכיק צולאַכט.

— דו לעקיש איינער? האָט מאַלוואַ שאַרף אָפּגעענטפערט און זיך פון אים אָפּגעקערט. — דו ליימענער גולם איינער!..

— יאַקאָוו האָט מורא געקריגן און איז פאַרשוויגן געוואָרן צוקוועטשנדיק די ליפּן.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן זיי ביידע געשוויגן, אומדרייענדיק זיך צו דער זון, זי זאָל וואָס גיכער אויסטריקענען זייערע נאַסע מלבושים.

*

אין די באַראַקן — לאַנגע שמוציקע שטאַלן זענען דאָס געווען מיט אַ דאַך אין אָפּהאַנג *) — האָבן זיך די אַרבעטער אויפגעכאַפּט פון שלאָף. פון דער ווייטענס צו די באַראַקעס איז געווען אַ מהלך פון אַ הונדערט פופציק מעטער — זענען די אַרבעטער געווען ענלעך איינער צום אַנדערן — אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, באָרוועסע, מיט שויבער-קעפּ... צום ברעג האָבן זיך דערטראָגן זייערע הייזעריקע קולות, עמיצער האָט געקלאַפּט איבערן דנאָ פון אַ ליידיקער פאַס, ס'זענען געפלויגן טויבע קלעפּ, פונקט ווי ס'וואָלט געקלאַפּט אַ גרויסער באַראַבאַן. צוויי פרויען האָבן קוויטשענדיק זיך געזידלט און אַ הונט האָט געבילט.

— זיי שטייען אויף פון שלאָף, — האָט יאַקאָוו געזאָגט, — כ'האָב דאָך אָבער געוואָלט היינט פאָרן אין שטאָדט אַריין וואָס פריער... און אָט, אַנשטאַט צו פאָרן וואָס פריער, האָב איך דאָ געשטופּט. מיט דיר...

— מיט מיר האָבן צו טאָן, — וועט קיין גוטס נישט אַרויסקומען, — האָט זי, נישט ערנסט און נישט אויף קאַטאָוויס, געזאָגט.

— וואָס סטראַשעסט דו מיך אַלץ? — האָט יאַקאָוו פאַרחידושט אַ לאַך געטאָן.

— וואַרט נאָר. וואַרט, וועסט שוין זען ווי דער טאַטע וועט דיך שוין...

דאָס דאָזיקע דערמאָנען אינם פאָטער האָט אים פלוצלונג געמאַכט ברוגז און דענערווירט.

*) ווי די געביידעס, וואָס זענען צוגעבויט צו דער וואַנט פון אַן אַנדער בנין. באַמ. פון איב.

— וואָס מיר פּאָטער? וואָס'טער מיר טאָן? — האָט ער גראָב אַ געשריי געטאָן — דער פּאָטער? וואָס איז — איך בין אַ קליינינקער, כ'זאָל מורא האָבן פאַרן טאַטן? אויך מיר אַ וויכ-טיקע זאַך... דאָ זענען גאָר אַנדערע אָרדנונגען... אַנדערע זיטן... כ'בין נישט קיין בלינדער און זע אַלץ... ער גופא איז אויך נישט קיין צדיק... ער זשענירט זיך דאָ נישט, לאָזט זיך וויל גיין... וויבאַלד אַזוי, פאַרשטייסטו מיך, דאַרף ער מיך נישט טשעפּען פאַר מיין כלומרשטע אויסגעלאַסנקייט און זיך מאַכן, נישט זעענדיק.

זי האָט מיט אַ חוזק-געלעכטער אים אַ קוק געטאָן אין פּנים און מיט נייגעריגקייט אַ פרעג געטאָן:

— דיך נישט טשעפּען? וואָס, אייגנטלעך, קלויבסטו זיך טאָן אַזעלכעס, פאַר וואָס מ'וואָלט דיך יאָ געדאַרפט טשעפּען, אָדער באַשטראָפן?

— וואָס איך קלייב זיך טאָן פרעגסטו? — ער האָט אָנ-געבלאָזן די באַקן און אַרויסגערוקט די ברוסט פאָרנט, פונקט ווי ער וואָלט אויפגעהויבן אַ משא — איך? כ'קען פילאָפּטאָן! אויף מיר האָט שוין גענוג פרישע לופט געבלאָזן און אַראָפּ-געבלאָזן פון מיר דעם דאָרפישן שטויב.

— אַזוי גיך! — האָט מאַלוואַ מיט אַ שפּאָט-שמייכל אַ געשריי געטאָן.

— וואָס איז אָט וועל איך נעמען און דיך אָפּשלאָגן פון מיין פאָטער, דיך אַוועקנעמען ביי אים. וועסט שוין זען.

— אַזוי? טאַקע באמת?

— וואָס מיינסטו, כ'וועל עס מורא האָבן צו טאָן?

— אַזוי גאָר! וואָס זאָגט איר צו אַזאַ בריה?

— הער נאָר דו, — האָט יאַקאָוו אויפגערעגט און היציק אָנגעהויבן צו רעדן — רייץ מיך נישט! איך... געדענק!..

— וואָס? — האָט זי רויק געפרעגט.

— גאָרנישט!

איצט האָט ער זיך פון איר אָפּגעקערט און איז פאַר-

שוויגן געוואָרן, האָבנדיק אַן אויסזען, פון אַ יינג אַ בריה, וואָס גלויבט שטאַרק אין זיינע כחות.

— דו ביזט אַ צו גרויסער שגץ! דער משרת האָט דאָ אַ הונט, האָסט אים געזען? איז ער אויך אַזעלכער ווי דו. פון דערווייטנס בילט ער, דראָט צו בייסן, אָבער ווען מ׳גייט צו נאָענט צו אים, קוועטשט ער אונטער דעם וויידל און לסוף מאַכט אַ ויברח!

— נו, גענוג שוין! — האָט יאַקאָוו אַ געשריי געטאָן, ווערנדיק אין כעס — וואַרט נאָר! וועסט שוין זען, סאַראַ מענטש איך בין, וועסט שוין זען ווער און וואָס איך בין אַזוינס...

און זי האָט אים געלאַכט אין פנים אַריין...

צו זיי איז געגאַנגען, מיט אַ פאַמעלעכן גאַנג און שאָקלענדיק זיך מיטן גאַנצן קערפּער, אַ הויכער, אָדעריקער, ברוינער גוטש אין אַ געדיכט היטל און צושויבערטע, פייערדיקרויטע האָר. זיין קמאַטשן העמד אָן אַ גאַרטל, איז אויפן אָרט, ווי ס׳באַדעקט דעם רוקן, געווען צוריסן כמעט ביזן קראַגן און כדי די אַרבל זאָלן נישט אַראָפּקריכן פון די הענט, האָט ער זיי פאַרקאַטשעט אַזש ביז די אַקסלען. די הויזן זיינע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ קאָלעקציע פון פאַרשידנאַרטיקע לעכער; געגאַנגען איז ער באָרוועס. אויף זיין פנים, געדיכט באַזייט מיט זומערשפּרענקלעך, האָבן העזהדיק געגלאַנצט צוויי גרויסע בלאָע אויגן, און די נאָז זיינע, אַ ברייטע און פאַרריסן אַרויף, האָט צוגעגעבן זיין גאַנצער פיגור אַ הפקר־חוצפּודיק אויסזען. צוגעגאַנגען צו זיי, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און בלאַנקנדיק אויף דער זון מיט זיין קערפּער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון די אָן אַ צאָל לעכער פון זיין לייכטן „אָנצוג", האָט ער הויך אַ שמאָרע געטאָן מיט דער נאָז, אָנגעשטעלט אויף זיי פרעגנדיק די אויגן און געמאַכט אַ לעכערלעכע העויה.

— נעכטן האָט סעריאָזשקאַ געמאַכט אַ קליינע כוסה און היינט איז סעריאָזשקעס קעשענע ליידיק און דאָרט פייפט דער

יוינט. באָרגט מיר אויס אַ צוואַנציקער! כוועל סיי ווי סיי נישט אָפּגעבן.

יאַקאָוו האָט זיך גוטמוטיק צולאַכט פון זיינע ווערטער און מאַלוואַ האָט אַ לאַך געטאָן, באַקוקנדיק זיין אַרומ-נעריסענע פיגור.

— גיט, אַ ריח אין אייער טאַטן אַריין! כוועל אייך מקדש זיין פאַר אַ צוואַנציקער, אייך מאַכן פאַר מאַן און ווייב, ווילט איר?

— אַך די לץ איינער! ביסטו דען אַ גלח? — האָט יאַקאָוו געלאַכט.

— שוטה! כ'האָב אָבער אַ שטאַרקער שייכות צו גלחים: כ'בין ביים אוגליטשער גלח געווען אַ סטרוזש... גיב אַ צוואַנציקער!

— כ'וועל נישט נעמען קיין חופּה! — האָט יאַקאָוו זיך אָפּגערופן.

— אַלץ איינס — גיב! כוועל נישט אויסזאָגן דיין פאָטער אַז דו דרייסט זיך אַרום אַרום זיין פופּע — איז סעריאָזשקאַ נישט אָפּגעשטאַנען, באַלעקנדיק מיטן צונג זיינע טרוקענע צו-שפּאָלטענע ליפּן.

— זאָגט אַ ליגנט, דו מיינסט אַז ער וועט דיר גלייבן, וואָס דו וועסט אים זאָגן?

— נישקשה, אַז איך וועל זאָגן אַ ליגנט וועט ער שוין גלייבן! — האָט סעריאָשקא פאַרזיכערט, — ער וועט גלייבן און וועט דיר גוט אָנברעכן די ביינער, אַזוי, אַז דו וועסט שוין האָבן צו געדענקען.

— כ'האָב נישט קיין מורא! — האָט יאַקאָוו אַ לאַך געטאָן.

— — ווי באַלד אַזוי, וועל איך דיר אָנברעכן די ביי-נער! — האָט סעריאָזשקאַ רויק ערקלערט און צ'ואַמענגעצויגן די אויגנלעפּלעך — איך קאָן אויך גוט יענעם אויסדרעשן, ווען איך וויל.

יאַקאָוון איז געווען אַ שאָד די צוואַנציק קאָפּיקעס, נאָר

מ׳האָט אים שוין עטלעכע מאָל געוואָרנט, אַז מיט סעריאָזשקען איז נישט גוט צו האָבן אַן עסק און ס׳איז שטענדיק בעסער אים נאָכצוגעבן און פון אים פטור צו ווערן. פיל וועט ער דאָך פון אים נישט פאָדערן און אַז אויב ער וועט אים גישט געבן — וועט ער בעת דער אַרבעט אים אָפּטאָן אַ מיאוס שטיקל אָדער וועט אים סתם אַזוי אונטערהאַקן די זייטן און גיי דערנאָך און קלאָג און אָן צום נתנה תכף.. און דער־מאָנענדיק זיך די דאָזיקע עצות מכח סעריאָזשקען, האָט יאַקאָיו אַ זיפץ געטאָן און זיך אָנגעהויבן גריבלען אין טאַש.

— אָט אַזוי! איצט זע איך, אַז דו ביזט אַ לייטישער מענטש! — האָט סעריאָזשקאַ אים אונטערגעגעבן חשק אַרויס־צונעמען און אים צוגעבן די צוואַנציק קאָפּיקעס — אָט אַזוי! — און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן זאַמד, לעבן יאַקאָוון.

— דו האָרך נאָר און פאָלג מיינע עצות — האָט סער־יאָזשקאַ ווייטער געזאָגט — וועסטו זיין אַ חכם. און דו — האָט ער זיך געווענדט, צו מאַלוּוען — דו וועסט גיך מיט מיר חתונה האָבן? יאָ מאַך נישט קיין השיות... כ׳האָב נישט בדעה לאַנג צו וואַרטן.

— דו שלימזלניק איינער... פריער פאַרניי די לעכער אויף דיינע מלבושים, — דערנאָך וועלן מיר רעדן, — האָט מאַלוּואַ געענטפערט.

סעריאָזשקאַ האָט קריטיש אַ קוק געטאָן אויף די לעכער פון זיינע מלבושים און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— גיב מיר בעסער אָפּ דיין קלייד?

— אַזוי! — וואָס זאָגט איר אויף אים און אויף זיינע השגות? האָט מאַלוּוא זיך אָפּגערופן און זיך צולאַכט.

— גיב, כ׳זאָג עס ערנסט... טאַקע באמת! האָסט עפּעס אַן אַלט אָפּגעטראָגן קלייד?

— קויף זיך בעסער הויזן, — האָט מאַלוּואַ אים געגעבן אַן עצה.

— צוואָס? כ׳וועל בעסער דאָס געלט פאַרשכּורן...

— בעסער! אַ שיינער „בעסער״! — האָט יאַקאָוו גע־

אַכט, האַלטנדיק אין האַנט פיר פינפער, וועלכע ער האָט אַרויסגענומען פון טאַש.

— וואָס דען? מיר האָט געזאָגט דער גלח, אַז דער מענטש דאַרף זיך נישט זאָרגן וועגן זיין פעל, נאָר וועגן זיין נשמה. און מיין נשמה פאַרשטייסט מיך, פאָדערט פון מיר בראָנפן, און נישט קיין הויזן. גיב אַהער ס׳געלט! גוט, איצט וועל איך מאַכן אַ כוסה... און דיין פאָטער וועל איך, פונדעסטוועגן, דערציילן.

— דערציילן — האָט יאַקאוו אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און, מעשה ווילער יינג, אַ ווונק געטאָן מאַלווען, אַ שטופ טוענדיק איר אין פּלייצע.

סעריאָזשקא האָט עס באַמערקט, אַ שפּיי געטאָן און נאָך צוגעגעבן:

— כ׳שווער דיר בנאמנות, אַז כ׳וועל נישט פאַרגעסן דיר אָנצוקלאַפּן די ביינער... ווען כ׳וועל נאָר האָבן פרייע צייט, וועל איך דיר שוין אַזוי אַריינלייגן, אַזוי אויסדרעשן!...

— פאַרוואָס? וואָס האָסטו צו מיר? — האָט יאַקאוו אומרויק געפרעגט.

— איך ווייס שוין פאַרוואָס און פאַר ווען... נו, וועסטו גיך פאַר מיר חתונה האָבן? — האָט סעריאָזשקאַ זיך ווידער געווענדט צו מאַלווען.

— דערציילן מיר פריער, וואָס וועלן מיר טאָן און ווי אַזוי וועלן מיר לעבן... דאַן וועל איך זיך מישב זיין... — האָט זי ערנסט געזאָגט.

סעריאָזשקא האָט אַ קוק געטאָן אויפן ים, צונויפציענדיק די אויגן, און באַלעקנדיק די ליפּן האָט ער ערקלערט:

— מיר וועלן גאָרנישט טאָן... מיר וועלן אַרומשפּאַצירן איבער דער ערד.

— און וווּ וועלן מיר נעמען אויף צו עסן?

— גיי שוין! האָט סעריאָזשקאַ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — דו טעהנעסט פונקט, ווי מיין מוטער: וואָס און ווי אַזוי? נודנע מענטשן זענט איר, ווייבער. פונוואַנען זאָל איך

וויסן, ווי און ווי אַזוי? כ'וועל נײַן אויסטרינקען אַ גלעזל בראָנפֿן...

ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט און איז פֿון זיי אַוועקגעגאַנגען, באַגלייט מיט מאַלוועס מאָדנעם שמייכל און נישט קיין פֿרײַנדלעכן בליק פֿון יאַקאָוון.

— זעט נאָר וואָסאַראַ קאָמאַנדיר דאָס איז! — האָט יאַקאָוו געזאָגט, ווען סעריאָזשקאַ איז שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען פֿון זיי ווייט, — ביי אונדז אין דאָרף וואָלט מען אַזאַ שייגעץ גיך איינגעשטילט. מ'וואָלט אים גוט אויסגעקאַטעוועט און געניוג... און דאָ האָט מען פֿאַר אים מורא...

— מאַלוואַ האָט אַ קוק געטאָן אויף יאַקאָוון און האָט דורכגעזייט דורך די ציינער:

— אַך, דו חזרל! צי קענסטו דען, צי ביסטו דען פֿאַר-טיק אים אָפּשאַצן! פֿאַרשטייסטו דען וואָס אין אים שעקסט?

— וואָס איז דאָ דאָ וואָס צו פֿאַרשטיין? מ'קען אים אָפּשאַצן נישט מער ווי אויף פֿינף קאָפּיקעס, פֿאַר אַ בינטל... אסור, אויב איך וואָלט פֿאַר אים געגעבן מער אַ גראָשן. יאָ פֿינף קאָפּיקעס פֿאַר אַ בינטל קען מען קריגן אַזעלכע איבער געניוג ווי דאָס, ווען איז אַ בינטל איז דאָ אַ הונדערט אַזעלכע, ווי ער.

— ביזט אַ גרויסער מבין! — האָט מאַלוואַ שפּאַטיש אַ געשריי געטאָן — דאָס איז דיין פּרייז... דאָס פֿאַרשטייסטו אַזוי. ער איז אָבער אַ מענטש... אַ מענטש, וואָס איז געווען אומעטום, דורכגעגאַנגען די גאַנצע וועלט און האָט פֿאַר קיי-נעם קיין מורא נישט.

— און פֿאַר וועמען האָב איך מורא? — האָט מוטיק יאַקאָוו געפֿרעגט.

זי האָט אים גאָרנישט געענטפֿערט, האָט זיך פֿאַרטראַכט, קוקנדיק אויפֿן שפּיל פֿון די כוואַליעס, וואָס זענען אָנגעלאָפֿן אויפֿן ברעג און געשאָקלט זיי שווערע באַרקע. מאַסטבוים פֿון דער באַרקע האָט זיך געשאָקלט פֿון איין זייט אין דער אַנ-דערער און דער הינטערשטער טייל אירער האָט, אויפֿהייבנדיק

זיך און אַראָפּפאַלנדיק אין וואַסער אַריין, ברוגז געפּלאַשקעט דאָס וואַסער, און מ'האָט געהאַט דעם איינדרוק, ווי די באַרקע וואָלט בצוואָלט זיך אָפּרייסן פון ברעג און זיך אַוועקלאָזן אינם ברייטן, פרייען ים אַריין און זי האָט זיך געבייזערט אויפן גראָבן שטריק, וואָס האָט זי איינגעהאַלטן.

וואָס זשע גייסטו נישט אַוועק? – האָט מאַלוואַ יאַקאָון געפרעגט.

– וווהין זאָל איך גיין? – האָט ער זיך אָפּגערופן.

– האָסט דאָך געוואָלט גיין אין שטאָט אַריין...

– כ'וועל נישט גיין.

– באַלד אַזוי, פאָר צו צום פאָטער.

און דו"

– וואָס?

– וועסט אויך פאָרן?

– ניין...

– באַלד אַזוי, פאָר איך אויך נישט.

– אַ גאַנצן טאָג וועסט דו דאָ אַרום מיר זיך אַרומדרייען? – האָט מאַלוואַ רויק אים געפרעגט.

כ'דאַרף דיך גאָר אַזוי שטאַרק האָבן... האָט יאַקאָוו געענטפערט מיט אַ באַליידיקונג, דערנאָך זיך אויפגעהייבן און איז פון איר אַוועקגעגאַנגען.

נאָר ער האָט געהאַט אַ טעות, זאָגנדיק, אַז ער דאַרף מאַלוועןאַזוי שטאַרק נישט האָבן. אָן איר איז אים גלייך געוואָרן לאַנגווייליק. אַ משונהדיק געפיל איז אין אים געבוירן געוואָרן נאָכן געשפּרעך מיט איר – אַ נישט קיין דייטליכער פּראָטעסט קעגן זיין פאָטער, אַ טויבע אומצופרידנקייט מיט אים. נעכטן האָט ער אַזעלכעס נאָך נישט געפילט, הייַנט, איידער ער האָט זיך באַגעגנט מיט מאַלוועןֹ, נאָך אויך נישט... אָבער איצט האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער פאָטער שטערט אים שטאַרק, כאָטש ער איז דאָרט, ווייט אויפן ים, אויפן דאָזיקן זאַמדיקן פאַס, וואָס איז קוים צו באַמערקן מיטן אויג... דערנאָך האָט זיך אים געדאַכט, אַז מאַלוואַ האָט מורא פאַרן פאָטער.

און ווען זי וואָלט נישט מורא געהאַט... דאַן וואָלט עפּעס גאָר אַנדערש אַרויסגעקומען צווישן אים און איר. און אָט איצט איז אָן איר אים ליינגווייליק, כאָטש אין דערפֿרי האָט ער וועגן איר נישט געטראַכט אַפֿילו.

און ער האָט אַרומגעוואַנדערט איבער די פֿישעריי, אומעטיק באַקוקנדיק די מענטשן, וואָס ער האָט באַגעגנט, און איבער־וואַרפֿנדיק זיך פֿויל מיט זיי מיט צוויי־דריי ווערטער.

דאָרט, אין שאָטן פֿון דער באַרקע, זיצט אויף אַ פּאַס דערדאָזיקער סעריאָזשקע און צימבלענדיק אויף אַ באַלאַלייקע, זינגט ער און מאַכט לעכערלעכע הויות:

הער גאָ — ראָ — דאָ — וואָי!
העלף זייט מיט מיר...
פֿירט מיך אָפּ אין צירקל, —
כ׳זאָל נישט אַריינפֿאַלן אין בלאָטע...

אים רינגלען אַרום אַ פֿאַרשוין צוואַנציק, אויך אַזעלכע אָפּגעריסענע, ווי ער, און פֿון זיי אַלע, ווי פֿון אַלץ דאָ אַרום, טראָגט זיך, אַ ריח פֿון געזאַלצענע פֿיש און סאָליטרע.

פֿיר פֿרויען, נישט קיין שיינע און שמוציקע, זיצנדיק אויפֿן זאַמד, נישט ווייט פֿון דערדאָזיקער גרופּע, טרינקען טיי, אָנגיסנדיק אים פֿון אַ בלעכערנעם טשייניק. און אָט האָט עפּעס אַנ׳אַרבעטער, נישט קוקנדיק, וואָס איז נאָך אַזוי פֿרי, זיך שוין אָנגעטרונקען שכור און האָט צו טאָן מיטן זאַמד, פּרוּווּנדיק זיך אויפֿהייבן אויף די פֿיס און ווידער פֿאַלנדיק. ערגעץ וויינט אַ פֿרוי, פֿון ערגעץ דערטראָגן זיך קלאַנגען פֿון אַ קאַ־ליע געוואָרענע האַרמאָניע אינסטרומענט... און אומעדום בלאַנקען פֿיש טיפֿן.

מיטאָג צייט האָט יאַקאָוו זיך אָפּגעזוכט אַ שאָטנדיק ווינקעלע צווישן אַ באַרק ליידיקע פֿעסער, זיך אַנידערגעלייגט און איז אָפּגעשלאָפֿן ביז אָוונט און אויפֿכאַפּנדיק זיך פֿון שלאָף, האָט ער ווידער אָנגעהויבן אַרומצובלאָנדזשען איבער דער פֿישעריי, נישט האָבנדיק קיין שום קלאָרן ציל, נאָר פֿילנדיק נישט קיין דייטלעכן דראַנג צו עפּעס.

אַרומשפּרייזנדיק אַזוי אַ שעה צוויי, האָט ער געטראָפן מאַלווען ווייט פון דער פישעריי אונטער אַ קופּע יינגינקע ביימלעך. זי איז געלעגן אויף אַ זייט, און האַלטנדיק אין די הענט עפּעס אַ שטאַרק אָפּגעניצט ביכל, האט זי געקוקט אים אַנטקעגן, און געשמייכלט.

— זע נאר ווי זי איז פאַרקראכן: — האט יאַקאוו גע־זאגט, אַנידערזעצנדיק זיך האַרט לעבן איר.

— שוין לאַנג ווי דו זוכסט מיך? — האט זי זיכער אַ פרעג געטאן.

— כ'האב דיך דען געזוכט? ווי פאַלט דיר עס איין? — האָט יאַקאוו געענטפערט, פאַרשטייענדיק מיטאַמאל, אַז דאס איז טאַקע אמת: די גאַנצע צייט, פון אינדערפרי אן ביז איצט, האט ער, נישט באַמערקט פאַר זיך גופא, זי געזוכט און ער האט אין פאַרלעגנהייט אַ שאקל געטאן מיטן קאפּ.

— דו קאנסט לייענען און שרייבן? — האט זי אים גע־פרעגט.

— יאָ... כ'לייען און שרייב, אבער־שוואַך... שוין אַלץ פאַרגעסן.

— איך קען אויך שוואַך לייענען און שרייבן... האסט זיך געלערנט אין אַ שולע?

— יאָ, אין דער זעמסקער שולע.

— איך האב זיך אויסגעלערנט אַליין, פון זיך...

— וואס איך הער? טאַקע באמת?

יאָ. אין אַסטראַכאַן בין איך געווען אַ קעכן ביי אַ אַן אַדוואָקאַט. און זיין זון האט מיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן.

— ווי באַלד אַזוי, האסטו דאך נישט אַליין זיך אויסגע־לערנט... האט יאַקאוו באַמערקט.

זי האט אויף אים אַ קוק געטאן געפרעגט:

— ביסט אַ בעלן צו לייענען ביכלעך?

— איך? ניין... צוואס?

— און איך האב ליב צו לייענען... אָט האב איך אנגעמלט

אויסגעבעטן ביים פריקאַזטשיקס פרוי אַ ביכל און לייען עס.

— וועגן וואָס?

— וועגן אַלעקסייען, דעם מאַן פון גאָט.

און זי האָט אים, פאַרטראַכט, דערציילט מכּח דעם ווי אַ יונגערמאַן — אַ זון פון רייכע און אָנגעזעענע עלטערן, איז אַוועק פון זיי און פון זיין גליק, און דערנאָך האָט ער זיך צו זיי צוריקגעקערט, אַן אָרימער און אָפּגעריסענער, האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי זיי אין הויף צוזאַמען מיט די הינט, נישט זאָגנדיק ביז זיין טויט, ווער ער איז. דאָס אים דערציילט, האָט מאַלוואַ שטיל יאַקאָוון אַ פרעג געטאָן:

צו וואָס האָט ער עס געטאָן אַזוי?

— ווער ווייסט? — האָט יאַקאָוו גלייכגילטיק געענטפערט.

בערגלעך זאַמד, וואָס זענען אָנגעקערט געוואָרן דורכן ווינט און דורך די כוואַליעס, האָבן אַרומגערינגלט זיי ביידן. פון דערווייטנס האָט זיך דערטראָגן אַ טויבער און פינצטערער גערויש — האָס האָט מען געטומלט אין דער פישעריי. די זון איז אונטערגעגאַנגען און אויפן זאַמד איז געלעגן אַ בלאַס-ראַזאָווער אָפּגלאַנץ פון אירע שטראַלן. דאַרע און שיטערע קושאַקעס (קוסטעס) האָבן קוים געציטערט מיט זייערע שיטערע בלעטער אונטער אַ לייכטן ווינט פונם ים. מאַלוואַ האָט געשוויגן, צוהערנדיק זיך צו עפּעס.

— פאַרוואָס ביזטו עפּעס היינט נישט געפאָרן אַהין — אויפן לאַנד-צונג.

— נישט דיין עסק? וואָס גייט עס דיר אָן?...

יאַקאָוו האָט אָפּגעריסן אַ בלאַט און עס אָנגעהויבן צו קייען, קוקנדיק פון דער זייט מיט גיריקע אויגן אויף דער פריי און טראַכטנדיק, ווי אַזוי איר צו זאָגן דאָס, וואָס ער וויל איר זאָגן.

— מיר... — האָט זיך מאַלוואַ אָפּגערופן, — ווען כ'בין אַליין און ס'איז אַזוי שטיל, ווי איצט... ווילט זיך אַלץ וויינען... אָדער זינגען. נאָר קיין גוטע לידער קאָן איך נישט, און וויינען איז א שאַנד...

יאַקאָוו האָט זיך צוגעהערט צו איר זאַפטיקן און לאַש־טשענדן קול, נאָר דאָס, וואָס זי האָט גערעדט, האָט אים גאָר־נישט אָנגערירט, — ר'האָט נאָר צוגעגעבן זיין באַגער אין אַ מער בולטע פאָרם.

— הער נאָר אויס... — האָט יאַקאָוו מיט אַ געדעמפּטער שטים אָנגעהויבן, צורוקנדיק זיך צו איר, אָבער נישט קוקנדיק אויף איר, — הער נאָר, וואָס כ'וועל דיר זאָגן... איך בין אַ יונגער בחור...

— און אַ נאַרישער, אַ נאַ—רישער! — האָט מאַלוואַ אויס־געצויגן איבערצייגט, שאָקלנדיק מיטן קאָפּ.

— נו, לאָז זיין אַ נאַרישער — איז יאַקאָוו מיטאַמאָל ווי אויפגעמונטערט געוואָרן — צי דאַרף מען דען דאָ שכל און חכמה? כ'בין אַ נאַר — גוט, לאָז זיין אַזוי! נאָר אָט וואָס כ'וועל דיר זאָגן — ווילסטו מיט מיר...

— רעד נישט... כ'וויל נישט!...

— וואָס?

— גאָרנישט!

— מאַך זיך נישט נאַריש... — און ער דאָט זי פאָרזיכ־טיק אָנגענומען פאַר די אַקסלען. — באַרויק זיך נאָר...

— אַוועק פון דאַנען, יאַשקאָ! — האָט זי שטרענג אַ זאָג געטאָן, אַראָפּטרייסלנדיק פון זיך זיין האַנט. — אַוועק!

ער איז אייפגעשטאַנען און האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך,

— נו... אויב דו ווילסט נישט — שפּיי איך אויף דעם! אַזעלכע ווי דו, זענען דאָ חאָ אַ סך... מיינסט אפשר, אַז דו ביזט שענער פאַר אַנדערע? ס'הייבט זיך נישט אָן! ס'זענען דאָ פאַראַן פיל שענערס פאַר דיר.

— ביזט אַ כלב, — האָט זי רויק געזאָגט. אויפשטייענ־דיק אויף די פיס און אָפּטרייסלנדיק דעם זאַמד פונם קלייד.

און זיי זענען אַוועקגעגאַנגען, איינער לעבן אַנדערן, צו דער פישעריי. געגאַנגען זענען זיי פּאַמעלעך, מחמת די פיס זייערע זענען געזונקן אינם זאַמד.

יאַקאָוו האָט דאָ איר גראָב איינגערעדט, זי זאָל נישט זיין אַזוי איינגעשפּאַרט און אים נישט אָפּשטויסן פון זיך, און דאָ מיט פאַראַכטונג איר דערוויזן, אַז זי איז נישט איינע אין די פישעריי און נישט שענער פאַר אַנדערע פרויען און זי האָט רויק און קאַלט זיך געלאַכט און אים אָפּגעענטפערט מיט שטעך-ווערטער.

פּלוצלונג, ווען זיי זענען שוין געווען ביי די באַראַקן פון דער פישעריי, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און איר אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער פּלייצע.

— כ׳זע, אַז דו באַמיסט זיך בכוון מיך אָנצוצינדן, כ׳וועל דיר... געדענקן!

— לאָז מיך געמאַך, דו הערסט! — זי האָט זיך אַרויס-געריסן פון אונטער זיין האַנט און איז אַוועק און אַקעגן איר, פון יענער זייט באַראַק-ווינקל, האָט זיך באַוויזן סעריאָזשקאַ און ב שאָקל טועגדיק מיט זיין צעשויבערטן פייערדיקן קאָפּ, האָט ער מיט אַ טאָן, אין וועלכן ס׳איז געקלונגען עפּעס מוראדיקס, אַ זאָג געטון:

— שפּאַצירט, זיך געלאָזט ווויל גיין, שיין!...

— גייט אַלע צו אַלדע רוחות! — האָט מאַלוואַ צאָרנדיק אַ געשריי געטאָן.

און יאַקאָוו האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר סעריאָזשקאַן און אָנגעבלאָזן, אויף אים געקוקט. צווישן זיי איז געווען אַ מהלך פון צען טריט.

סעריאָזשקאַ האָט אָנגעשטעלט זיינע בליקן אויף יאַקאָווס אויגן. אָפּשטייענדיק אַזוי אַ מינוט צייט, ווי באַראַנעס, וואָס זע-נען גרייט זיך אַ וואָרף צו טאָן איינער אויפן אַנדערן מיט די שטערנס, זענען זיי שווייגנדיק זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין פאַר-שידענע זייטן.

דער ים איז געווען רויט פונם זון-אונטערגאַנג, איבער דער פישעריי איז געשטאַנען אַ טויבער גערויש און פונם דאָ-זיקן גערויש האָט זיך בולט אויסגעטיילט אַ שכורער פרויען-

שטים, וואָס האָט היסטעריש אויסגעשריגן עפּעס אומגעלומפּערטע ווערטער:

יענע–אַגאַראַ, מאַטאַמאַראַ,
מאַטאַנישקא מיינע!
שכּורע, צעשלאָגענע,
צעשויבערטע! —

און די דאָזיקע ווערטער, עקלהאַפטע, ווי קעלערווערעם, זענען זיך פאַנאַנדערגעלאָפן איבער דער פישעריי, וואָס איז אָנגעזאַפּט געווען מיט אַ ריח פון זאַלץ און פון פוילע פיש, — זיך פאַנאַנדערגעלאָפן, באַליידיקנדיק מיט זיך די ווייכע מוזיק פון די כוואַליעס, וואָס איז געשוועמען אין די לופטן.

אין דעם צאַרטן גלאַנץ פונם פרימאָרגן האָט רויק געשלאָפן די ווייטקייט פונם ים, אָפּשפּיגלענדיק אין זיך די פּערלאָמוטרענע וואָלקנס. אויפן ברעג האָבן זיך געפּאָרעט די פישער, אַריינלייגנדיק אין די באַרקע די קאַנאַטן, נעצן און שטריק.

די געוויינלעכע אַרבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן שנעל און שווייגנדיק. די גראָע מאַסע פון נעצן איז געקראָכן איבערן זאַמד אויף דער באַרקע און דאָרט האָט מען זי צוזאַמענגעלייגט אין אַ קופּע אויפן דנאָ.

סעריאָזשקא איז, ווי שטענדיק, אָן אַ היטל און אַ האַלבנאַקעטער, געשטאַנען אויפן הינטערשטן טייל פון דער באַרקע און מיט אַ הייזעריקן שכּורליכן קול האָט צונעאיילט די פישער דער ווינט האָט זיך געשפּילט מיט די צוריסענע שטיקער פון זיין העמד און מיט זיינע רויטע קאָסמעס האָר.

— וואַסילי! ווו זענען די גרינע וויאָסלעס? — האָט עמיץ געשריען. וואַסילי, אָנגעבלאָזן, ווי אַנאָקטאָבער טאָג, האָט אַוועקגעלעגט אַ נעץ אויף דער באַרקע, און סעריאָזשקע האָט אים געקוקט אין דעם אויסגעבויגענעם רוקן און באַלעקט די ליפּן — אַ סימן, אַז ער האָט אַ שטאַרקן חשק צו מאַכן אַ כּוסה.

— דו האָסט עפּעס בראַנפן? האָט ער וואַסילין גע־פרעגט.

— כ'האָב — האָט וואַסילי טויב געענטפערט

— ווי באַלד אַזוי, וועל איך נישט פאָרן... כ'וועל בלייבן ביים טרוקענעם פליגל.

—פּאַרטיק! — האָט מען אַ געשריי געטון פון ברעג.

— אָפּבינדן, אָפּשווימען! — האָט סעריאָזשקא אַ קאָמאַנדע געטון, אַראָפּגייענדיק פון דער באַרקע. — פּאָרט... איך וועל דאָ בלייבן. יאָ, די באַרקע אַריינצופירן ברייטער און נישט פּלאָנטערן די נעץ... און וואַרף די נעץ און וואַסער גלייכער... נישט מאַכן קיין פעטליעס! נו האַדיאַ!

מ:האָט די באַרקע אַראָפּגעשטופּט און וואַסער אַריין, די פישער זענען אַריינגעקראָכן אין איר פון די ביידע זייטן און פונאַנדערנעמענדיק די וויאַסלעס, האָבן זיי אויפגעהויבן זיי אין דער לופט, גרייט אַ קלאַפּ צו טאָן איבערן וואַסער.

— איינס!

די וויעסליעס זענען גלייך אַ פאַל געטאָן אין די כוואַליעס און די באַרקע האָט זיך אַ ריס געטאָן פאָראויס, און ברייטן גלייכן שטח פונם באַשיינטן וואַסער.

— איינס! צוויי! — האָט קאָמאַנדעוועט דער רודערער, ווי לאַפּעס פון אַ אומגעהויער גרויסער טשערעפּאַכע, האָבן זיך די וויעסלעס אויפגעהויבן איבער די זייטן פון דער באַרקע...— איינס!... צוויי!...

אויפן ברעג, ביים טרוקענעם פליגל פון דער נעץ זענען געבליבן פינף אַרבעטער: סעריאָזשקא, וואַסילי, און נאָך דריי איינער פון דידאָזיקע דריי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן זאַמד און געזאָגט:

— מ'דאַרף זיך נאָך צולעגן, ס'ווילט זיך אַזוי שלאָפן?

צוויי אנדערע אַרבעטער האָבן געטאָן דאָס זעלבע, וואָס ער, און אויפן זאַמד האָבן זיך איינגעקאָרטשעט צוזאַמענ־בייגלנדיק זיך דריי קערפּער און שמוציקע טראַנטעס.

— פאַרוואָס ביסטו זונטיק נישט געווען? — האָט וואַסילי געפרעגט סעריאָזשקן, גייענדיק מיט אים אין בויד.

— ס׳איז געווען אוממעגלעך...

— ביזט געווען שכור?

— ניין. כ׳האָב אַכטונג געגעבן אויף דיין זון, און אויך אויף זיין שטיפמאַמע... — האָט סעריאָזשקא רויק מיטגע־טיילט.

— געפונען פון וואָס זיך צו זאָרגן! האָט וואַסילי קרום אַ שמייכל געטאָן — וואָס איז, זיין זענען דען קליינע קינדער?

— נאַר ערגער... איינער איז אַ נאַר, די אַנדערע — אַ משוגענע...

— מאַלוואַ איז אַ משוגענע? האָט וואַסילי געפרעגט און זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ צאָרנדיקער אַנגסט.

— יאָ, זי איז אַ משוגענע.

— שוין לאַנג ווי זי איז משוגע?

— שטענדיק געווען אַזעלכע. איר נשמה, ברודערקע וואַסילא איז נישט לויט איר גוף. קענסט עס תופס זיין? פאַר שטייסט זיך אויף אַזעלכע איידעלע זאַכן?

כ׳האָב שוין פאַרשטאַנען... אַ געמיינע נשמה האָט זי.

סעריאַזשקאָ האָט אויף אים אַ וואָרף געטאָן אַ בליק פול מיט פאַראַכטונג.

— אַ געמיינע זאָגסטו? אַך, איר חזרים מיט די טעמפּע מאָרדעס! איר הייבט נישט אָן צו קענען דאָס לעבן... פאַר אייך איז גענוג, אויב די פרוי האָט פעטע ברוסטן. מער דאַרפט איר נישט און מער פאַרלאַנגט איר נישט... אַזעלכע קליינינקע השגות האָט איר און אַזעלכע ביליקע פאָדערונגען! און סאַראַ כאַראַקטער זי האָט, — גייט אייך גאָר נישט אָן... אָבער אין כאַראַקטער טאַקע שטעקט די גאַנצע בלום ביים מענטשן... סאַ־ראַ פּנים, סאַראַ טעם האָט אַ פרוי אָן אַ כאַראַקטער — אַ פרוי אָן אַ כאַראַקטער איז פונקט ווי ברויט אָן זאַלץ. קענסטו דען האָבן פאַרגעניגן פון אַ באַלעלאַיקע, וועלכע האָט נישט קיין סטרונעס?

פיל פאַרשטייסטו אין אַזעלכע זאַכן, דו דבר אחר איינער. זע נאָר צו וועלכע דבורים ער האָט זיך נעכטן אָנגעשכורט!... האָט אים אַ שטאָך געטאָן וואַסילי.

אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט פרעגן סעריאָזשקאַן, ווו און ביי וועלכע אומשטענדן ער האָט נעכטן געזען יאַקאָוון און מאַלוואַן, נאָר ער האָט געפילט, אַז ס'איז אים געווען אומבאַקוועם דאָס צו פרעגן ביי אים.

און קומענדיק אין בויד, האָט ער סעריאָזשקען אָנגעגאָסן אַ גאַנצע טע-גלאָז בראָנפן, האָפנדיק, אַז נאָך אַז פּאָרציע, וועט סעריאָזשקאַ מיט אַמאָל באַרוישט ווערן, די צונג וועט זיך ביי אים אָפּבינדן און ער וועט שוין דאַן אַליין, אָן שום פרעגן, אים דערציילן וועגן יאַקאָוון און מאַלוואַן.

נאָר סעריאָזשקאַ האָט אַריינגעטרונקן דעם שנאַפּס, האָט אַ קריאַמקע געטאָן, האָט זיך אויפגעהויבן אויף אַ ווײַלע, דערנאָך זיך ווידער אַנידערגעזעצט, זיך אויסגעצויגן אין דער לענג פון שוועל.

— מאַכסט אַ כוסה — איז פּונקט ווי דו וואָלסט איינגעשלונגען אין זיך פייער... — האָט ער געזאָגט.

— אָבער דו ביסט שוין איין מאָל אַ בריה אַ כוסה צו מאַכן! — האָט וואַסילי זיך אָפּגערופן, ערשטוינט, מיט וואָסאַראַ שנעלקייט סעריאָזשקאַ האָט איינגעשלונגען דעם שנאַפּס.

— יאָ, נישטאָ וואָס צו רעדן, כ'קען טרינקען... האָט יענער אַ מאַך געטאָן מיט זיין רויטן קאָפּ, און אויסרייבנדיק מיט דער דלאָניע די נאַסע וואָנסעס, האָט ער, מעשה פילאָזאָף און ווילער יינג, אָנגעהויבן צו ריידן:

— כ'קען, ברודער! איך טו אַלץ שנעל און גלייך, אָן דרייעניש און הינטערוועגן — גלייך גערוקט זיך און געענדיקט! און וווהין דו וועסט אַריינפאַלן, וווהין ס'וועט דיך פאַרטראָגן, וועגן דעם דאַרף מען נישט רעדן — דאָס איז אַלץ איינס! פון דער ערד, וועסטו אין ערגעץ נישט אַראָפּשפּרונגען, אַ חוץ אין דער ערד גופא.

דו האָסט דאָך געוואָלט אַוועק אויף קאַווקאַז? — האָט

וואַסילי אים געפרעגט, כיטרע און בשתיקה צוגייענדיק צו זיין ציל...

— כ׳וועל אַוועק, ווען ס׳וועט זיך מיר פאַרוועלן, ווען ס׳וועט זיך מיר שטאַרק פאַרגליסטן, — וועל איך זיך גלייך לאָזן אין וועג אַריין — איינס, איינס און... פאַרטיק! אָדער ס׳קומט אויס לויט ווי איך וויל, אָדער איך ברעך האַלדז און נאַקן... איינס פון דעם מוז דאָך געשען — ריזיקיר איך.

— וואָס קען זיין איינפאַכער דערפון! ס׳קומט אויס, אַז דו לעבסט ווי אָן אַ קאָפּ...

סעריאָזשקאַ האָט שפּאָטיש קוק געטאָן אויף וואַסילין.

און דו, קומט אויס ביסט אַ חכם! — זאָג, וויפל מאָל האָט מען דיך שוין געשמיסן אין וואָלאָסט.

וואַסילי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן און גאָרנישט געענטפערט.

— אַ פּנים, אַז אָפּטלעך... גאַנץ גוט, וואָס די נאַטשאַל־סטוואָ ביי אונדז איז זיך נוהג איבערצוטרייבן מיט דער הילף פון רוזגעס שכל פון אונטן אַרויף... אַך דו! נו, זאָג אַליין, וואָס קאָנסטו אויפטון מיט דיין קאָפּ! אויף וואָס וועסטו זיך מיט אים אָנשטויסן, וווהין וועסטו מיט אים אַריינפאַלן? וואָס קענסטו מיט דיין שכל אויסטראַכטן? יאָ. און איך, אָן אַ קאָפּ, שטופּ זיך גלייך — און געבוג! כ׳שטופּ זיך פאָרויס און וויל פון גאָרנישט וויסן. און כ׳קען דיר זאָגן, אַז כ׳וועל געוויס זיין ווייטער פון דיר...

— דאָס איז מעגלעך... — האָט וואַסילי אַ לאַך געטאָן, — מעגלעך, אַז דו וועסט דיר דערקלויבן אַזש ביז סיביר...

אַך, שרעקלעך!

און סעריאָזשקאַ האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

ער איז נישט שכור געוואָרן, טראָץ וואַסיליס ערוואַרטונג און יענעם האָט עס פאַרדראָסן. אים דערלאַנגגן נאָך אַ גלאָז שנאַפּס, איז וואַסילין געוועזן אַ שאָד, אָבער ווען סעריאָזשקאַ וועט זיין אין אַ ניכטער צושטאַנד, איז פון אים שווער עפּעס

אַרויסצובאַקומען און זיך דערוויסן... נאָר סעריאָזשקאַ האָט אים אַליין אויסגעהאָלפן.

— וואָס פרעגסטו זיך גאָר נישט וועגן מאַלוואַן?

— וואָס זאָל איך פרעגן? — האָט וואַסילי גלייכגילטיק אויסגעצויגן, אונטערציטערנדיק פון עפּעס פון אַ פּאָרגעפיל.

— זי איז דאָך זונטיק דאָ נישט געווען... פרעג בעסער, ווי זי האָט געלעבט דידאָזיק טעג, ביסט דאָך, מסתּמא, איי-פערזיכטיק. דו גראָער שד!

— דאָ אַ סך אַזעלכע, ווי זי! — האָט וואַסילי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט מיט פאַראַכטונג.

— אַ סך! — האָט אים סעריאָזשקאַ נאָכגעמאַכט — אַך, איר נאַרישע פויערים. און פערד איינע. היי דאַרף מען אייך געבן קייען. גיב אייך האָניק, גיב אייך דזיאַגעץ — אַלץ גילט ביי אייך פאַר האָניק-לעקעך...

— וואָס ליבסטו זי אַלץ? ביזט אפשר איר געקומען ריידן אַ שידוך, וואָס? זאָלסטו וויסן זיין, אַז איך האָב איר שוין לאַנג אויסגעשדכנט... האָט וואַסילי געמאַכט אַ קאַפּולער אָנצווהערעניש.

סעריאָזשקאַ האָט אים באַקוקט, געשוויגן אַ ווײַלע און וואָגיק אָנגעהויבן צו ריידן צו וואַסילין, אַרויפלייגנדיק אים די האַנט אויף דער פּלייצע:

— כ׳ווייס עס... כ׳ווייס אַז זי לעבט מיט דיר. כ׳האָב דיר אין דעם נישט געשטערט — כ׳האָב נישט געוואָלט שטערן, ס׳איז נישט נייטיק געווען... נאָר איצט דרייט זיך אַרום איר דער דאָזיקער יאַשקאַ, דער זון דיינער — קאַטעווע אים גוט אויס! דו הערסט? ווען נישט, וועל איך אַליין אים אויסקאַ-טעווען... דו ביסט אַ גוטער פויער... כאָטש דו ביסט אַ דעמ-בענער שוטה... איך האָב דיר נישט געשטערט, און דו זאָלסט עס געדענקן.

— אַזוי גאָר! אַזוי איז די מעשה! און איצט... שאַרסטו זיך אויך אַרום איר? — האָט וואַסילי טויב געפרעגט.

— אויך! ווען כ׳וואָלט געוואוסט, אַז אויך... דאַן וואָלט

איך אייך אַלעמען גלייך אַראָפּגעשטויסן פון מיין וועג און — אַ סוף!... אָבער אין דער אמון — וואָסאַראַ עסק האָב איך מיט איר?

— וואָס פּלאָנטערסטו זיך דאָ אַרום?... — האָט פֿאַרדעכטיק וואַסילי געפרעגט.

סעריאָגשקאַן האָט, אַפּנים, איבערראַשט די דאָזיקע פשוטע פּראַגע.

ער האָט מיט ברייט געעפנטע אויגן אַ קוק געטאָן אויף וואַסילין און זיך צעלאַכט.

— פֿאַרוואָס איך פּלאָנטער זיך אַרום? דער רוח ווייסט, צוליב וואָס... אַזוי... אַ פרוי איז זי אַזעלכע... מיט פעפער... געפעלט מיר... אָדער ס'קען זיין, אַז זי טוט מיר לייד, כ'ווייס אַליין נישט.

וואַסילי האָט אויף אים געקוקט מיט אַ מיסטרוי, נאָר ער האָט געפילט, אַז סעריאָזשקאַ לאַכט אויפריכטיק, פונם גאַנצן האַרצן און אַז ער זאָגט גאַנץ אויפריכטיק, אַז ער האָט נישט קיין שום אויסזיכטן נישט אויף מאַלוואַן. פונדעסטוועגן האָט ער געפונען נייטיק צו באַמערקן:

— ווען זי וואָלט געווען אַ ריין אומשולדיק מיידל — דאַן וואָלט מען אויף איר געקאָנט האָבן רחמנות, אָבער אַזוי... משונהדיק עפעס?

סעריאָזשקאַ האָט געשוויגן, צוקוקנדיק זיך ווי די באַרקע האָט ווייט אין ים פאַרקערעוועט מיט איר פאָדערשטן טייל צום בזשעג, מאַכנדיק אַ ברייטן האַלבן קרייז, סעריאָזשקאַס רויט פנים האָט געקוקט אָפן און איז געווען אַזאַ גוטס און פשוטעס. וואַסילי איז עפעס ווייכער געוואָרן, קוקנדיק אויף אים.

— דו האָסט עס ריכטיק געזאָגט... זי איז אַ ווילדע נקבה... האָט זיך אָבער ליב אַרומצודרייען!... יאַשקאַ... נו, ס'וועט אים שוין קיין צרות נישט פעלן, — כ'וועל אים שוין געבן! אַזאַ צוציק!

— מיר געפעלט ער נישט... ס'שטינקט פון אים מיט

דאַרף... איך קען נישט איבערטראָגן דעם דאָזיקן ריח — האָט סעריאָזשקאַ ערקלערט.

— און ער לאַסטשעט זיך טאַקע צו איר? — האָט וואַסילי דורך די ציין געפרעגט, פאַנאַנדערגלעטנדיק זיין באָרד.

— נאָך ווי אַזוי. ער — געדענק מיינע ווערטער — וועט ווי אַ קלין אַריין צווישן אייך ביידן — האָט סעריאָזשקאַ מיט אַ זיכערן טאָן אים געוואָרנט.

— כ'וועל אים שוין ווייזן, אַריין ווי אַ קלין.

אין דער ווייטקייט פון ים האָט זיך אָנגעכאַפּט אַ ראָזיקער וואַכליאַזש פון שטראַלן. אַן עק פון דער אויפגייענדער זון האָט שוין אַרויסגעקוקט פונם באַגאָלדעטן וואַסער. דורכן גערויש פון די כוואַליעס האָט זיך פון דער באַרקע דערטראָגן אַ שוואַך געשריי:

— פיר!... צי'...

— אויפשטיין, קינדער! עי! אויפשטיין צו דער נעץ! — האָט סעריאָזשקאַ קאָמאַנדעוועט, אויפהייבנדיק זיך אויף די פיס.

און באַלד האָבן זיי אַלע אויסגעקליבן יעדער זיין נעץ. פונעם וואַסער האָט זיך געצויגן אויפן ברעג אַ לאַנגע שטריק, אָנגעצויגן ווי אַ סטרונע. די פישער האָבן געצויגן די שטריק און דעם אַנדערן טייל נעץ האָט געפירט צום ברעג די באַרקע, גליטשנדיק זיך איבער די כוואַליעס.

די פרעכטיקע, העלע זון האָט זיך אויפגעהויבן איבערן ים.

— אַז דו וועסט זען יאַקאָוון, — זאָלסטו אים זאָגן, ער זאָל מאָרגן זיין ביי מיר, — האָט וואַסילי געבעטן סעריאָזשקאַן.

— גוט.

די באַרקע איז צוגעשטאַנען צום ברעג און אַראָפּשפּרינגנדיק פון איר אויפן זאַמד, האָבן די פישער געצויגן ווייער פליגל פון נעץ. צוויי גרופּעס האָבן בהדרגהדיק זיך דערנעענטערט איינע צו דער אַנדערער און די קאָרקן פון דער נעץ האָבן, שפּרינגנדיק אין וואַסער, געבילדעט פון זיך אַ ריכטיקן קריַיז.

• •

*

שפעט אין אָוונט פונם דאָזיקן טאָג, ווען די אַרבייטער פון דער פישעריי האָבן שוין געהאַט אָפּגעגעסן אָוונט-ברויט, איז מאַלוואַ, אַ מידע און פאַרטראַכטע, געזעסן אויף אַ צע-קלאַפּט שיפל און האָט געקוקט אויפן ים, וואָס איז שוין גע-ווען אָנגעטאָן אין טונקלקייט. דאָרט, העט ווייט האָט געבליצט אַ פייער, און מאַלוואַ האָט געוווסט, אַז דאָס האָט געפלאַקערט דער שייטערהויפן, וואָס וואַסילי האָט אָנגעצונדן. אַן איינזאַמער פונקט ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער אין דער חושכדיקער ווייטקייט פון ים, האָט דאָס דאָזיקע פייער דאָ העל זיך אויפגעפלאַקערט, דאָ אויסגעלאָשן געוואָרן, פונקט, ווי ס'זאָלן אים האָבן אויס-געגאַנגען די כחות. און מאַלוואַן איז געווען אומעטיק צו קוקן אויפן דאָזיקן רויטן פונקט, וואָס איז פאַרלוירן געווען אין דער וויסטע און האָט שוואַך געציטערט אינם כּסדרדיקן, פאַר קיי-נעם נישט פאַרשטענדלעכן, ברומען פון די כוואַליעס.

— וואָס זיצסטו עפּעס דאָ? — האָט זיך דערהערט סער-יאָזשקעס שטים פון הינטער איר רוקן.

— וואָס איז דיין עסק? — האָט זי טרוקן געענטפערט, נישט אַ קוק טוענדיק אויף אים.

— טשיקאַווע.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן באַקוקנדיק זי, האָט אַרויס-גענומען אַ פּאַפּיראָס, פאַררייכערט און זיך געזעצט רייטנדיק אויפן שיפל. דערנאָך, פילנדיק, אַז זי האָט נישט קיין חשק צו רעדן מיט אים, האָט ער איר, מעשה גוטער פריינט, געזאָגט:

— דו ביסט אַ וווּנדערבאַרע גקבה: — אָט אַנטלויפסטו פון אַלע און אָט הענגסטו זיך יעדן אויפן האַלדז.

— כ'הענג זיך אפשר דיר אויך אָן האַלדז, וואָס? — האָט זי גלייכגילטיק געפרעגט.

— נישט מיר, נאָר יאַשקען.

— און דו ביסט מקנא?

— מ... לאָמיר רעדן אָפנהערציק, גוט? - האָט סער-

יאָזשקאַ פאַרגעלייגט. אַ קלאַפּ טוענדיק איר איבער דער פּלייצע.

זי איז געזעסן מיט דער זייט צו אים, און ער האָט נישט געזען איר פּנים, ווען זי האָט קורץ אים אָפּגעענטפערט.

— רעד.

— דו האָסט וואַסילין אַוועקגעוואָרפן, יאָ?

— כ'ווייס נישט, — האָט זי געענטפערט, שווייגנדיק אַ ווײַלע — צוואָס דאַרפסטו עס וויסן?

— אַזוי, גלאַט... פון לאַנגווײַליקייט.

— כ'בין אויף אים ברוגז איצט.

— פאַרוואָס?

— ער האָט מיך געשלאָגן.

— וואָס איך הער?... ער האָט דיך געשלאָגן? אַזאַ... שפּו זאָל ער ווערן! און דו האָסס זיך געלאָזט שלאָגן? אַי-אַי!

סעריאָזשקאַ איז דערשטוינט געוואָרן פון איר מיטטיילונג. ער האָט געקוקט פון דער זייט אויף איר פּנים און איראָניש געשמאַטשקעט מיט די ליפּן.

— ווען כ'וואָלט געוואָלט, — וואָלט איך זיך נישט גע-לאָזט — האָט זי געענטפערט מיט פאַרדרוס.

— וואָס זשע?

— כ'האָב נישט געוואָלט.

— שטאַרק, באַלד אַזוי, האָסטו אים ליב, דעם גראָען קאָטער? — האָט סעריאָזשקאַ שפּאָטיש זיך אָפּגערופן און אַרויסגעלאָזט אויף איר אַ רויך פון זיין פּאַפּיראָס—און איך האָב געמיינט, אַז דו ביזט נישט פון יענע...

— קיינעם פון אייך האָב איך נישט ליב, — האָט זי ווידער, איצט שוין גלייכגילטיק, געזאָגט, אָפּטרייבנדיק מיט דער האַנט דעם רויך פון זיך.

— כ'מיין, אַז דו זאָגסט אַ ליגן.

— צוואָס זאָל איך זאָגן אַ ליגן? — האָט זי געפרעגט, און לויט איר שטים, האָט סעריאָזשקאַ פאַרשטאַנען, אַז זי האָט באמת נישט וואָס צו זאָגן אַ ליגן.

— און אויב דו האָסט אים נישט ליב, טאָ וואָס זשע ווילסטו אים ער זאָל דיך שלאָגן? — האָט ער ערנסט גע־פרעגט.

— כ׳ווייס אַליין נישט. וואָס׳טו זיך צוגעטשעפּעט? צו ס׳גייט דיר טאַקע אין לעבן, דאָס צו וויסן?

— מאָדנע, כלעבן... — האָט סעריאָזשאַ געזאָגט, אַ טרייסל־טוענדיק מיטן קאָפּ.

און ביידע האָבן זיי לאַנג געשוויגן.

— ס׳האָט זיך אָנגערוקט די נאַכט. אויפן ים האָבן זיך געלייגט שאָטנס פון וואָלקן, וואָס האָבן זיך פּאַמעלעך באַוועגט איבערן הימל. די כוואַליעס האָבן גערוישט.

דאָס פייער ביי וואַסילען אויפן ברעג איז איינגעלאָשן געוואָרן, נאָר מאַלוואַ האָט נאָך אַלץ געקוקט אַהין. און סעריאָזשיקאַ האָט געקוקט אויף איר.

— הער נאָר? — האָט ער צו איר זיך געווענדעט — זאָג מיר נאָר: דו ווייסט וואָס דו ווילסט?

אָך, ווען איך וואָלט געוווּסט וואָס איך וויל! — האָט מאַלוואַ מיט אַ טיפן זיפץ און זייער שטיל געענטפערט — וואָלט דאָך גאָר אַנדערש געווען.

— הייסט עס, אַז דו ווייסט נישט? דאָס איז נישט גוט!— האָט סעריאָזשקאַ מיט אַ זיכערקייט אין זיך ערקלערט — און איך, זעסטו, ווייס שוין שטענדיק יאָ, וואָס איך וויל, — און מיט אַ שאַטירענע פון טרויער האָט ער צוגעגעבן: נאָר זעלטן, ווען מיר ווילט זיך וואָס.

— מיר ווילט זיך שטענדיק עפּעס, — האָט מאַלוואַ, פּאַרטראַכט אָנגעהויבן — און וואָס?... — ווייס איך אַליין נישט. אַמאָל טרעפט זיך, אַז מיך באַהערשט עפּעס אַ חשק, אַזאַ תשק אַזאַ באַנגער, אַז כוואָלט גרייט געווען דאַן צו נעמען אַ שיפל און זיך אַוועקלאָזן אין ים אַריין. אַוועקלאָזן ווייט, ווייט? און סוו׳לט זיך מיר דאַן, אַז איך זאָל מער און קיין מאָל שוין נישט זען קיין מענטשן. און אַמאָל כאַפּט מיך אַרום אַזאַ באַ־גער, אַז כוואָלט גרייט געווען צו נעמען יעדן מענטשן אַרומ־

דרייען אַרום זיך און אים לאָזן זיך דרייען אַרום זיך ווי אַ וערפל. כוואָלט דאַן געקוקט אויף אים און געלאַכט. דאָ קריג איך רחמנות אויף אַלעמען און מער ווי אַלע, אויף זיך אַליין און דאַן בין איך גרייט אויסצוקויפן גאַנצע פאָלק. און דערנאָך וואָלט איך זיך אומגעבראַכט... מיט אַ שרעקלעכן טויט... אַי אומעטיק איז מיר, אי פריילעך... און די מענטשן זעען אַלע אויס אין מיינע אויגן ווי עפּעס דעמבענע.

— אַ צופוילט פאָלק, — האָט סעריאזשקא שטיל מיט איר מספּים געווען. — דערפאַר טאַקע קומסטו מיר שטענדיק פאָר אַזאַ מאָדנע ווען איך זע דיך — ביזט נישט קיין קאַץ נישט קיין פיש,... און נישט קיין פייגל... און דאָך איז אין דיר פאַרהאַן... דו ביזט נישט ענלעך צו פרייען. פאַרהאַן אין דיר עפּעס אַזעלכעס, וואָס טיילט אַזוי שטאַרק אויס פון זיי. מיט איין וואָרט — ביזט נישט אַלע, ביזט גאָר פון אַן אַנדער טייג אויסגעבייט.

— אַ דאַנק דערפאַר דעם אייבערשטן! — האָט מאַלוואַ אַ לאַך געטאָן.

ליגנסטו פון הינטער די זאַמד-בערגלעך, האָט זיך באַוויזן די לבנה, באַגיסנדיק זייערע פיגורן און דעם ים מיט אַ זילבער-נעם גלאַנץ פון איר שיין. אַ גרויסע און מילדע, איז זי פּאַ-מעלעך געשווומען אין דער הויך איבערן בלאָען קופּאָל פון הימל און דער העלער גלאַנץ פון די שטערן איז אַלץ בלייכער געוואָרן און איז אויסגעגאַנגען אין איר גלייכן טרוימערישן שיין.

דו ביזט אַ מענטש, וואָס דענקט — אָט דאָס איז עס! — האָט סעריאזשקא מיט אַ זיכערן טאָן אָפּגערופן, אַ וואָרף טוענ-דיק דעם פּאַפּיראָס אין די לופטן. — און דער, וואָס קלערט פיל אַריין אין פאַרשידענע פראַגן — פאַר דעם איז דאָס לעבן לאַנגווייליק... מדאַרף שטענדיק מיט וואָס עס איז זיין באַשעפטיקט, כדי אַרום דיר זאָלן זיך אַרומדרייען מענטשן און זיי זאָלן פילן אַז דו לעבסט... דאָס לעבן דאָרף מען מישן געדיכטער כדי עס זאָל נישט פאַרזויערט ווערן. באָמבל זיך אַרום אין

לעבן אַהין און אַהער כּל זמן דו האָסט כּח — דאַן וועט אַרום דיר זיין פריילעך...

מאַלוואַ האָט זיך צולאַכט.

— דאָס, מעגלעך, איז ריכטיק, וואָס דו זאָגסט... מיר דאַכט זיך מאַנכמאָל, אַז אויב... מוואָלט ביינאַכט אונטערגע־צונדן דעם באַראַק וואָלט עס געווען דאַמאָלס אַ מהומה!

— נאָך וואָסאַראַ מהומה — האָט סעריאָזשקע אַנטציקט אַ געשריי געטאָן און פלוצלונג איר אַ שטויס געטאָן אין פלייצע.— ווייסטו וואָס... כוועל דיך אויסלערנען... אַ קאָמיש שטיקל וועלן מיר אָפּטאָן. ווילסט?

— וואָס אַ שטייגער? — האָט מיט אינטערעס מאַלוואַ אַ פרעג געטאָן.

— דו האָסט דעם דאָזיקן יאַשקען... גוט אין זיך פאַר־קאָכט:

— ער ברענט ממש ווי אַ פייער...—האָט זי אַ לאַך געטאָן.

— אַזוי?. טאָ רייץ אים אָן אויפן פאָטער! טו עס, כלעבן! סוועט זיין אַזוי לעכערלעך... אַזוי פריילעך... זיי וועלן זיך וואַרפן איינער אויפן אַנדערן און זיך ראַנגלען, ווי בערן... וואָרום נאָר אונטער דעם אַלטן, און אים אויך... און דערנאָך וועלן מיר זיי אַראָפּלאָזן איינעם אויפן אַנדערן... הא. וואָס זאָגסטו אויף דעם?

מאַלוואַ האָט זיך אַ קער געטאָן צו אים און אויפמערק־זאַם אַ קוק געטאָן אויף זיין פריילעך שמייכלדיק פנים, אַזאַ רויטס פון די זומערשפרענקלעך. באַלויכטן פון דער לבנה, האָט דאָס פנים זיינע אויסגעוויזן צו זיין נישט אַזוי פונקט ווי עס איז געווען בייטאָגביים שיין פון דער זון. אויף אים איז נישט געווען צו באַמערקן נישט קיין צאָרן און גאָרנישט, אַ חוץ אַ גוטמוטיק, אַביסל אַ פרעך שמייכל און אַ ערוואַרטונג פון אַ ענטפער.

פאַרוואָס האָסטו זיי נישט ליב? — האָט פאַרדעכטיק מאַלוואַ געפרעגט.

— איך?... וואַסיל... איז נאָך נישקשה פון אַ מענטש, אַ

גוטער פויער. אָבער יאשקאַ— איז אַ גאָרנישט. איך, פאַרשטייסטו מיך, האָב אַלע פויערים פיינט... זיי זענען געמיינע יינגען! זיי מאַכן אַ אָנשטעל ווי זיי וואָלטן געווען עלנטע יתומים — מאַכן שטענדיק אַ נעבעך-פּנים, האָט מען אויף זיי רחמנות און מגיט זיי און אַלץ. זיי האָבן דאָך אַ זעמסטוואַ און די זעמסטוואַ טוט פאַר זיי אַלץ, באַזאָרגט זיי מיט אַלץ... אַלדאָס גוטס... זיי האָבן אַ ווירטשאַפט, ערד, בהמות... איך האָב געדינט אַלס קוטשער ביי אַ זעמסקי דאָקטאָר און זיך גענוג אָנגעזען דאָס לעבן פון די פויערים... דערנאָך האָב איך גענוג אַרומגעוואַנ-דערט איבער דער וועלט, אַרומגעוואַנדערט אַלס נע-ונדניק, בראַדיאַגאַ, ווייסט דאָך, וואָס אַ בראַדיאַגאַ איז?... קומסט, טרעפט זיך אין אַ דאָרף, בעטסט אַ שטיקל ברויט — טוט מען דיר אַ כאַפּ אָן פאַרן קאַרק און מען לאָזט דיך נישט אָפּ ווער און וואָס ביסטו? פון וועמען האָסטו זיך אַהערצו גענומען? ווייז נאָר אָקאָרשט דיין פּאַספּאָרט... וויפיל מאָל האָט מען מיך שוין געשלאָגן אין דאָרף. דאָ נעמט מען דיך אָן פאַר אַ פערד-גנב, דאָ שלאָגט מען דיך סתם אַזוי... מהאָט מיך וויפיל מאָל שוין אַרייגגעזעצט אין אַרעסט... זיי קלאָגן זיך די פויערים, מאַכן אַן אָנשטעל, אַז זיי ליידן, נאָר אין תוך גענומען, ווייסן זיי פון אַ לעבן: — זיי האָבן אָן וואָס זיך אָנצוהאַלטן און אין וואָס זיך איינצוקלאַמערן — דאָס איז די ערד, די נהלה זייע-רע. און וואָס, משטיינס געזאָגט, בין איך אַנטקעגן זיי?

— דו ביסט דען נישט קיין פויער? — האָט אים מאַלווא איבערגעשלאָגן די רייד, צו וועלכער זי האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט.

— איך בין אַ מיעשטשאַנין*) — האָט מיט אַ געוויסע גאווה סעריאָזשקאַ זיך אָפּגערופן — אַ מיעשטשאַנין פון דער שטאָט אוגליטש.

— און איך בין פון פייוולישׂ, — האָט מאַלוואַ, פאַרקלערט, מיטגעטיילט.

*) קליינבירגער. — באַמ. פון איב.

פאַר מיר איז נישטאָ, ווער עס זאָל זיך אָננעמען! אָבער די פויערים... זיי, די ימח־שמוניקעס, קענען לעבן און וויסן ווי אַזוי צו לעבן. זיי האָבן זיך אַ זעמסטווא און נאָך וועלכע זאַכן.

— וואָס איז דאָס אַזוינס זעמסטוואָ? — האָט מאַלוואַ געפרעגט

— וואָס דאָס איז אַזוינס? דער רוח ווייסט עס, וואָס איז זייער אופּראַוואַ *)... טו אַ שפּיי אויף דעם. רעד בעסער צו דער זאַך... ווערסטו זיי אָפּטאָן אַ שטיקל, יאָ? סוועט דאָך דערפון גאָר נישט אַרויסקומען... זיי וועלן זיך נאָר צעשלאָגן... און איך וועל דיר שוין צוהעלפן. וואַסילי האָט דאָך דיך געשלאָגן? טאָ זאָל ער אויך פילן דעם טעם פון קלעפּ, מיט וועלכן זיין זין וועט אים אָפּצאָלן פאַר די קלעפּ, וואָס דו האָסט פון אים, דעם גראָען פאָטער, באַקומען.

— פאַרוואָס נישט? — האָט מאַלוואַ אַ לאַך געטאָן, — דאָס וואָלט געווען גוט...

— זאָג אַליין;... צי איז דען נישט אָנגענעם צו זען, ווי מענטשן שלאָגן זיך אונטער איינעם דעם אַנדערן די ריפּן צוליב דיר? צוליב דיינע ווערטער בלויז?... דו טוסט אַ דריי מיט דער צונג איין מאָל און נאָך אַ מאָל און... פאַרטיק! פאַרקאָכט אַ חתונה...

סעריאָזשקאַ האָט לאַנג מיט אַ שטאַרקער באַגייסטערונג איר דערציילט וועגן דער שענקייט פון איר ראָל אינם דאָזיקן סכסוך. ער האָט גלייכצייטיק זיך געוויצלט און געשפּאַסט און גערעדט ערנסט און אַליין איז ער אויפריכטיק געווען אַנטציקט פון זיין פּלאַן.

— אַך, ווען איך וואָלט געווען אַ שיינע פרוי: וואָלסט שוין געזען, וואָס איך וואָלט דאַן אָפּגעטאָן. די גאַנצע וועלט וואָלט איך אויפגעקאָכט! — האָט ער צוס שלוס אַ געשריי געטאָן, דערנאָך האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ,

*) אַ שטאָדט אָדער דאָרף־פאַרוואַלטונג. — באַמ. פון איב.

אים שטאַרק צוגעפּרעסט, פאַרזשמורעט די אויגן און איז אַנט-שוויגן געוואָרן.

די לבנה איז שוין געווען הויך אויפן הימל, ווען זיי זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. אָן זיי איז די נאַכט געוואָרן נאָך שענער. איצט איז געבליבן בלויז דער גרעניצלאָזער טריומ-פירנדער ים, באַזילבערט פון דער לבנה, און דער בלאָער הימל, באַזייט מיט שטערן. סזענען נאָך געווען בערגלעך זאַמד. קוס-טעס צווישן זיי, צוויי לאַנגע שמוציקע געביידעס אויפן זאַמד, ענלעך צו זייער גרויסע, און דערנאָך צונויפגעקלאַפּטע טרומנעס. נאָר דאָס אַלץ איז געווען עלנט און נישטיק פאַרן פּנים פונם מעכ-טיקן ים, און די שטערן, וואָס האָבן אויף דעם געקוקט, האָבן קאַלט געשימערט.

* *

*

דער פאָטער און דער זון זענען געזעסן אין בויד איינער אַקעגנאיבער דעם אַנדערן און האָבן געטרונקען בראָנפן. דעם בראָנפן האָט געבראַכט מיט זיך דער זון, כּדי עס זאָל נישט זיין לאַנגווייליק צו זיצן ביי פאָטער און כּדי אים דערמיט „אונטערצוקויפן", ער זאָל נישט זיין בייז אויף אים. סעריאָזשקא האָט געזאָגט יאַקאָוון, אַז דער פאָטער איז אויף אים ברוגז צוליב מאַלווען און אַז מאַלווען סטראַשעט ער שטאַרק אָנצו-ברעכן די ביינער; אַז מאַלוואַ ווייסט וועגן דער דאָזיקער דראָ-ונג און דערום גיט זי אים, יאַקאָוון, נישט נאָך און זיין באַ-גערע איר ווערט אַזוי אַרום, נישט מקוים. סעריאָזשקא האָט גיפטיק פון אים חוזק געמאַכט.

— ער וועט דיך שוין אָנלערנען פאַר דיינע מאוסע מעשׂים! ער וועט דיר אַזוי אָנציען די אויערן אַז זיי וועלן האָבן אָן אַרשין די לענג. זע, דו זאָלסט נישט אַריינפאַלן אין זיינע הענט און נישט קומען פאַר זיינע אויגן!

די שפּאָטישע רייד פונם דאָזיקן רויטן נישט-אָנגעזעענעם בחור האָבן דערוועקט אין יאַקאָוון אַ שאַרפן כּעס קעגן פאָ-טער. און דערצו נאָך האָט מאַלוואַ נאָך אַלץ נישט אַרויסגעוויזן

קיין חשק אים נאָכצוגעבן. זי האָט אויף אים געקוקט דאָ מיט אַזאַ אומערט און דאָ חוצפּהדיק און אַרויסרופנד, שטאַרקער מאַכנדיק נאָך דערמיט זיין פאַרלאַנג זי צו האָבן... און חוץ דעם דערמאָנט זי אים אויך אַלץ וועגן פאָטער.

און אָט איז יאַקאָוו געקומען צום פאָטער און קוקט אויף אים ווי אַ שטיין אויפן וועג צו זיין, יאַקאָווס, ציל, ווי אויף אַ שטיין, איבער וועלכן ס'איז אוממעגלעך אַריבערצושפּרינגען און נישט אויסצומיידן. נאָר פילנדיק, אַז ער האָט גאָרנישט מורא פאַרן פאָטער, האָט יאַקאָוו דרייסט אים געקוקט אין די בייזע און כמורנע אויגן, פונקט ווי ער וואָלט אים געוואָלט זאָגן:

— אַ נו, פּרוּוו נאָר אָקאָרשט מיך אָנצורירן?!

זיי האָבן שוין צוויי מאָל אויסגעטרונקען, נאָר גאָר נאָך נישט געזאָגט איינער צום אַנדערן, אַ חוץ עטלעכע נישט וויכטיקע ווערטער וועגן דעם לעבן אויף דער פישעריי. איינער קעגן איינעם, און מיטן ים, האָבן זיי געזאַמלט אין זיך כעס איינער קעגן דעם אַנדערן און ביידע האָבן געוווסט, אַז באַלד וועט זיך דער כעס אָנצינדן און זיי אָפּברענען.

די ראָגאַזשעס פון בויד האָבן גערוישט אונטערן ווינט, די ווענטלעך פון קאָרע האָבן זיך געקלאַפּט איינע אָן דער אַנדערע און געפליסטערט פון עפּעס האָט די רויטע שמאַטע אויפן סלופּ. די אַלע קלאַנגען זענען געווען ציטערדיקע און ענלעך צו אַ ווייטן שעפּטשען, וואָס האָט נישט אַנטשיידן און נישט דייטלעך וועגן עפּעס געבעטן.

— וואָס, סעריאָזשקאַ טרינקט נאָך אַלץ? — האָט וואַסילי אָנגעבלאָזן געפרעגט.

— יאָ, ער טרינקט... יעדן אָוונט איז ער שכור... — האָט אים געענטפערט דער זון, אָנגיסנדיק נאָך בראָנפן.

— סוועט שוין פון אים קיין לייט נישט זיין... אַ פאַרפאַלענער מענטש... אָט דאָס איז עס דאָס פריי לעבן זיינס... אָן פּחד... אַ שיינעם פּנים האָבן יענע, וואָס פירן אַזאַ אַרט

לעבן. אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרן... דו וועסט אויך זיין אַזעלכער, ווי ער... דו גייסט אויך איך זיינע דרכים.

יאַקאָוו האָט נישט ליב געהאַט סעריאָזשקען און האָט דערום קורץ אָפּגעענטפערט:

— איך וועל נישט זיין אַזעלכער, ווי ער!

— וועסט נישט זיין, זאָגסטו?! — האָט כמורנדיק די ברעמען, וואַסילי געזאָגט — איך ווייס, וואָס איך זאָג... ווי לאַנג ביסטו דאָ שוין? שוין, דאַכט זיך, ווי דריי חדשים, אין ניכן וועסטו דאַרפן זיך צוריקקערן אַהיים, און זאָג: פיל געלט האָסטו פאַר דער צייט אָפּגעשפּאַרט, כדי עס אַהיים אַוועקצופירן?

ער האָט ברוגז אַ גאָס געטאָן פון קעלישעק צו זיך אין מויל אַריין דעם בראָנפן, וואָס דער זון האָט אים אָנגעגאָסן, און צונויפנעמענדיק אין דער האַנט, די באָרד זיינע האָט ער זי אַזאַ צופּ געטאָן, אַז ביי אים האָט זיך אַ טרייסל געטאָן דער קאָפּ.

— פאַר אַזאַ קליינע צייט איז פיל צו זאַמלען געווען אוממעגלעך — האָט, יאַקאָוו זאַכלעך געענטפערט.

— ווי באַלד אַזוי, האָסטו, נישט דאָ וואָס זיך אַרומצודרייען. — גיי צוריק אַוועק אין דאָרף אַריין.

יאַקאָוו האָט שווייגנדיק אַ לאַך געטאָן.

— וואָס קרומסטו דאָס פּנים? — האָט וואַסילי דראָענדיק אַ געשריי געטאָן, ווערדיק שטאַרק אין כעס פון צוזען, ווי זיין זון פאַרהאַלט זיך רויק — דער פאָטער רעדט און דו לאַכסט. געדענק! האָסט, דאַכט זיך, צו פרי גענומען די פרייהייט אין אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די צוים. זע, זאָלסט קיין חרטה נישט האָבן און כזאָל דיך נעמען אין די הענט אַריין...

יאַקאָוו האָט אָנגעגאָסן איין קעלישעק בראָנפן און אויסגעטרונקען. פון דאָזיקן גראָבן טשעפּען זיך צו אים, „פון דער העלער הויט” האָט ער זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט, נאָר ער האָט זיך אָנגענומען מיט כח, נישט צו ענטפערן אויף דעם פאָטערס זלזולים און נישט ריידן צו אים אַזוי, ווי ער האָט געהאַט בדעה און געוואָלט ריידן. ער האָט זיך פון דעם צו-

ריקגעהאַלטן כּדי נישט אַריינצובריענגען דעם פּאָטער אין משגעת.
איצט איז ער אַביסל אַראָפּגעפאַלן און מורא געקריגן פאַר זיין
בליק, וועלכער האָט געבליצט בייז, גרויזאַם און שרעקלעך.

און וואַסילי, זעענדיק אַז זיין זון האָט אויסגעטרונקען
נאָך אַ גלעזל שנאַפּס און אים נישט אָנגעגאָסן נאָך אַ גלעזל,
איז נאָך מער אין כּעס געוואָרן, ווערנדיק אָבער גלייכצייטיק
רויקער און שאַרפער.

— דער טאַטע זאָגט דיר — פאַר אַהיים און אים מיט
אַ געלעכטערל? וואָס מיינסטו דיר, שנעק איינער! ווי באַלד
אַזוי, וועל איך דיר ווייזן, ווער עלטער איז... זאָלסט היינטיקן
שבת זיך אָפּרעכענען אין דער פישעריי און תּיכף אַוועק אין
דאָרף אַריין, דו הערסט?

— כוועל נישט פאָרן אין דאָרף אַריין! — האָט יאַקאָוו
פעסט אַ זאָג געטאָן, אַ ציטער טוענדיק מיט גאַנצן קערפּער און
און עקשנותדיק אַ מאַך טוענדיק מיטן קאָפּ.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ ענטפער! — האָט וואַסילי אַ
רעווע געטאָן און אָנשפאַרנדיק זיך מיט די הענט אָן דער
פּאַס, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט. — כרעד צו
דיר, אָדער נישט? וואָס ריטשעסטו, כּלב, קעגן דיין פאָטער!
האָסט פאַרגעסן, אַז כקען מיט דיר טאָן, וואָס איך וויל, האָסט
פאַרגעסן.

די ליפּן האָבן ביי וואַסילין געציטערט און דאָס פּנים
איז פאַרצויגן געוואָרן פון קראַמפּן, צוויי אָדערן האָבן זיך
אָנגעבלאָזן און די שלייפן.

כ'האָב גאָר נישט פאַרגעסן... — האָט האַלב שטיל
יאַקאָוו זיך אָפּגערופן, נישט קוקנדיק אויפן פאָטער; הלוואי
זאָלסטו אַזוי נישט פאַרגעסן געוויסע זאַכן, ווי איך פאַרגעס
נישט...

— נישט דיין עסק מיך צו לערנען! דרך ארץ! כוועל
דיך צושמעטערן אויף שטיקלעך, דו לאָבוז איינער... כוועל פון
דיר מאַכן אַ בארג אַש.

יאַקאָוו האָט זיך אַ קער אָפּ געטאָן פון פאָטערס האַנט

וואָס איז געווען אויפגעהויבן איבער זיין קאָפּ, און פּיַנדיק, ווי אין אים קאָכט אויף אַ ווילדער כּעס, האָט ער, צונויפּרעסט די ציינער און גיך אָפּגערופן:

— טשעפּע מיך נישט!.. דאָ איז נישט דאָס דאָרף אונדזערס... דאָ טאָר מען נישט שלאָגן קיין אייגענעם זון...

— שטיל, שייגעץ! אומעטום בין איך דיר אַ טאַטע. אומעטום האָב איך רעכט צו טאָן מיט דיר, וואָס איך וויל.

— דאָ אין וואָלאָסט וועסטו מיך נישט לאָזן אָפּשמייסן, דאָ איז נישטאָ קיין וואָלאָסט... — האָט יאַקאָוו אַ לאַך געטאָן אים גלייך אים פּנים אַריין און זיך אויך פּאַמעלעך אויפגעהויבן פון אָרט.

זיי זענען געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן. מיט בלוט אָנגעגאָסענע אויגן, אויסציענדיק פאָרנט דעם האַלדז, האָט וואַסילי צונויפגעביילט די פויסטן און געאָטעמט דעם זון זיינעם אין פּנים מיט אַ הייסן אָטעם, געמישט מיט אַ ריח פון שנאַפּס; יאַקאָוו האָט זיך איינגעבויגן הינטערווייַלעכס און אויפמערקזאַם מיט אַ בייזן בליק, געקוקט אויף יעדע באַוועגונג, וואָס זיין פאָטער האָט בשעת מעשה געמאַכט, גרייט אָפּצושטויסן די קלעפּ זיינע, אויסערלעך רויק, נאָר אינגאַנצן אין אַ הייסן שווייס צווישן זיי ביידע איז געשטאַנען אַ פּאַס, וואָס האָט זיי געדינט פאַר אַ טיש.

— כוועל דיך דאָ נישט אָפּשמייסן, זאָגסטו? — האָט וואַסילי הייזעריק געפרעגט, אויסבייגנדיק דעם רוקן, ווי אַ קאַץ, וואָס איז גרייט אַ שפּרונג צו טאָן.

— דאָ זענען אַלע גלייך.. דו ביסט אַן אַרבעטער און איך אויך.

— אַזוי גאָר?

— וואָס דען? וואָסטו זיך צו מיר אָנגעטשעפּעט? מיינסט, איך פאַרשטיי נישט? דו מוזט אַליין פריער...

וואַסילי האָט אַ ריטשע געטאָן און אַזוי שנעל אַ הויב אויף און אַ לאָז אַראָפּ געטאָן די האַנט, אַז יאַקאָוו האָט נישט באַוויזן זיך אָפּצוקערן פון איר. דעם קלאַפּ האָט ער געטראָפן

אין קאָפּ ער האָט זיך אַ שאָקל געטאָן און אויסגעשטשערעט די ציין אויף דאָס חיהשע פּנים פון זיין פאָטער, וואָס האָט שוין נאָך אַמאָל געהאַט אויפגעהויבן די האַנט.

— געדענק!... האָט ער געוואָרנט דעם פאָטער, צונויפ-ביילנדיק די פויסטן.

— כ׳וועל דיר שוין ווייזן „געדענק״!

— לאָז מיך געמאַך.

— אַך דו געמיינער כלב איינער!... דעם טאַטן?... דעם טאַטן?...

זיי איז דאָ ביידע געוועזן ענג. צווישן די פּיס ביי זיי האָט זיך געפּלאָנטערט אַ ליידיקער זאַק פון זאַלץ, די איבער-געקערטע פּאַס און דאָס קלעצל.

ווערנדיק זיך מיט די פויסטן פאַרן פאָטערס קלעפּ, איז יאַקאָוו, אַ בלייכער און פאַרשוויצטער, מיט צענויפגעפּרעסטע ציין און מיט אַ בייזן בליק, וואָס האָט געברענט ווי ביי אַ וואָלף, — פּאַמעלעך אָפּגעטרעטן פאַרן פאָטער און יענער האָט זיך אויף אים אָנגערוקט, פּאָכנדיק משוגע מיט די הענט אין דער לופטן, בלינד און זיין צאָרן און מיטאַמאָל אַזוי משוגה-דיק צעשויבערט — איז ער געווען צעיושעט ווי אַ ווילדער חזיר.

— לאָז אָפּ... גענוג... הער אויף! — האָט יאַקאָוו גע-זאָגט, שרעקלעך בייז אָבער רויק, געזאָגט, אַרויסגייענדיק פון דער בוי-טיר אין דרויסן.

דער פאָטער האָט נאָך אַלץ געריטשעט און איז אויף אים געקראָכן, אָבער די קלעפּ זיינע האָבן געטראָפן יאַקאָוון בלויז אין די פויסטן.

— זע נאָר, זע, ... ער וויל נישט נאָכגעבן — האָט אים יאַקאָוו גערייצט, האַלטנדיק זיך פאַר מער פלינקער און נישט מורא האָבנדיק.

— וואַרט נאָר... וואַ—רט...

נאָר יאַקאָוו האָט אַ שפּרונג געטון אין אַ זייט און זיך געלאָזט לויפן צום ים.

וואַסילי איז אים נאָכגעלאָפן, איינבייגנדיק דעם קאָפּ און אויסציִענדיק פאָרנט די הענט, נאָר ער האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן עפּעס מיטן פוס און אַ פאַל געטון מיט דער ברוסט אויפן זאַמד. ער האָט זיך שנעל אויפגעהויבן אויף די קני און זיך אַנידערגעזעצט, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די הענט אין זאַמד. וואַסילי איז געווען אינגאַנצן פאַרמאַטערט פון אויפרעגונג, פון אַרומלויפן און פאַלן און ער האָט מוראדיק זיך צעוויינט און צושריִען פון ברענענדיקן געפיל, וואָס דער זון האָט אים אַזוי באַליידיקט און פון ביטערן באַוווסטזיין פון זיין שוואַכקייט...

— נישט געדאַכט זאָלסטו ווערן! — האָט ער אָנגעהויבן צו כריפּען, אויסציִענדיק דעם האַלז צו יאַקאָוון און אויסשפּיי-ענדיק דעם שוים פון משוגענעם כעס פון זיינע ציטערנדיקע ליפּן.

יאַקאָוו האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אינם שיפל און געקוקט אויפן פאָטער, רייבנדיק מיט דער האַנט דעם צע-ביילטן קאָפּ. איין צאַרבל פון זיין העמד איז געווען אָפּגעריסן און איז געהאָנגען אויף אַ פאָדעם, דער קראַגן איז אויך גע-ווען צעריסן און די ווייסע שוויציקע ברוסט זיינע האָט גע-בלאַנקט אויף דער זון, און האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט גע-ווען באַשמירט מיט פעטס. ער האָט איצט געפילט אַ פאַראַכ-טונג צום פאָטער; ער האָט געהאַלטן ביזן געראַנגל מיטן פאָ-טער, אַז ער איז שטאַרקער און האָט מער כח פאַר אים אָבער זעענדיק איצט ווי דער פאָטער אַן עלנטער און צעשויבערטער זיצט אויפן זאַמד און דראָט אים מיטן פויסט, האָט ער גע-שמייכלט מיט אַ נאַכטזיכטיקן שמייכל, מיט אַ שמייכל פון אַ שטאַרקן צו אַ שוואַכן.

— אַ דונער זאָל אין דיר אַריין: פאַרשאָלטן זאָלסטו זיין פון מיר אויף אייביק!

וואַסילי האָט אַזוי הויך אויסגעשריִען זיין קללה, אַז יאַ-קאָוו האָט נישט ווילנדיק זיך אַרומגעקוקט אויף דער ווייטקייט פון ים צו דער פישעריי, פונקט ווי ער וואָלט געמיינט, אַז

דאָרט וועט מען דערהערן דעם דאָזיקן קראַנקן געשריי פון מאַכטלאָזיקייט.

נאָר דאָרט האָט מען נאָר געזען כוואַליעס און זון. דאַן האָט ער אויסגעשפּיגן אָן אַ זייט און געזאָגט;

— שריי!.. ווען מען טוסטו מיט דעם שלעכטס? זיך אַליין באָד... און ווען צווישן אונדז איז שוין אַרויסגעקומען, וויל איך דיר אָט וואָס זאָגן... כּדי איין מאָל פאַר אַלע מאָל און מיט־אַמאָל צו מאַכן אַ סוף...

— שווייג! אַוועק פון מיינע אויגן... אַוועק! — האָט וואַסילי אַ געשריי געטאָן.

— אין דאָרף וועל איך זיך נישט צוריקקערן... כוועל דאָ פאַרברענגען דעם ווינטער... — האָט יאַקאָוו געזאָגט, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף די דאָזיקע געשרייען, אָבער נישט אויפהערנדיק פאַרפאָלגן די באַוועגונגען פון זיין פאָטערס האַנט — מיר איז דאָ בעסער... כפאַרשטיי עס, כבין נישט קיין נאַר... דאָ לעבט זיך לייכטער... אין מער פרייהייט דאָרט וואָלסטו געהאַט רעכט זאָגן אַ דעה איבער מיר, און דאָ — דאָ האָב דיך אין לויוויטש, דאָ — נאַ, פאַרזוך עס!

ער האָט געוויזן דעם פאָטער אַ פייג און זיך צולאַכט, נישט הויך, נאָר אַזוי, אַז וואַסילי איז ווידער שרעקלעך אין כּעס געוואָרן און האָט אַ שפּרונג געטאָן אויף די פיס, אַ כאַפּ טוענדיק אַ וויעסלאַ און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף יאַקאָוון, אויסשרייענדיק מיט אַ הייזעריקן קול;

— דעם טאַטן? ווייזטו אַ פייג?! אַ? כוועל דיר דער־הרגענען... כוועל פון דיר מאַכן אַש און בלאָטע... און ווען וואַסילי, בלינד פון ווילדן כּעס, איז צוגעשפּרונגען צום שיפל, איז יאַקאָוו שוין געווען ווייט פון אים. ער איז געלאָפן און דער אָפּגעריסענער אַרבל פון זיין הצמד האָט זיך נאָך אים געטראָגן זיך געבאָמבלט אין די לופטן.

וואַסילי האָט אויף אים אַ וואָרף געטאָן אַ וויעסלאַ נאָר זי איז נישט דערפליגן צו יאַקאָוון, און ווידער אַן אָפּגע־שוואַכטער, איז ער אַ פאַל געטאָן מיט דער ברוסט אין שיפל און

נעדראַפּעט מיט די נעגל דאָס האַלדז פון די זייטן אין דנאָ, קוקנדיק אויפן זון, וואָס האָט אויף אים געשריען פון הינטן!

— שעמען מעגסטו זיך! שוין אַ גראָער, דאכט זיך, און צוליב אַ פרוי איז ער ווילד געוואָרן ווי אַ חיה... אַך, דו'! אין דאָרף אַריין וועל איך זיך נישט צוריקקערן... נישט צוריקקערן! פּאָר אַליין אַהין... האָסט שוין, סיי ווי סיי, דאָ נישט וואָס צו טאָן...

— יאַשקא! שוויג! — האָט וואַסילי אָנגעהויבן ווילד צו שרייען. איבערשרייענדיק יאַקאָווס קול — יאַשקא! כוועל דיך דערהרגענען... אַוועק פון מיינע אויגן! אַוועק!!

נאָר — יאַקאָוו — איז שוין געגאַנגען און געלאַכט.

וואַסילי האָט מיט טעמפּע און זונלאָזע אויגן געקוקט ווי יאַקאָוו גייט. אָט איז ער געוואָרן קורצער, זיינע פיס זענען ווי טיף איינגעזונקען אין זאַמד... ער איז אַריין אין זאַמד ביז די לענדן... ביז די פּלייצעס... און אָט — שוין ביזן קאָפּ... ער איז שוין נישטאָ... נאָר אין אַ מינוט אַרום, אַביסל ווייטער פון יענעם אָרט, וווּ ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, האָט זיך ווידער תּחילת באַוויזן זיין קאָפּ, די פּלייצעס און דערנאָך — ער ווידער, אינגאַנצן... ער איז איצט געוואָרן קלענער... ער האָט זיך אומגעקוקט מיטן פּנים אַהער און שרייט עפּעס.

— נישט געדאַכט זאָלסטו ווערן! גאָטס צאָרן זאָל זיך אויף דיר אויסגיסן! — האָט וואַסילי געענטפערט אויף דעם זונס געשריי.

און יענער האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, האָט ווייטער אָנגעהויבן צו שפּאַנען און איז ווידער פאַרשווינדן געוואָרן פון יענער זייט זאַמד-בערגל.

וואַסילי האָט נאָך לאַנג געקוקט אויף יענע זייט, ביז וואַנען דער רוקן האָט אים נישט אָנגעהויבן ווייי צו טאָן פון דער אומבאַקוועמלעכער פּאָזע, אין וועלכער ער איז האַלב געלעגן, אָנשפּאַרנדיק זיך מיטן רוקן אויפן שיפל און מיט די הענט — אָנם זאַמד. נידעריקער צושלאָגענער און צעבראָכענער, איז ער אויפגעשטאַנען אויף די פיס און האָט זיך אַ שאָקל געטאָן פונם

נאָגנדן ווייטאָג אין די ביינער. דער גאַרטל איז אים אַרויסגעגע־
קראָכן ביז די פּאַכוועס, ער האָט אים פונאַנדערגעבונדן מיט
די הילצערנע פינגער, צוגעטראָגן צו די אויגן און אים אַ וואָרף
געטאָן אויפן זאַמד. דערנאָך איז ער אַוועק אין בויד און, אָפּ־
שטעלנדיק זיך פאַר אַ טיפעניש אין זאַמד, האָט ער זיך
דערמאָנט, אַז אויף דעם אָרט איז ער אַנידערגעפאַלן און אַז
ווען ער וואָלט נישט אַנידערגעפאַלן, וואָלט ער אפשר דעם
זון זיינעם געפאַקט און דער קאַמף וואָלט, דאַן זיך אפשר גאָר
אַנדערש געענדיקט. אין בויד איז אַלץ געווען פונאַנדערגעוואָרפן.
וואַסילי האָט מיט די אויגן געזוכט די פלאַש מיט בראָנפן און
געפונענדיק עס צווישן די זעק, דאָט ער די פלאַש אויפגע־
הויבן. דער קאָרק איז געזעסן האַרט אין העלדזל פון פלאַש
און דער שנאַפּס האָט זיך נישט אויסגעגאָסן. וואַסילי
האָט פאַמעלעך אַרויסגעצויגן דעם קאָרק און אַריינרוקדיק זיך
אין מויל דאָס העלדזל פון פלאַש, האָט ער געוואָלט טרינקען.
דאָס גלאָז פונם פלאַש־העלדזל האָט אָבער געקלאַפּט אָן זיינע
ציין און דער שנאַפּס האָט זיך פון מויל געגאָסן. אויף זיין
באָרד, אויף זיין ברוסט. דער שנאַפּס איז געווען אָן אַ טעם,
ווי וואַסער,

וואַסילין האָט געשווינדלט דער קאָפּ, אויפן האַרצן איז
אים געווען שווער און ביטער, דער רוקן האָט אים גענאָגט
און שטאַרק ווי געטאָן.

— יאָ, כבין שוין אַלט... נושטאָ שוין קיין כחות... —
האָט ער אין דער הויך געזאָגט און זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן
זאַמד ביים אַריינגאַנג אין בויד.

פאַר אים איז געלעגן דער ים — אַ אומגעהויער גרויסער,
פול מיט קראַפט און שענקייט... געלאַכט האָבן די כוואַליעס,
ווי שטענדיק רוישיקע און שטיפנדיקע. וואַסילי האָט לאַנג גע־
קוקט אויף דעם וואַסער און זיך דערמאָנט זיין זונס גיריקע
ווערטער:

— אָך, ווען דאָס אַלץ וואָלט געווען, ערד! ווען דאָס

וואָלט דערצו נאָך געווען טשערנאָזיאָם!*) ווען מוואָלט אַזאַ אומגעהויער שטח ערד פֿאַראַקערט!

אַ נאָגיק געפֿיל פֿון אומעט האָט באַהערשט וואַסילין. ער האָט זיך שטאַרק אַ רייב געטאָן די ברוסט, זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך און שווער אָפּגעזיפֿצט. זיין קאָפּ האָט זיך נידריק אַראָפּגעלאָזט און דער רוקן האָט זיך איינגעבויגן, פּונקט ווי עמיץ האָט אַ שווערע לאַסט אויף אים אַרויפֿגעלעגט אין האָט אים געשטיקט ווי פֿון אַ אַסטמאַ-אַטאַקע. וואַסילי האָט אָפּגעהוסט און זיך איבערגעצלמט, קוקנדיק אויפֿן הימל. אַ שווערע מחשבה האָט אים אַרומגענומען און געהאַלטן פֿעסט אין די לאַפּעס:

דערפֿאַר, וואָס ער האָט צוליב אַן אויסגעלאַסענער פּרוי, אַוועקגעפּאָרפֿן זיין ווייב, מיט וועלכער ער האָט אָפּגעלעבט, ערלעך אַרבייענדיק אויף חיונה, מער ווי אַנדערטהאַלבן צענדליק יאָר; האָט דער אויבערשטער אים באַשטראָפֿן דערמיט, וואָס זיין אייגענער זון אין איינגעשטאַנען קעגן אים. אַזוי, גאָטעניו!

פֿאַרשוועכט האָט אים דער זון, צעריסן אים דאָס האַרץ אויף שטיקער... דערהרגענען אים דערפֿאַר איז נאָך ווייניק — דערפֿאַר וואָס ער האָט דעם פֿאָטער אַזוי ברוטאַל באַהאַנדלט. און צוליב וואָס? צוליב וואָס איז אַרויסגעקומען די גאַנצע מחלוקה? צוליב אַן אויסגעלאַסענער פּרוי, וואָס פֿירט אַזאַ מיאוסן אַרט לעבן! אַוודאי איז דאָס געווען אַן עבירה פֿאַר אים, אַן אַלטן מענטש, צו האָבן מיט איר עסקים, פֿאַרגעסנדיק אָן זיין ווייב, אינעם זון...

און אָט האָט דער אייבערשטער, אין זיין הייליקן צאָרן, אים דערמאָנט, דורכן זון האָט ער אים דערלאַנגט אַ קלאַפּ איבערן האַרצן, אַראָפּגעשיקט אים זיין גערעכטיקער שטראָף... אַזוי, גאָטעניו!

וואַסילי איז געזעסן איינגעבויגן און האָט זיך געצלמט

---

*) שוואַרצע, פֿעטע ערד

און אָפּט געפּינטלט מיט די אויגן, אַראָפּיאָגנדיק מיט די ווייעס די טרערן, וואָס האָבן אים ווי פֿאַרבלענדעט.

די זון האָט זיך שוין אַראָפּגעלאָזט אין ים און אויפֿן הימל איז שטיל אויסגעלאָשן געוואָרן דער העל רייטער-שיין פֿונעם זון-אונטערגאַנג. פֿון דער שטומער ווייטקייט האָט זיך געטראָגן אַ וואַרימער ווינט און געבלאָזן אין וואַסיליס פּנים, וואָס איז געווען נאַס פֿון טרערן. פֿאַרזונקען אין חרטה און תּשובֿה-מחשבֿות, איז ער געזעסן אַזוי ביז באַגינען און דאַמאָלס ערשט איינגעשלאָפֿן.

צומאָרגנס נאָך דער מחלוקה מיטן פֿאָטער איז יאַקאָוו מיט אַ גרופּע אַרבעטער אַוועקגעפֿאָרן אויף אַ באַרקע, געשלעפּט דורך אַ דאַמפּער, אויף אַ וויאָרסט דרייסיק פֿון דער פֿישעריי אין אַ ים אויסגוס כּדי צו כאַפּן דאָרט אַ שטער *) אין פֿינף טעג אַרום האָט ער זיך צוריקגעקערט צו דער פֿישעריי אַליין גלייך אויף אַ זעגל-שיפֿל. מ'האָט אים געשיקט נאָך פּראָוויזיע. ער איז געקומען צו פֿאָרן צו מיטאָג-צייט, ווען די אַרבעטער האָבן שוין געהאַט אָפּגעגעסן מיטאָג און זיך אָפּגערוט. ס'איז געווען אומערטרעגלעך הייס, דער שטאַרק אָנגעגליטער זאַמד האָט געבריט די פֿיס און די שלייפֿן און ביינער פֿון פֿיש האָבן זיך געשטאָכן. יאַקאָוו האָט פֿאָרזיכטיק געשפּרייזט צו די באַראַקן ער איז געווען אויף זיך אין כּעס און זיך גענידלט דערפֿאַר, וואָס ער האָט נישט אָנגעטון קיין שטיוול. צוריקקערן זיך אויף דער באַרקע; האָט ער זיך געפֿוילט, חוץ דעם איז ער געווען הונגעריק און האָט זיך געאײַלט עפּעס עסן — און זען מאַלווען. פֿאַר דער דאָזיקער לאַנגווײַליקער צײַט, וואָס ער האָט פֿאַרבראַכט אויפֿן ים, האָט ער זיך אין איר אָפּטמאָל דערמאָנט. אים האָט זיך איצט געוואָלט זיך דערוויסן, צי זי האָט נעזען זײַן פֿאָטער און וואָס ער האָט איר דערציילט... אפֿשר האָט ער זי געשלאָגן? אויסברעכן איר די ביינער — שאַדם

*) אַ גרויסער ים-פֿיש

ניט; זי וועט, באַקומענדיק גוטע קלעפּ, וועט זי בעסער ווערן. איז שוין צו חוצפּהדיק, צו פלינק און צו היציק.

אויף דער פישעריי איז געווען שטיל און פּוסט די פענצטער אין די באַראַקן זענען געווען אָפן און די דאָזיקע גרויסע הילצערנע קאַסטנס. — די באַראַקן. האָבן אויך אויסגעזען פאַרשמאַכט פון דער היץ. אין קאַנטאָר פון די אָנגעשטעלטע, וועלכע האָט זיך באַהאַלטן צווישן די באַראַקן, האָט זיך אַ קינד שרעקלעך געריסן אויפן קול. פון הינטער אַ הויפן עסער האָבן זיך דערטראָגן עמיצנס שטילע שטימעס.

יאַקאָוו האָט דרייסט זיך געלאָזט גיין אַהין, פון וואַנען די דאָזיקע שטימען האָבן זיך געהערט: אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס רעדט מאַלווא.

נאָר צוגייענדיק צו די פענסטער און אַ קוק טוענדיק אויף זיי, האָט ער אַ שפרונג אָפּ געטון צוריק און איז געבליבן שטיין.

פון יענער זייט פענסטער, אין זייער שאָטן, איז מיט דער ברוסט אַרויף, פאַרוואַרפנדיק די הענט אונטערן קאָפּ געלעגן דער רויטער סעריאָזשקאַ. אויף איין זייט איז געזעסן יאַקאָווס פאָטער און אויף דער אַנדערער זייט — מאַלוואַ.

יאַקאָוו האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן זיין פאָטער: — וואָס טוט ער דאָ? אפשר האָט ער געבעטן, מ׳זאָל אים געבן אַן אַנדער שטעל און איז פון זיין רויקער וועכטער-שטעל אַריבער אַהער, כדי צו זיין נענטער צו מאַלווען און אים, יאשקן, צו איר ניט צוצולאָזן? אָ. דו אַלטער אַשמדאַי! ווען די מאַמע וואָלט געוווּסט וועגן זיינע אַלע מעשים טובים!... צוגיין צו זיי, אָדער ניט?

— אַזוי — האָט סעריאָזשקאַ געזאָגט — הייסט עס — זיי געזונט? פאַרלאָזטו אונדז גאָר, הייסט עס? וואָס-זשע! גיי זיך דיר בשלום און גריבל זיך דאָרט אין דער ערד...

יאַקאָוו האָט אַ ציטער געטון און פריידיק אַ פינטל געטון מיט די אויגן.

— יאָ, כ'פאָר אַוועק... — האָט מיין פאָטער זיך אָפּגערופן.

דאַן האָט יאַקאָוו דרייסט געמאַכט עטלעכע שריט פאָרויס און באַגריסט זיי אַלע דריי.

— מיין הויכאַכטונג פאַר דער ערלעכער קאָמפּאַניע!

דער פאָטער האָט אַ וואָרף געטון אויף אים אַ בליק און זיך אָפּגעקערט אין אַ זייט, מאַלוואַ האָט זיך ווי געמאַכט נישט זעענדיק און נישט הערנדיק און סעריאָזשקע האָט אַ בריקגעטון מיט דעם פוס אין די לופטן און מיט אַ געדיכטער שטים אַ זאָג געטון:

— אָט האָט זיך צוריקגעקערט פון ווייטער לענדער אונדזער געליבטער זון יאַשקאַ! — און מיט זיין געוויינלעכן טאָן האָט ער צוגעגעבן: מ'דאַרף אים אָפּשינדן די הויט אויף אַ באַראַבאַן... ווי די פעל פון אַ-שעפסל.

מאַלוואַ האָט זיך שטיל צולאַכט.

— הייס! — האָט יאַקאָוו געזאָגט, אַנידערזעצנדיק זיך נעבן זיי.

וואַסילי האָט ווידער, ווי נישט ווילנדיק, אויף אים געכאַפּט אַ קוק.

— כ'וואַרט אויף דיר דאָ יאַקאָוו, פון אין דער פרי אָן. נעכטן האָט מיר דער פריקאַשטשיק געזאָגט, אַז דו וועסט קומען צו פאָרן... — האָט ער אָנגעהויבן צו ריידן.

זיין שטים האָט א זיך יאַקאָוון אויסגעוויזן שוין פיל שטילער, ווי שטענדיק און זיין פנים איז אויך געוואָרן גאָר אַן אַנדערש עפּעס אַ גאָר ניי פנים.

— כ'בין געפאָרן נאָך פריוווזיע... — האָט ער מיטגעטיילט און געבעטן ביי סעריאָזשקען טאַבאַק אויף אַ פאַפּיראָס.

— כ'האָב נישט קיין טאַבאַק פאַר אַזאַ שוטה, ווי דו, — האָט סעריאָזשקא געזאָגט, נישט אַ ריר טוענדיק זיך פון אָרט.

— כ'פאָר אַוועק אַהיים, יאַקאָוו, — האָט וואַסילי געזאָגט, גריבלענדיק זיך מיטן פינגער פון דער האַנט אין זאַמד.

— גאָר אַזוי! — האָט דער זון אויף אים אומשולדיק אַ קוק געטאָן.

— נו, און דו... דו בלייבסט דאָ?

— יאָ, איך פאַרבלייב דאָ... וואָס וועלן מיר ביידע טאָן אין דערהיים?

— נו... כ'וועל אין דערהיים גאָרנישט דערציילן. טו ווי דו ווילסט... ביזט נישט קיין קליין קינד. נאָר געדענק... געדענק, אַז איך וועל נישט לאַנג אָנציען. לעבן, קען זיין, וועל איך לעבן, אָבער אַרבייטן, ווייס איך נישט. צי כ'וועל קענען... כ'בין, אפנים, שוין אָפּגעוווינט פון דער ערד... זאָלסטו געדענקען, אַז דו האָסט דאָרט אַ מוטער ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

אים וואַסילין איז, אפנים, געווען שווער צו ריידן: ווערטער זענען ווי פאַרזונקען געוואָרן ביי אים אין די ציינער. ער האָט געגלעט די באָרד און די האַנט האָט ביי אים געציטערט.

מאַלוואַ האָט נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים די אויגן... סעריאָזשקאַ האָט צוזאַמענגעצויגן איין אויג און דאָס אַנדערע געמאַכט קיילעכדיק און עס אָנגעשטעלט אויף יאַקאָוון. יאַקאָווי איז געווען מלא שמחה נאָר ער האָט אָבער מורא געהאַט אַרויסצווייזן אַז ער פרייד זיך, וואָס דער פאָטער פאָרט אַוועק, און געשוויגן, קוקנדיק אויף זיינע פיס.

— זע זשע, יאַקאָוו, זאָלסט נישט פאַרגעסן אָן דיין מוטער... זע, דו ביזט דאָך ביי איר איינאון איינציקער, — האָט וואַסילי געזאָגט.

— וואָס איז דאָ וואָס צו ריידן? — האָט דער פאָטער געענטפערט און אויף אים אַ קוק געטאָן מיט מיסטרוי. — כ'זאָג נאָר דו זאָלסט נישט פאַרגעסן.

— נו...

וואַסילי האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן. עטלעכע לאַנגע מינוטן האָבן זיי אַלע פיר געשוויגן. דערנאָך האָט מאַלוואַ זיך אָפּגערופן:

— באַלד וועט מען אָנהויבן קלינגען צו דער אַרבעט...

— נו, כ'וועל גיין... האָט וואַסילי, אויפהויבנדיק זיך פון אָרט, ערקלערט, און אַלע פיר האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע ערטער.

— זיי געזונט. סערגיי... אויב ס'וועט דיר אויסקומען צו זיין אין אונדזערע מקומות, אויף דער וואָלגאַ, — וועסטו אפשר מיך באַזוכן? איך וווין אין דאָרף מאַזלאָ, סימבירסקער אויעזד, ניקאָלאַ-ליקאָווער וואָלאסט. וועסטו געדענקן?

— גוט, — האָט סעריאָזשקאַ געענטפערט אַ שאָקל טוענדיק אים די האַנט און נישט אַרויסלאָזנדיק זי פון זיין אָדער דיקער לאַפּע, באַוואָקסן מיט רויטער וואָל. ער האָט מיט אַ שמייכל אַ קוק געטאָן אויף וואַסיליס אומעטיק און ערנסט פּנים.

— ליקאָווא-ניקאָלסקאיע איז אַ גרויס דאָרף... אין דער סביבה ווייסן אַלע דאָס דאָזיקע דאָרף און מיר וווינען פיר וויאָרסט פון אים, — האָט וואַסילי ערקלערט.

נו, נו... כ'וועל שוין צו אייך פאַרבלאָנדזשען... ווען ס'וועט זיין אַ געלעגנהייט דערצו.

— זיי געזונט!

— זייט מיר געזונט, ליבער מענטש!

— זיי געזונט מאַלוואַ! — האָט וואַסילי געזאָגט מיט אַ פאַרדעמפּטן טאָן, נישט קוקנדיק אויף איר.

זי האָט זיך נישט איילנדיק, אָפּגעריבן מיטן אַרבל די ליפּן און אַרויפלייגנדיק אים אויף די אַקסלען אירע ווייסע הענט, האָט זי אים דריי מאָל, ערנסט און שווייגנדיק, אַ קוש געטאָן אין די באַקן און ליפּן.

ער איז פון דעם געוואָרן צומישט און האָט עפּעס נישט דייטלעך אַרויסגעמירמלט עטלעכע ווערטער, ער האָט איינגעבויגן דעם קאָפּ, פאַרבאָרגנדיק זיין איראָניש שמייכל, און סעריאָזשקאַ איז געווען רויק, ער האָט אַפילו אַ לייכטן געגעץ געטאָן, קוקנדיק אין הימל אַריין.

— ס'וועט דיר זיין הייס צו גיין, — האָט ער געזאָגט.

— עס מאַכט נישט אויס... נו זיי געזונט, יאַקאָוו!

— זײ געזונט!

זײ זענען געשטאַנען אײנער קעגן דעם אַנדערן און נישט געװוּסט, װאָס צו טון. דאָס טרױעריק װאָרט „זײ געזונט"*), װאָס האָט אַזױ אָפט און מאָנאָטאָן געקלונגען אין די לופטן אין די דאָזיקע מינוטן, האָט דערװעקט אין יאַקאָװס נשמה אַ װאַרים געפיל צו זײן פאָטער, נאָר יאַקאָװ האָט נישט געװוּסט, װי אַזױ אַרױסצודריקן דאָס דאָזיק געפיל: אַרומנעמען דעם פאָטער, װי דאָס האָט מאַלװאַ געטאָן אָדער אַ דריק אים טאָן די האַנט, װי סעריאָזשקאַ? און װאַסילי האָט זיך געפילט באַלײדיקט, זעענדיק, װי זײן זון קען זיך נישט דעצידירן. דאָס נישט קענען זיך דעצידירן, װי אַזױ זיך צו געזעגענען מיטן פאָטער, האָט זיך אױסגעדריקט אין יאַקאָװס פּאָזע און אױף זײן פּנים, און, חוץ דעם, האָט װאַסילי געפילט צו זײן זון עפּעס אַזעלכעס, װאָס איז נאָענט צו בושה, ער האָט געפילט אַז ער שעמט זיך עפּעס פאַרן זון דאָס דאָזיקע געפיל איז אין אים אַרױסגערופן געװאָרן דורך דער ערינערונג אין דער סצענע אױפן ברעג, און דעם געראַנגל צװישן זײ בײדן און אױך אין מאַלװעס קושן נאָר װאָס בײם געזעגענען זיך מיט אים.

— אַלזאָ... זאָלסטו געדענקען אָן דײן מוטער! — האָט װאַסילי ענדלעך זיך אָפּגערופן.

— נו, גוט שוין! — האָט יאַקאָװ אױסגעשריען און אַ װאַרעם שמײכל געטון דערבײ... זאָרג זיך נישט... איך װעל שױן!...

און ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— נו... און אַלץ! בלײבט מיר דאָ געזונט און גליקלעך, זאָל אײך דער אױבערשטער געבן... און דערמאָנט מיך נישט צו שלעכטס... דאָס קעסעלע, סעריאָזשקאַ, האָב איך באַגראָבן אין זאַמד אונטערן הינטערשטן טײל פונם גרינעם שיפל.

— צװאָס טױג אים דאָס קעסעלע? — האָט שנעל יאַקאָװ אַ פרעג געטון.

---

*) אױף רוסיש: פּראָשטשײ — איז אַ זײ געזונט, מען געזעגנט זיך אָפּ אױף שטענדיק אָדער לפּחות, אױף אַ לאַנגע צײט, אָן אַן אױסזיכט איבעגיכן נאָך אַמאָל צו זען באַמ. פון איבערז.

— מ'האָט סעריאָזשקען צוגענומען אויף מיין שטעל... דאָרט אויפן ברעג... — האָט וואַסילי ערקלערט...

יאַקאָוו האָט אַ קוק געטון מיט קנאה אויף סעריאָזשקען, געכאַפּט אַ קוק אויף מאַלוועַן און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ:

— נו, זייט זשע מיר געזונט, ברידערלעך... כ'גיי שוין!

וואַסילי האָט זיך פאַר זיי פאַרנייגט און איז אַוועק. מאַלוואַ האָט זיך געלאָזט אים נאָכגיין.

כ'וועל דיך אַביסל באַגלייטן.

סעריאָזשקאַ האָט זיך אַנידערגעלייגט אויפן זאַמד און אַ כאַפּ געטון יאַקאָוון פאַרן פוס, זעענדיק ווי ער וויל נאָכגיין מאַלוועַן.

— טפרו! האַלט! וווּהין?

— וואַרט! לאָז מיך... — האָט יאַקאָוו זיך אַ ריס געטון.

סעריאָזשקאַ האָט אים אַ כאַפּ געטון פאַרן אַנדערן פוס און אים נישט געלאָזט גיין.

— זיץ דאָ מיט מיר.

— לאָז מיך, וואָס מאַכסטו זיך נאַריש?

— איך מאַך זיך נישט צו נאַר, נשקשה, אָבער דו בלייב דאָ זיצן מיט מיר!

יאַקאָוו האָט זיך אַנידערגעזעצט, צוזאַמענפרעסנדיק די ציין.

— וואָס ווילסטו?

— וואַרט! שווייג אַביסל, און איך וועל זיך באַטראַכטן דערנאָך וועל איך דיר זאָגן...

ער האָט בייז מיט זיינע חוצפּהדיקע אויגן באַקוקט דעם בחור און יאַקאָוו האָט זיך אים אונטערגעגעבן...

מאַלוואַ און וואַסילי זענען אַ היבשע ווײַלע געגאַנגען שווייגנדיק. זי האָט פון צייט צו צייט אים אַריינגעקוקט פון דער זייט אין פּנים אַריין און אירע אויגן האָבן מאָדנע געגלאַנצט. וואַסילי האָט זיך אָנגעבלאָזן, געהאַט אַ ברוגזדיק און כמורנע פּנים און געשוויגן. זייערע פיס זענען געזונקען אין זאַמד און געגאַנגען זענען זיי פּאַמעלעך.

— וואסיאַ!

— וואָס?

ער האָט אויף איר אַ קוק געטון און באַלד זיך פון איר אָפּגעקערט.

— דאָס האָב איך דאָך בכּיון דיך צוקריגט מיט יאַש-קען... איר וואָלט דאָ ביידע געקאָנט לעבן, זיך נישט קריגנ-דיק צווישן זיך, — האָט זי געזאָגט רויק און גלייך; קיין שאָטן פון חרטה האָט נישט געקלונגען אין אירע ווערטער.

— צו וואָס זשע האָסטו עס געטון? — האָט וואַסילי שווייגנדיק אַ ווײַלע, זי געפרעגט.

— כ'ווייס נישט... סתּם אַזוי!

זי האָט אַ צוק געטון מיט די אַקסלען, און געשמייכלט.

— אַ שיינע זאַך האָסטו אָפּגעטון, כ'לעבן! אַך דו! — האָט ער איר פאַרגעוואָרפן מיט אַ בייזער שטים.

זי האָט גאָר נישט געענטפערט.

— דו וועסט מיר קאַליע מאַכן דעם בחור, וועסט אים אינגאַנצן קאַליע מאַכן! אַך, דו מכשפה איינע!... האָסט גאָר נישט מורא פאַר גאָט, ווי שעמסטו זיך נישט אַזעלכעס צו טון! צי ווייסטו, צי גיסטו זיך כאָטש אָפּ אַ חשבון וואָס דו טוסט?

— וואָס זשע דאַרף מען דען יאָ טון? — האָט זי אים געפרעגט. און אין איר פראַגע האָט געקלונגען פאַרדרוס — נישט פאַרדרוס, נאָר אומרו.

— וואָס מ'דאַרף צו טון פרעגסטו? — אַך, דו! — האָט וואַסילי אַ געשריי געטון, אָנצינדנדיק זיך מיט אַ שאַרפן כעס צו איר.

אים האָט זיך שטאַרק געגלוסט איר צו דערלאַנגען אַ קלאַפּ, זי אומצווואַרפן זיך אונטער די פיס און זי אַריינטרעטן אין זאַמד אַריין, דערלאַנגנדיק איר קלעפּ מיט די שטיוול אין פּנים און אין ברוסט. ער האָט צונויפגעביילט די פויסטן און זיך אומגעקוקט צוריק.

דאָרטן ביי די פעסער האָבן געטאַרטשעט יאַקאָוויס און

סעריאָזשקאַס פיגורן און זייערע פּנימער זענען געווען געווענ־דעט צו אים.

— אַוועק פון מיר! מיינע אויגן זאָלן דיך נישט אָנקוקן! אַוועק! כ'בין גרייט דיך צושמעטערן אויף שטיקלעך...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און כּמעט געשעפּטשעט איר זידל ווערטער אין פּנים אַריין. די אויגן זיינע זענען געווען פאַרלאָפן מיט בלוט, די באָרד האָט זיך געטרייסלט און די הענט זיינע האָבן נישט ווילנדיק, זיך געצויגן צו אירע האָר, וואָס זענען אַרויסגעקראָכן פון אונטער איר קאָפּ־טיכל.

זי אָבער האָט אויף אים געקוקט רויק מיט אירע גרינע אויגן.

— כ'וואָלט געדאַרפט דיך אַוועקלייגן דאָ אויפן אָרט אַ טויטע, דו גאַסן־שיקסע איינע! וואַרט נאָר... וועסט שוין אָנ־טרעפן אויף אַן אַנדער יאָט, וועט ער דיך שוין אָנלערנען, אַז דו וועסט שוין האָבן צו געדענקען...

זי האָט אַ שמייכל געטון, אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט זי אַ זיפץ געטון און זיך אָפּגערופן:

— נו, גענוג שוין... זיי געזונט!

און אַ דריי טוענדיק זיך, איז זי אַוועק צוריק.

וואַסילי האָט איר נאָכגעריטשעט און געקריצט מיט די ציין פון כּעס און אויפרעגונג. מאַלוואַ איז זיך געגאַנגען ווייטער און זיך באַמיט איינצוטרעטן מיט אירע פיס אין די טיף אָפּגעדרוקטע סמנים פון זיינע טריט. און ווען איר האָט זיך איינגעגעבן צו שטעלן אַ פוס אין זיינס אַ טריט־אָפּדרוק, האָט זי דעם דאָזיקן טריט־סימן פאַרווישט מיט איר טריט. אַזוי איז זי פּאַמעליך געגאַנגען ביז די פּעסער, ווו סעריאָזש־קאַ האָט איר באַגעגנט מיט אַ פראַגע:

— נו, האָסט אים באַגלייט?

זי האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, אַלס צייכן, אַז יאָ, און זיך אַנידערגעזעצט נעבן אים. יאַקאָוו האָט אויף איר געקוקט און ליבליך געשמייכלט, רירנדיק מיט זיינע ליפּן אַזוי,

אַז ס'איז אויסגעקומען פּונקט ווי ער וואָלט געשעפּטשעט עפּעס אַזעלכעס, וואָס ער אַליין הערט.

— וואָס זשע... האָסט אים באַגלייט, „אַ שאָד געווען זיך מיט אים צו שיידן"? — האָט סעריאָזשקאַ זי ווידער געפרעגט מיט ווערטער פון אַ ליד.

— ווען וועסטו גיין אַהין, אויפן ברעג? — האָט זי אים אָפּגעענטפערט מיט אַ פראַגע שאָקלנדיק מיטן קאָפּ אין דער זייט פונעם ים.

— אין אָוונט.

— איך וועל אויך מיטגיין...

— גוט!... דאָס האָב איך ליב.

— איך וועל אויך גיין! — האָט יאַקאָוו אַנטשידן ערקלערט.

— ווער בעט דיך? — האָט סעריאָזשקאַ געפרעגט, צוזאַמענציענדיק די אויגן.

נאָר דאָ האָט אָנגעהויבן קלינגען אַ צובראָכענער גלאָק — מ'האָט די אַרבעטער גערופן זיי זאָלן זיך שטעלן צו דער אַרבעט. די קלאַנגען האָבן זיך איילִיק געטראָגן אין דער לופטן איינער נאָכן אַנדערן, פּונקט, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט צו פאַרשפּעטיקן — און אויסגיין אין פריילעכן גערויש פון די כוואַליעס.

— אָט וועסטו זען, ווי זי וועט מיך בעטן, כ'זאָל מיטגיין — האָט יאַקאָוו געענטפערט קוקנדיק אויף מאַלוואַן מיט אַרויסרופנדע בליקן.

— איך? צוואָס דאַרף איך דיך? — האָט זי זיך געוואונדערט.

— לאָמיר רעדן אָפנהערציק, יאָשקאַ... — האָט סעריאָזשקאַ גראָב זיך אָפּגערופן, אויפהויבנדיק זיך אויף די פיס. — זאָלסט וויסן זיין, אַז אויב דו וועסט צו איר צושטיין, וועל איך דיר צוברעכן די ביינער און אָנהאַקן די זייטן, אַז ס'וועט ביי דיר אָפּפאַלן יעדער חשק זיך צושאַרן צו איר. און אויב דיר וועט איינפאַלן, זי כאָטש אָנצורירן מיט אַ פינגער, וועל

איך דיך אַוועקלייגן אַ טויטן אויפן אָרט, דיך דערהרגענען ווי א פליג! כ'וועל דיר אַ זעץ טון איבערן קאָפּ — און אויס: דאַן ווערסטו ביי מיר אַ קופּע אַש... ביי מיר ווערט אַלץ אָפּגעטון פשוט!

סעריאָזשקאַס גאַנץ פּנים, זיין גאַנצע פיגור און די אָדערדיקע הענט זיינע, וואָס זענען געווען אויסגעצויגן צו יאַקאָווס האַלדז, האָבן איבערצייגנד גערעדט מכּח דעם, ס'אַראַ פּשוטע זאַך ביי סעריאָזשקען איז צו דערהרגענען אַ מענטש און יענעם איבערצופּעקלען אויף יענער וועלט.

יאַקאָוו האָט אַ טרעט אָפּ געטון צוריק און מיט אַ נידערגעשלאָגענעם טאָן געזאָגט:

— וואַרט אָקאָרשט, זי אַליין האָט דאָך...

— שטיל, שאַ! קיין איין וואָרט זאָל איך נישט הערן. שאַ!... וואָס, מ'שטיינס געזאָגט, ביזטו דאָס אַזוינס? נישט דו, כּלב, דאַרפסט עסן דאָס לעמעלע; זאָג אַ דאַנק, ווען מ'וועט דיר געבן נאָר אָפּצולעקן די ביינער... נו? וואָס'טו אָנגעשטעלט אויף מיר דיינע זעערס?

יאַקאָוו האָט אַ קוק געטון אויף מאַלווען. אירע גרינע אויגן האָבן אים געשמייכלט אין פּנים אַריין מיט אַ באַליידיקנדן דערנידעריקנדן שמייכל, און זי האָט זיך צוגעטוליעט צו סעריאָזשקאַס זייט אַזוי צערטליך, אַז יאַקאָוו האָט שיער נישט איינגענומען די כּפּרה פון אייפערזוכט.

זיי זענען אַוועקגעגאַנגען פון אים האַלטנדיק זיך איינער האַרט ביים אַנדערן און אָפּגייענדיק שוין, אויף אַ קליינעם מהלך, האָבן זיי ביידע אויסגעשאָסן מיט אַ הילכיקן געלעכטער. יאַקאָוו האָט ערשט אַריינגעשטופּט זיין רעכטן פוס אין זאַמד אַריין און איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן אין אַ אָנגעשטרענגטע פּאָזע, מיט אַ רויטן פּנים און אַ שווער אָטעמדיקע ברוסט.

ווייט איבער די גלעז, טויטע זאַמד-כוואַליעס האָט זיך באַוועגט אַ קליינע מענטשלעכע פיגור; אויף רעכטס פון איר האָט אויף דער זון געגלאַנצט דער פריילעכער און מעכטיקער ים, און אויף לינקס, אַזש ביזן סאַמען האָריזאָנט האָבן זיך

געצויגן לויטער זאַמדן, מאָנאָטאָנע, אומעטיקע און וויסטע. יאַקאָוו האָט אַ קוק געטאָן אויפן איינזאַמען מענטשן און אָנגעהויבן צו פינטלען מיט די אויגן, פול מיט באַליידיקונג און פאַרוווּנדערונג, און זיך מיטביידע הענט פעסט געריבן די ברוסט.

אויף דער פישעריי האָט אָנגעהויבן צו קאָכן די אַרבעט.

יאַקאָוו האָט געהערט מאַלוועס זאַפטיקע ברוסט-שטים, וואָס האָט שטאַרק געשריגן:

— ווער האָט גענומען מיין מעסער?..

די כוואַליעס האָבן געקלינגען, די זון האָט געשוינט און דער ים האָט געלאַכט...